# די געשיכטע פון די אידן

אין

# לעטלאנד

## פון יאר שכ״א — תרפ״ג

(1923—1561)

געדרוקט 2 מאל אין עברית מיט דעם נאמען

„תולדות היהודים בקורלאנד“

איבערזעצט דורך וו. וואלף.

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2019

1928

## Ebrēju vēsture Kurzemē un Zemgalē

sastādījis Jelgavas Virsrabins L. OVČINSKIS

Izd. L. Remigolski, Rigā, Marijas ielā 8-a.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן אין ספרים טליתים געשעפט אין ריגע
**L. Remigolski Rigā Marijas ielā 8-a**
Postf. 630 Tel. 27751 (Latvija) Lettland

# די געשיכטע פון די אידן
## אין
# לעטלאנד
## פון יאר שכ"א — תרפ"ג
## (1923—1561)

געדרוקט 2 מאל אין עברית מיט דעם נאמען
**"תולדות היהודים בקורלאנד"**
איבערזעצט דורך וו. וואלף.

פארלאג:
ל. רעמיגאלסקי ריגא, מאריען גאס 8 און מאסקווער גאס 66.

געדרוקט אין דרוקעריי "עקסטרא" י. יאקובאוויץ, ריגא, גר. יונגפערן גאס 15.

# לזכרון עולם.

להנדיב אוהב תורה ושומר מצוה **ר' יהודה ליב בר' שלמה זלמן האפף**, ולרעיתו הכבודה והצנועה מרת **שרה בת ר' שלמה דימאנט.**

על שניהם מצבה אחת עם הנוסח הזה,
הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו

יקירי-לב וטהורי-רוח הייתם
הלכתם בדרכי ד', והטוב עשיתם
וכפיכם לעני, וידיכם לאביון שלחתם
די באר צדקותיכם ומעשיכם
החסדים הגדולים וטיב מפעלותיכם
לא תכיל האבן אף למקצת שבחיכם
יקוננו עליכם כל אוהביכם
בדמעות שליש יבכו בניכם ובנותיכם

אבינו היקר ירא וחרד לדבר ד',
ר' יהודא ליב בר' שלמה זלמן האפף
נולד שנת תרכ"ד
נפטר. י' מרחשון תרפ"ז

אמנו היקרה, הצנועה והעדינה
מרת שרה בת ר' צבי שלמה דימאנט
נולדה בפרויענבורג תרכ"ח
ונפטרה י"א אייר תרפ"ה

---

תודתי וברכתי להאחים הנכבדים ומפורסמים; דר, ראובן (ראבערט) יעקב ואהרן שמעיה (ארנאלד) בני ידידי ר' יהודה ליב האפף בעד הנייר שנתנו להדפסת ספרי זה, יריק ד' להם שפע ברכות והצלחות.

המחבר

### געווידמעט דעם לעטישן פרעזידענט הערן

# גוסטאוו זעמגאל

## צום 10־יאריקן יובילײ פון לעטישער זעלבשטענדי־קײט וועלכע עס איז דורך הערן זעמגאל פראקלא־מירט געווארן דעם 18־טן נאיאבר 1918 יאר.

אין דעם ווערק איז שוין אפילו געדרוקט וועגן לאטוויא, נאר אזוי ווי דער ווערק איז ארויס פון דרוק אין די טעג פון 10 יאריקן יובילײ, שרייב איך איניגע צײלן, פון דער רעדע, וועלכע איך האב געהאלטן אין דער מי־טוישער גרויסער סינאגאגע בא דער גרייסער פײערלעכער גאטעסדינסט דעם 18 נאיאבר 1928:

„היינט פײערן מיר דעם גרויסן פײערטאג פון 10 יאריקן יובילײ פון לעטישער זעלבסטענדיקײט, מיר אידן פײערן דעם יום טוב מיט ענטוזיאזם א דאפלטע שמחה, ערשטנס, גלייך מיט אלע בירגער פון לאנד, פאר וועלכע מיר האבן געקעמפט און מיטגעהאלפן רעאליזירן איר זעלבסטשטענדיקײט און צווייטנס, אלס מער פון אלע מעוטים געליטענע און אונטערדריקטע אין דער צארישער מלוכה, ווארום צו באשרייבן ואגאר אין קורצן ווייפל מיר זיינען אויסגעשטאנען פון די אומגערעכטיקע געזעצן וועגן אונז, באזונדערס וועגן וואוינרעכט, וועט זיין ווייניק א גרויסער בוך, פאר די צייט, וואס אידן האבן געלעבט אין קורלאנד, זעמגאלן און ליפלאנד, זיינען ארויסגעגעבן געווארן צירקע 25 צירקולארן צו באגרענעצן אונזערע רעכטן, צווישן זיי ווילדע מער־דערישע, וויפיל אידישע טרערן זיינען פארגאסן געווארן אט אין דעם מיטווישן שלאס וועגן בקשות אופצוהאלטן זיך אין קורלאנד, און בא דער דעמאקראטישער רעגירונג לאטוויא זיינען מיר באפרייט געווארן פון אלע צארישע בארבארישע געזעצן.

מיט אינערליכע פרייד און באגייסטערונג באגריסן מיר לאטוויא

## זאל לעבן לאטוויא!

מיר ווינטשן איר די ברכה, וואס דער אייביקער האט געבענשט דוד'ן: „ואהיה עמך בכל אשר הלכת ואכרתה את כל איביך מפניך ועשתי לך שם גדול כשם הגדולים אשר בארץ", (שמואל ב' 7—9).

# הוספות

זייט 11, אין פאלקס ראט זיינען איך געוויען: אינזשענער י. לאנדוי, ד"ר י. עליאסבערג, אדוואקאט פ. לאצקי, אינזשענער י. בערז, און ר. זאבארעוויטש.

זייט 95 הרב ר' זעליג איז דער ערשטער וועלכער האט אנגענומען דעם פאמיליענאמען „זעליגמאן".

זייט 96 הגאון ר' בנימין אין יאר תרפ"ה האבן זיינע זין הרב ר' אברהם צבי און הרב ר' מאיר דוד אייזענשטאדט אפגעדרוקט זייער פאטערס א ספר „משאת בנימין" אף ש"ס און הדרנסס.

זייט 104 דער ברודער פון הגאון ר' יוסף שלמה האזנפאטער איז געווען הרב הגאון ר' אליה ריטעווער דער פאטער פון הרב הגאון ר' טודרוס רב אין ריטעווא (הרב הגאון ר' זאב וואולף אברך רב אין מאזייק דער מחבר פון ספר „רביד הזהב" איז געווען דער פערטער דור פון ר' טודרוס),

זייט 105 שורה 2 הרב ר' משה דון יחייא, געשטארבן יאר תרפ"ה שורה 13 געשטארבן תרפ"ד, זייט 106 שורה 4 הרב ר' ליב. יעצט רב אין צערניגאוו.

דער צווייטער זון פון הגאון ר' מענקע ווידזער און געווען הרב הג' ר' אברהם דין יחייא. געווען רב אין דענאבורג אין דער צייט פון הגאון ר' ליב זלקינד (בטלן)

זייט 79 דורכגעלאזן: הרב ר' אליעזר בר' שרגא יצחק הכהן פינקאווין געבארן אין בויסק, געווען רב אין וואלק, און פארטראטן די רבנות שטעלע אין פרויענבורג, און מער ווי 20 יאר א רב אין סמילטען, געשטארבן אלט 71 יאר כ"ג חשון תרפ"ט

יאקאבשטאט, דורכגעלאזן אז הגאון ר' אפרים כאמונאוו איז געווען רב אין יאקאבשטאט פון תרנ"א ביז תרנ"ח.

זייט 123 ר' יוסף שו"ב איז געשטארבן 19 טעג אין טבת תרנ"ח

זייט 170 שורה 17, אין יאר תרפ"ו אנגענומען געווארן פאר א רב אין טוממשיסלאוו געשטארבן דארטן יאר תרפ"ח.

170 דורכגעלאזן: הרב ר' לוי צבי בהרב הגאון ר' משה נתן שפיין געווען רב אין פאלאנגען אין ווארנא און יעצט איז ער א רב אין פלונגיאן אף זיין שווערס ארט הגאון ר' שמואל אביגדור פייועלזאהן.

זייט 122 ר' יוסף אשכנזים אור אייניקעל איז הר"הג ר' זלמן בר' שלום רייבלין רב אין וואבאלניק.

זייט 169 הר"הג ר' ישראל ריבלין היה חותן הורגו של הר"הג ר' יחיאל פרידמאן והותני היה הר"ר אברהם זאב נפטר בן ל"ב שנה. ור' ישראל לקח את אלמנתו וגדל את בנות רעיתו ממש בבנותיו ולכן נקראו על שמו בנות ר' ישראל.

זייט 162 איצט דער פרעזעס פון בקור חולים ד"ר הירשפעלד.

# הקדמה.

די וויכטיקייט פון דעם ספר האב איך שוין אפגעוויזן אין דער הקדמה פון דער ערשטער אויסגאבע אין שפת קדשנו. איבער די אידן אין קורלאנד איז ביז מיין ארויסגעבן דעם ווערק אין 1908 גאנץ ווייניק געדרוקט געווארן, אויסער א קליינעם ווערק אין דייטש: „געשיכטע דער יודן אין דען פראווינצען ליפ-אונד קורלאנד, מיטוי 1853" פון דער געלערטן ר' יוסף ראובן וואונדערבאר, און מאנאטליכן „וואסחאד" 1895 פון ד"ר ברוצקס און אין „וואסהאד" 1904 פון היסטאריקער י. העססען, אבער אין די אלע ארטיקלען ווערן די רבנים פאר דער גאנצער צייט, וואס זיי זיינען געווען אין קורלאנד,= לערך 200 יאר נים דערמאנט. ה' וואונדערבאר דערמאנט אין קורצן די נעמען פון איניקע רבנים, וועלכע זיינען געווען אין מיטוי, אבער אויך מיט פעלערן. ווען פון די רבנים וואלט צום וויניקסטן נאכגעבליבן געדרוקטע ווערק, וואלט זייער נאמען נים פארגעסן געווארן, אבער ליידער זיינען כמעט פון אלע רבנים און גאונים אין קורלאנד (אויסער בויסקער רבנים) קיין ספרים נים געדרוקט געווארן, און שוין יעצט זיינען פיל רבנים און גאונים, וואס זיינען געווען אין קורלאנד, פארגעסן=געווארן, און מיט דער צייט קען פון גרויסע רבנים=חכמים, וואס זיינען געווען אין קורלאנד, מיט לערך 100 יאר צוריק און מערער קיין זכר נים בלייבן,=דעריבער האב איך געפונען פאר נויטיק צו געבן א וויכטיקן ארט די אלע רבנים און גדולים פון קורלאנד, צייט אידן האבן זיך דארט באזעצט, אויך די אלע קהלות פון קורלאנד, און ווען זיי זיינען געגרינדעט געווארן

שוין נאך מיין דרוקן דעם ספר אין עברית אין 1908 און 1911 האט מען מיר געבעטן, איך זאל אים איבערזעצן אין אידיש אדער אן אנדער שפראך, וויל פון די קורלענדער אידן, וועמען אזא ווערק אינטערעסירט מער פון אנדערע, פארשטיין ווייניק שפת קדשנו. איך בין אבער געווען קעגן דרוקן דעם ספר נים אף אונזער שפראך, נאר נים האבנדיק פון מיינע ביידע אויסגאבן קיין ווערק, און אזוי ווי מיין ספר איז איבערזעצט

געװארן אין אידיש האב איך אײנגעשטימט מען זאל איס דרוקן.
לוי בהרב ר׳ דובער יונה אוצינסקי.

רב אין מיטוי, פריער אין אלט־אױין.

## 1. פון וועלכן פאלק שטאמען די ליווען און קורען, זייער גלויבן און הערשאפט

פריער האט מען גערופן ליפלאנד, קורלאנד און עסטלאנד אונטער איין נאמען=ליפלאנד. דארטן האבן געלעבט פיר פארשידענע פעלקער: לייוען (Liwen) קורען (Kuren) זעמגאלן (Semgallen) און זעללען (Sellen) די זעמגאלן און זעללען זיינען פון לעטישער אפשטאמונג, די לייוען און קורען — פון פינישער אפשטאמונג. זיי זיינען געווען געצנדינער: געדינט און בארעט האבן זיי דעם ערשטן טאג, דעם „דאננערטאג" קיין איינגעארדנטע רעגירונג האבן זיי נים געהאט, ניי אויך קיין הערשער, נאר די עלטערע פון זיי האבן אנגעפירט מיט די מלחמות.

פון די קורען איז קיין אנדיינקונג נים פארבליבן; פון די לייוען זיינען נאך דא געציילטע. (פון א דייטשער בראשורע וועגן באלטישע פראווינץ, נים אנגעגעבן דער נאמען פון פארפאסער; צווייטע אויסגאבע, דארפאט, 1874).

## 2. דאס אנקומען פון דייטשן אין ליוואניען, און די אונטערפאלונג פון ליפלאנד און קורלאנד צו פוילן.

אין יאר 1159 זיינען אין לייוואניען (ליפלאנד) געקומען דייטשן פון ברעמען (דייטשלאנד) און האבן מיט די לייון מלחמה געהאלטן, א מלחמה איבערן גלויבן, האבן באזיגט און איבערגעגעבן לייוואניע אונטערן שוץ פון דער דייטשער רוימישער רעגירונג און קאטוילישן פויבסט.

פון יאר 1237 האבן די דייטשן איינגעפירט אין לייוואניע ריטערס, דייטשע ארדנס=מייסטער און אין ערצבישטום רעגירונג פון יאר 1494 ביז 1535 האט רעגירט דער באוואוסטער ארדנס=מייסטער וואלטער פאן פלעטענבורג.

נאך א 50 יעריקן פרידן צווישן רוסלאנד און

ליפלאַנד, האָט די ערשטע ערקלערט מלחמה ליפלאַנד. ווען דער אָרדנס-מייסטער גאָטהאַרד קעטטלער האָט געזען, דאָס דורך דער מלחמה שטייט זיין לאַנד אין געפאַר, האָט ער זיך אין יאָר 1550 געווענדעט צו זיגמונד דעם 2-טן, דעם קעניג פון פוילן, נאָך הילף געגן זיינע פיינד, און האָט איינגעשטימט צו געבן איבּ אין משכון איניגע שטעט און קרייזן. זיגמונד-אויגוסט האָט וועגן דעם געשריבּן אין סיים אין ווילנאָ. קעטטלער האָט איך געפראוווט בעטן הילף בּאַם רעגירונגס-סיים אין אייגענסבורג, נאָר דער סיים האָט אים געראָטן בעטן הילף בּאַ פוילן, און אזוי איז זיין ביטע אָפּגעוויזן געוואָרן.

ווען קעטטלער האָט זיך צוריקגעקערט אין ריגאָ, איז ער ערהויבּן געוואָרן אַלס אָרדנס-מייסטער און ער איז שוין געווען דער לעצטער אָרדנס-מייסטער אין דייטשלאַנד.

אין יאָר 1559 איז אין ריגא געקומען דער גרויספּירשט ראַדזיוויל און ערקלערט אין נאָמען פון פוילישן קעניג, דאָס פוילן איז איינשטימיק צו העלפן ליפלאַנד נאָר בתנאי, אז ליפלאַנד צוזאַמען מיט דער שטאָט ריגאָ זאָל איבּערגעגעבּן ווערן אונטער פוילנ'ס שוין. דעם פאָרשלאָג האָבּן אפילו די דייטשן ניט אָנגענומען, אָבּער שפּעטער האָבּן זיי געשיקט קעטטלער אין ווילנא מיט א פעסטער איינשטימונג איבּערצוגעבּן פוילן גאַנץ ליפלאַנד, אויסער די שטאָט ריגא און די פעסטונג קאָקענהויזן.

ענדע אויגוסט 1559 איז צווישן קעטטלער און קעניג פון פוילן געשלאָסן געוואָרן א בונד אַף פאָלגנדע בּאַדינגונגען:

1). קעטטלער גיט איבּער פוילן די גאַנצע לאַנד פון דעם גרענעץ ליטויען בּאַ דער שטאָט דרויא פון בּיידע זייטן דווינאָ, די פעסטונגען דינאַבּורג און זעלענבּורג. אויך דעם שלאָבּ. פעסטונג בּויסק דאָס אַלעס ווערט אָפּגעגעבּן פוילן אין משכון.

2). פאַר א סומע פון הונדערט טויזנט גולדן האָט קעטטלער דאָס רעכט אויסצולייזן דעם משכון.

3). דער קעניג פון פוילן פאַרפליכטעט זיך צו העלפן ליפלאַנד אין אַלע מלחמות און שטרייטן, און צו רעטן איר פון

אַלע פּײַנד, װעלכע שטײען אױף אַך איר.

אין דערזעלבער צײַט, װען עס איז געשלאָסן געװאָרן דער אָפּמאַך אין װילנער סײם, האָט יאָהאַן פאָן מינכענהויזן, דאָפּלבישאָף פון אָזעל און פּילטן, פאַרקויפט די קרײַזן פאַר 30 טױזנט טאַלער דעם קעניג פרידריך דעם 2־טן פון דענעמאַרק, פרידריך װידער האָט זײ װײטער פאַרקױפט זײַן ברודער, דעם פירשט מאַגנוס פאָן האָללשטײן, און אין אַפּריל 1560 איז מאַגנוס געקומען נעמען זײַן קױף־דעם אינזל אָזעל.

אין יאָר 1561 האָט נאָכאַמאָל אננגעטראָפן פירשט ראַדזיװיל אין ריגאַ. אין נאָמען פון פּױלן האָט ער ערקלערט, דאָס פּױלן קען העלפן ליפלאַנד נאָר מיט דעם באַדינג, דאָס ליפלאַנד מוז געהערן נאָר פּױלן, און ליפלאַנד װעט געגעבן װערן אױטאָנאָמיע. קעטטלער און דער ריגאַשער בישאָף װילהעלם זײַנען געצװאונגען געװען אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג.

אין מאַרט 1562 איז דער טראַנספּאָלגער ראַדזיװיל געקומען אין ריגאַ. שרעקליך איז געװען צו הערן די רעדע פון לעצטן אָרדנס־מײַסטער קעטטלער באַם איבערגעבן ראַדזיװילן די שליסלען פון פעסטונגען פון דער שטאָט און די פאָנען.

ביזן יאָר 1582 איז ריגא געװען פרײַ פון פּױלישער הערשאַפט און איז געשטאַנען אונטער דער פירונג פון לעצטן בישאָף פון ריגאַ,־מאַרקגראַף פאָן בראַנדענבורג.

און אַזױ זײַנען פאַרטײלט געװאָרן ליפלענדשע, קורלענדשע און עסטלאַנדישע קרײַזן:

1). דאָרפּאַט, נאַרװאַ און די אַרומיקע שטעט געהערן צום רוסישן קײזער יאָהאַן דעם 4־טן (דער פירכטליכער).

2). פּילטן דער אינזל אָזעל, מיט זײערע קרײַזן־דעם פירשט מאַגנוס פאָן האָללשטײן.

3). עסטלאַנדער גובערניע־דעם קעניג פון שװעדן.

4). ליפלאַנד־דעם קעניג פון פּױלן זיגמונד אױגוסט דעם 2־טן.

5). די פירשטענטומס קורלאַנד און זעמגאַלען קעטטלער אונטער דער שוץ פון פוילן.

6) ריגאַ בלייבט אַ פריי־שטאָט ביז יאָר 1582. (פון דער איובענדערמאַנטן ווערק).

## 3. קורלענדער פירשטן און די צייט פון זייער רעגירן.

קעטטלער, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, איז געווען דער פירשט פון קורלאַנד און האָט רעגירט ביז זיין טויט, דעם 17־טן מאַי 1587. זיין טראָן האָט ער איבערגעגעבן זיינע צוויי זין: פרידריך און ווילהעלם; ביז יאָר 1618 האָבן זיי ביידע רעגירט.

פון 1618 ביז 1642 האָט רעגירט פרידריך אליין דעם טראָן האָט איבערגענומען יאַקאָב. דער זון פון זיין ברודער ווילהעלם; ער האָט געגרינדעט די שטעט יאַקאָבשטאָט און אין פרידריכשטאַט געשטאָרבן דעם 21 דעקאַבר 1681. אין זיינע צייטן האָט מלחמה געהאַלטן שוועדן מיט קורלאַנד און האָט פארנומען פילע שטעט און פעסטונגען.

נאָך אים האָט רעגירט זיין זון פרידריך־קאַזימיר; געשטאָרבן דעם 22 יאַנואַר 1698. נאָך אים האָט רעגירט זיין זון פרידריך־ווילהעלם, און אזוי ווי ער איז אַלט געווען נאָר 6 יאָר, האָט ביז יאָר 1710 געפירט די רעגירונג זיין אָנקל פערדינאַנד, וועלכער איז שפּעטער געווען הערצאָג אין קורלאַנד.

אין יאָר 1711 איז געשטאָרבן דער יונגער הערצאָג פרידריך, און זיין פרוי אננא יאָהאַנאָוונא איז אין יאָר 1730 געוואָרן די קייזערין פון רוסלאַנד.

פון 1711 ביז יאָר 1737 האָט רעגירט דער איובענדערמאַנטער פערדינאַנד. מיט זיין טויט האָבן זיך געענדיקט די פירשטן פון קעטטלערס פאַמיליע.

פון 1737 ביזן יאר 1741 האט רעגירט דער פירשט ערנסט יאהאן בירען, (1)

פון 1758 ביז 1763 האט רעגירט קארל, דער טראנספאלגער פון זאקסן.

פון 1763—1769 האט צום 2-טן מאל רעגירט גראף בירען נאך זיין צוריקקערן פון גלות. פון 1769—1795 האט רעגירט זיין זון פעטער, וועמען ער האט איבערגעגעבן די הערשאפט נאך בא זיין לעבן.

(פון דער געשיכטע „באלטישע פראווינצן", פון הערן ערנסט זעראפים)

אין יאר 1795 איז קורלאנד צוגעצויגן געווארן צו רוסלאנד, און גענעראל פאלען איז געווען דער ערשטער גענעראל-גובערנאטאר אין קורלאנד.

---

(1). פון 1741 ביז 1758 איז קיין הערצאג ניט געווען, נור אויגוסט דער 3-טער קעניג פון פוילן, האט געפירט די רעגירונג.

# 4. לעטלאנד.

וועגן דער געשיכטע פון לאטוויא זיינען שוין געדרוקט געוואָרן איינצע ווערק, באזונדערס צייכנט זיך אויס פון זיי דער ווערק פון Fr. Zalit אונטער דעם נאמען „Latvijas vēsture“ געדרוקט אין ריגא, פון וועלכן איך האָב פאלגנדע אַרטיקלען אין קורצן איבערזעצט.

אין דער צייט פון וועלט = קריג, בעת עס איז געפאלן די רוסישע דינאסטיע, אונטער וועלכע עס האבן אויך געהערט די באלטישע פראווינצן, און נאכהער די רעוואליוציע אין דייטשלאַנד אין 1918, נאך וועלכער דייטשלאַנד איז געווען געצוואונגען צו שליסן מיט די פאַרבינדעטע שלום ,אננעמענדיק אַלע אירע באדינגונגען ,צווישן אנדערע האט זי געמוזט אפרופן פון דער אקופירטער רוסלאַנד איר חיל, אויך פון באַלטישן פראווינץ, און דאס האט געגעבן די מעגלעכקייט, אז אין נאָיאבר 1918 האָבן זיך אין ריגאַ פאַרזאַמלט פאַרשידענע פאָליטישע און אָרגאַניזאַציעס פאָרשטייער, וועלכע זיינען ביז דאַן באַשטאַנען פון נאַציאָנאַל ראַט און דעמאָקראַטישן בלאָק, און אַרומגערעט וועגן די ווייטערדיקע שריט. דעם 17=טן נאָיאַבר אינאָזינט איז אָנגענומען געוואָרן די אַנטגילטיקע איינונג וועגן גרינדן די נייע אָרגאַניזאציע= פאָלקס=ראַט. אין דעם ראַט זיינען אַריינגעגאַנגען פאַרשידענע פאָרשטייער פון פאָליטישע פאַרטייען,=אויסנאַם עקסטרעם רעכטער (פאָלקס פאָרטיי) און לינקע (באַלשעוויקן),= אויסער דעם דעלעגאַטן פון קורלאַנד און לאַטגאַלן.

דער פאָלקס=ראַט האָט אויך געגעבן א אָרט די אָרטיקע מינאָריטעטן פאָרשטייער, כדי אין דעם נייעם אַנשטאַלט זאָלן זיין פאַרטרעטן ניט נאָר דער לעטישער פאָלק, נאָר אַלע לעטישע איינוואונער. ביז דעם צוזאַמענקומען פון א לעטישער גרינדונגס= פאַרזאַמלונג, האָט דער פאָלקס=ראַט גענומען אַף זיך די צוזאַמענ- שטעלונג פון א צייטווייליקער רעגירונג אַלס פאָרזיצער פון לעטישן פאָלקס ראַט איז .אויסגעוויילט געוואָרן ה' יאַהן טשאַקסטע. זיין שטעל פאָרטרעטער — ג. זעמגאַל. צוזאַמענשטעלן א מיניסטאָרן

קאבינעט האט מען אנגעטרויט ק. אילמאן אלס מיניסטער פרעזידענט. דער פאלקס־ראט האט באשטימט צו פראקלאמירן די גרינדונג פון דער לעטישער רעגירונג. (1).

---

(1) אין פאלקס־ראט זיינען אריינגעגאנגען אויך פאלגענדע אידן: פראפעסאר פאול מינץ וועלכער איז אויך געווען קאנטראליער מיניסטער ביז יוני 1921. שטאמט פון די גרויסע גאונשע פאמיליע מהר"ם מינץ, ר' מרדכי דובין באוואוסט מיט זיינע ארבעט און טעטיקייט פארן פרט און כלל און בפרט פאר חזוק התורה און אמונה, אדוואקאט זשאנא טראן באוואוסט מיט זיין טעטיקייט אפן געביט פון ציוניזם, פעדאגאג פישמאן מחבר פון איניגע לערע ספרים און ד"ר ל. גריבעשאק באוואוסט מיט זיינע ארבעט אין פיל צדקה פאראיינען און יארן לאנג פארזיצער פון מלביש ערומים.

## 5. די פראקלאמירונג פון לעטלאנד

דעם 18=טן נאיאבר 4 אזייגער נאכמיטאג איז אין לאקאל פון יעצטיגן נאציאנאלן טעאטער פארגעקומען דער פראקלאמירונגס=אקט. דער געהילף=פארזיצער הי' זעמגאל= (דער פארזיצער טשאקסטע איז נאך דאן אין ריגא ניט געווען) האט פראקלאמירט, דאס די סואווערענער מאכט פון לאטוויא גייט אריבער אפן פאלקס ראט. נאכהער האט דער ערשטער לעטישער מיניסטער פרעזידענט אולמאן באקאנט געמאכט אין נאמען פון דער צייטווייליקער רעגירונג וועגן דער גרינדונג פון דער לעטישער רעגירונג ווי א דעמאקראטישע רעפובליק.

די נייע רעגירונג האט זיך דאן געפונען אין א זייער טרויעריקן מצב: פאקטיש איז דאן די גאנצע מאכט געלעגן אין די הענט פון דער דייטשער אקופאציע=מאכט. ניט קוקנדיק וואס די דייטשן האבן צוגעשטימט צו דער נייער רעגירונג, פאקטיש אבער האבן זיי מיט אלע כחות געשטערט די ארבעט פון דער נייער רעגירונג. די נייע רעגירונג האט געמוזט זארגן צו באשיצן דאס לאנד; באזארגן לעבנס=מיטלען פאר די איינוואוינער אין מיטהעלפער—כמעט ווי קיינעם. און דערצו איז נאך בא די גרעניצן פון לעטלאנד געשטאנען די באלשעוויקן.

## 6. די באלשעוויקן אין לעטלאנד.

אין פרילינג 1918 האבן די באלשעוויקן ארויסגעטריבן פון לעטלאנד די דייטשע אקופאציע מאכט. די דייטשן האבן געמוזט פארלאזן דאס לאנד לויט די באדינגונגען פון וואפן=שטילשטאנד לויט דער פארארדנונג פון די פארבינדעטע. נאר אזוי ווי אין דייטשלאנד איז צו דער צייט אויסגעבראכן די רעוואלוציע, איז די דיסציפלין אין דער דייטשער ארמיי געזונקן, די סאלדאטן האבן ליינגער ניט געוואלט בלייבן און זיינען געלאפן אהיים. די פאלקן פון ראטן רוסלאנד מיט די געוועזענע לעטישע שיסער פאלקן האבן פארפאלגט דעם דייטשן חיל. די נאכגעבליבענע דייטשן האבן ארגאניזירט די אויי געריפענע ,אייזערנע דיוויזיאן: די באלטישע דייטשן ווידער פון זיך האבן ארגאניזירט צו באשיצן זייער ערד „לאנדעסווער" איך די צייטווייליגע לעטישע רעגירונג האט ארגאניזירט איניגע נאציאנאלע ראטעס. אבער

דאָס אַלעס צוזאַמען גענומען איז דאָך געווען צו שוואַך אָפּצוהאַלטן דעם דרוק פון די באָלשעוויקן.

דעם 17־טן דעקאַבר 1918 האָבן די פאַרשטייער פון ראַטן־רעגירונג שטוטשקאַ און דאַנישעווסקי אַרויסגעלאָזן אין וואַלק אַ מאַניפעסט וועגן איינפירונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין לאַטוויאַ. דעם 22־טן דעקאַבר האָבן די באָלשעוויקן איינגענומען וואַלמאַר, גלייך נאָכדעם — ווענדען און דעם 3־טן יאַנואַר 1919 האָבן די דייטשן פאַרלאָזן ריגאַ. אין איינע פּאָר וואָכן איז פון די באָלשעוויקן באַזעצט געוואָרן כמעט גאַנץ קורלאַנד, און אויסער ליבאַוו מיטן אומגעגנט איז גאַנץ לאַטוויאַ געווען פאַרנומען פון באָלשעוויקן. די לעצטע האָבן אָנגעהויבן איינפירן קאָמוניסטישע אָרדנונג. די פאָלגן פון דער אָרדנונג איז געווען אַ הונגער, איבערהויפּט אין די שטעט. אויסערדעם האָט נאָך איבעראַל געהערשט אַ שרעקליכער טעראָר.

דער לעטישער פאָלקס ראַט און די צייטווייליגע רעגירונג זיינען אַריבער אין ליבאַוו, דאָ האָבן זיי איבערגעלעבט שווערע טעג. אין זייער רשות האָבן זיי געהאַט נאָר איניגע פרייוויליגע לעטישע ראָטעס אונטער אָנפירונג פון פּאָלקאָווניק קאַלפּאַק וועלכער האָט געקעמפט מיט די באָלשעוויקן אַף די ברעגן פון דער ווענטאַ. נאָר אויך די איניגע לעטישע ראָטעס זיינען געווען אָפּהיינגיק און זיך געצײלט אונטערן דייטשן גענעראַל פאָן גאָלץ כדי די לעטן זאָלן ניט האָבן קיין איבערגעוויכט אַפן פראָנט האָט פאָן גאָלץ געשטערט די פאַרפולונג פון די לעטישע ראָטעס ניט ערלויבנדיק מאַכן מאָביליזאַציעס.

אין דערזעלבער צייט האָבן די באַלטישע גוטס־באַזיצערס זיך שטיצנדיק אַפן לאַנדעס־ווער, געמאַכט אַ פאַרשווערונג קעגן דער לעטישער צייטווייליקער רעגירונג מיט דער אַבזיכט צו גרינדן אַן אייגענע רעגירונג. אַזוי ווי פאָן גאָלץ, האָבנדיק אין זיין מאַכט דייטשע מיליטער און אויך די „אייזערנע דיוויזיאָן" האָט דעם געדאַנק אונטערשטיצט, האָט זיך די פאַרשווערונג טיילווייז איינגעגעבן. די „לאַנדעסווער" אונטער אָנפירונג פון באַראָן מאַנטייפעל איז געקומען אין ליבאַוו און דעם 16־טן אַפּריל אַרעסטירט מערערע מיטגלידער פון פאָלקס־ראַט און פאַר דער צייטווייליקער רעגירונג. אולמאַן און איניגע רעגירונגס־מיטגלידער

האָט זיך איינגעגעבֿן צו אַנטלויפֿן און געפֿינען שוץ בײַ די פֿאַרבינדעטע. אזוי ארום האָט זיך די דײַטשן איינגעגעבֿן צוזאַמענשטעלן א נײַע רעגירונג מיט פּאַסטאָר אַנדריי ניעדרא בּראש. די פֿאַרבינדעטע האָבֿן אָבֿער דאָך געהאַלטן די זײַט פֿון דער ציטמייליקער רעגירונג.

## 7. דאס ארויסטרײַבֿן פֿון די באָלשעוויקן פֿון לעטלאַנד.

ניט לאַנג זײַנען די באָלשעוויקן פֿאַרבֿליבֿן אין קורלאַנד און ליפֿלאַנד, שוין אין אָנפֿאַנג מאַרט 1919 האָבֿן די לעטישע פֿאָלקן צוזאַמען מיט דעם „לאַנדעסווער" און „אײַזערנע דיוויזיאָן" אָנגעפֿאַנגען אַן אָנגריף אויף די באָלשעוויקעס. אין דער ערשטער שלאַכט איז געפֿאַלן פֿאָלקאָווניק קאַלפּאַק און זײַן שטעל האָט פֿאַרנומען פֿאָלקאָווניק באַלאָדיס. שוין אין מאַרט מאָנאַט איז פֿון די באָלשעוויקן אָבגעפֿאַלן כמעט גאַנץ קורלאַנד, אַרײַנגערעכנט פּרויענבורג, טוקום, קאַנדוי, טאַלכן און שפּעטער אויך מיטוי און שלאָק. און דער זעלבער צײַט איז געגאַנגען דער אָנגריף אויף די באָלשעוויקן אויך פֿון זעמגאַלן, דאָרטן האָט די ציטווייליגע רעגירונג צוזאַמען מיט די עסטן אָרגאַניזירט מיליטער־אָפּטיילונגען אונטער דער פֿירונג פֿון זעמיטאַן און האָבֿן באַפֿרײַט מערערע זעמגאַלישע געביטן. נאָך א קורצן שטילשטאַנד האָט אין דער צײַט פֿון ניעדראַס „רעגירונג" אָנגעהויבֿן זיך א נײַער פֿאַרשטאַרקטער אָנגריף אויף די באָלשעוויקן. דער 22־טן מאַי 1919 האָבֿן די פֿאָלקן פֿון באַלאָדיס, „לאַנדעסווער" און „אײַזערנע דיוויזיאָן" אָנגעהויבֿן דעם אָנגריף אויף ריגאַ, און נאָך דעם זעלבן טאָג איז ריגאַ געווען אין די הענט פֿון די אָנגרײַפֿער.

אין דער זעלבער צײַט האָבֿן זעמיטאַנ'ס מיליטער אָפּטיילונגען און די עסטן אָנגעגריפֿן די באָלשעוויקן פֿון זעמגאַלער זײַט און פֿאַרשטויסן זיי ביז ווענדען. אין א קורצע צײַט איז גאַנץ ליפֿלאַנד געווען באַפֿרײַט פֿון די באָלשעוויקן.

## 8. דער שטרײַט צווישן די זיגערס און דער אָפּמאַך אין סטראַזדו.

נאָך דער באַפֿרײַאונג פֿון די באָלשעוויקן האָבֿן זיך אָנגעהויבֿן

מחלוקת צווישן די זיגערס, די פאָלקן פון קורלאַנד האָבן זיך געפונען אונטערן מאַכט פון דייטשן גענעראַל פאָן גאָלץ; די דייטשן, וועלכע האָבן דאָ געשפּילט די הויפּט ראָלע האָבן אָנערקענט נאָר ניעדראַס רעגירונג אַלס געזעצלעכע לעטישע מאַכט; די זעמגאַלער מיליטער אָפּטיילונגען האָבן ווידער נאָר אנערקענט דעם פאָלקס ראַט און די צייטווייליקע רעגירונג. נאָכהער ווי ריגאַ איז געוואָרן באַפרייט פון די באָלשעוויקן, האָבן די דייטשע פירער און די זיי געטרייע ניעדראַס „רעגירונג" באַפוילן די עסטן פאַרלאָזן ליפלאַנד. ווען דער באַפעל איז ניט גענומען געוואָרן אין אַכט, האָט די „לאַנדעסוועהר" און די „אייזערנע דיוויזיאָן" געמאַכט אַ אָנגריף אַף זעמגאַלן. די אַנטשיידענע שלאַכט איז פאָרגעקומען דעם 22 יוני בא ווענדן. די דייטשן זיינען צוקלאַפּט געוואָרן און געלאָפן נאָך ריגאַ. די עסטן און די לעטישע פאָלקן האָבן זיי פאַרפאָלגט. דעם 3 יולי איז דורך דער פאַרמיטלונג פון די פאַרבינדעטע געשלאָסן געוואָרן אַ שטילשטאַנד צווישן די דייטשן און לעטיש-עסטנישע מיליטער אָפּטיילונגען אין גוט סטראַזדו (Strazdumuiža) אַף וועלכן עס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, דאָס די דייטשן מוזן פאַרלאָזן ריגאַ, און וועלכן עס בלייבן נאָר די לעטישע אָפּטיילונגען, די עסטן מוזן גיין צוריק אין זייער לאַנד. צוזאַמען מיט די דייטשן האָט אויך ניעדראַ מיט זיין קאַבינעט פאַרלאָזן ריגאַ. גלייך נאָכדעם האָט זיך אומגעקערט אין ריגאַ דער פאָלקסראַט און די צייטווייליגע רעגירונג בראש מיט אולמאַן.

לויטן אָפּמאַך אין גוט סטראַזדו האָבן די דייטשן געמוזט פאַרלאָזן אויך קורלאַנד, נאָר זיי האָבן ניט נאָר פאַרלאָזן קורלאַנד, נאָר גענומען ציִען נאָך פרישע מיליטער-קרעפטן פון דייטשלאַנד זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך רוסישע קריגס-געפאַנגענע, אָרגאַניזירט אַ פרייוויליקע אַרמיי אין דער שפּיץ פון רוסישן פאָלקאָווניק אַוואַלאָוו—בערמאָנט.

דעם 8-טן אָקטיאַבר 1919 האָט די אַרמיי אָנגעהויבן דעם אָנגריף אַף ריגאַ. אַזוי ווי דאָס גרעסטע טייל פון דער לעטישער אַרמיי ז.י. געווען אַפן לאַטגאַלישן פראָנט קעגן די באָלשעוויקן, האָט מען קעגן בערמאָנט געקענט אַרויסשטעלן נאָר אַ קליינעם טייל שלעכט באַוואָפנטע מיליטער, און דאַריבער האָט זיך די דייטשן איינגעגעבן אָבשטויסן די לעטן ביזן דווינאַ, פאַרנעמענדיק טאָרנסבערג.

אַף די ברעגן פון דווינאַ אין ריגאַ האָט זיך פאַרצויגן אַ קריג אַף אַ

גאַנצן חדש. אין די לעצטן האָט זיך דערוויסט דער פּאַטריאָטישער געפיל, עס האָט זיך איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ מיליטער קראַפט, וועלכע די פאַרבינדעטע האָבן פאַרזאָרגט מיט קריגס מאַטעריאַל. שוין דעם 15 אָקטיאַבער האָבן די לעטן אונטערשטיצט פון פלאָט פון די פאַרבינדעטע פאַרנומען דינאַמינדע און באָלדראַ, באַדראָענדיק אַף אַזאַ אופן דעם פיינט פון רוקן. דער אַנטשיידענער אָנגריף האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 3 נאָיאַבר און זיך פאַרענדיקט דעם 11 נאָיאַבר מיט דער פאַרנעמונג פון טאָרנסבערג. דערמיט איז ריגאַ געוואָרן באַפרייט. פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרויסטרייבן די דייטשן פון קורלאַנד: אין מיטן נאָיאַבר האָבן די לעטישע פאַרנומען בויסק און קעמערן, דעם 21 נאָיאַבר איז פאַרנומען געוואָרן מיטוי, און גלייך נאָכדעם איז אין ענדע נאָיאַבר גאַנץ קורלאַנד אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן פון די דייטשן.

דעם 3 יאַנוואַר 1920 האָט די פּויליש-לעטישע אַרמיי פאַרנעמענדיק דווינסק, געגאַנגען אין אָנגריף אַף זעמגאַלן. אין דער זעלבער צייט איז די לעטישע אַרמיי מיט די לאַנדעסווער אָפּטיילונגען באַפאַלן די באָלשעוויקן פון מזרח-זייט, און דעם 21 יאַנוואַר האָט די לעטישע אַרמיי פאַרנומען רעזשיצע און ענדע יאַנוואַר איז זי שוין געווען אין זילופּ-לעטישן גרענעץ.

דעם 1 פעבראַל איז געשלאָסן געוואָרן וואַפן-שטילשטאַנד.

דעם 11 אויגוסט 1920 איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער פרידן מיט ראַטן-רוסלאַנד, לויט וועלכן ראַטן רוסלאַנד אַנערקענט די סוּווערעניטעט פון דער לעטישער רעגירונג, אָפּזאָגנדיק זיך אַף אַלע מאָל פון וועלכע עס איז ניט רעכטן אַפן לעטישן פאָלק און ערד.

## 9. די ערשטע לעטישע גרינדונגס פאַרזאַמלונג.

גלייך נאָך דער באַפרייאונג פון לאַטגאַלן האָט די צייטווייליקע רעגירונג גענומען אַף זיך צוזאַמענצורופן די לעטישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. די וואַלן זיינען פאָרגעקומען אין מאַרט און אַפּריל. (2).

---

(2). אין גרינד. פאַרזאַמלונג זיינען איינגעוויילט געוואָרן די אידן: פ. מינץ, מ. דובין, ז. טראָן, ראַבינער ד"ר מ. נוראָק, ליבוי ל. פישמאַן, אַדוואָקאַט צבי, דווינסק און ד"ר יצחק העלמאַן, אויך צווישן דעם אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן בלאָק זיינען געוויילט געוואָרן אינזשענער יצחק בערז, ריגאַ, און יעקב ראַבינאָוויטש, ליבוי.

דעם 1=טן מאי 1920 האט די גרינדונגס=פארזאמלונג געעפנט אירע זיצונגען וויילנדיק אלס פארזיצנדער דעם געוועזענעם פרעזידענט פון פאלקס ראט — טשאקסטע.

די ערשטע אויפגאבן פון דער גרינדונגס=פארזאמלונג זיינען געווען, די גרינדונגס פון דער לעטישער רעגירונג און די אויסארבעטונג פון געזעצן

די ארבעט האט זיך געצויגן לערך 2 יאר. דעם 15 פעווראל 1922 האט די גרינדונגס=פארזאמלונג אויסגעארבעט לעטלאנדס גרינדונג. דער ערשטער פונקט לויטעט „לעטלאנד איז אן אומאפהיינגיקע דעמאקראטישע רעפובליק" און „די סאווערענע מאכט פון דער לעטישער רעגירונג געהערט דעם לעטישן פאלק."

אויסערדעם האט די גרינד.=פארזאמלונג ארויסגעגעבן געזעצן וועגן אדרנונג פון רעגירונגס לעבן. צווישן די געזעצן פארנעמט דעם ערשטן ארט דער געזעץ וועגן ערד רעפארמע, לויט וועלכן געוועזענע קרוינס און אויך פריוואטע גוט באזיצערס ערד איז אנערקענט פאר רעגירונגס אייגנטום צו פארטיילן צווישן ערדלאזע.

די גרינדונגס פארזאמלונג האט געפירט איר ארבעט ביזן 7 יאנואר 1922, ווען זי האט איבערגעגעבן אירע ארבעט דעם נייעם אויסגעוויילטן רעגירונגס סיים.

דעם 26 יאנואר 1921 איז לעטלאנד אנערקענט געווארן פון פארשידענע אייראפייאישע מלוכות „דע יורע," און דעם 22 סענטיאבר 1922 איז זי אריינגענומען געווארן אין פעלקער=בונד.

(Fr. Zālits, Latvijas vēsture, 293—298).

## 10. די ערעפנונג פון סיים און דער ערשטער מלוכה פרעזידענט.

דעם 17 נאיאבר 1922 איז געעפנט געווארן דער ערשטער סיים (3).

---

(3). די אידישע דעפוטאטן, וועלכע זיינען אויסגעוויילט אין סיים, זיינען: מ. דובין, ראבינער מ. נוראק, ל. פישמאן, פראפעסאר מתתיהו לאזערסאן ראובן וויטענבערג און ד"ר נח מייזל.

און אלס ערשטער מלוכה פרעזידענט איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן דער געוועזענער פרעזידענט פון גרינדונגס פאַרזאַמלונג יאהאַן טשאַקסטע.

Jānis Čakste.

י. טשאַקסטע איז געבאָרן אין זעמגאַלן דעם 14 סעפּטעמבער 1859. ער האָט געענדיקט די מיטווישע גימנאַזיע און יורדישן פאַקולטעט אין מאָסקווער אוניווערזיטעט. נאָכן ענדיקן זיין שטודיאום האָט ער געאַרבעט אלס סעקרעטאַר אין קורלענדער גוב. פּראָקוראַטור.

אין יאָר 1906 איז י. טשאַקסטע אויסגעוויילט געוואָרן אין די ערשטע דומע אלס דעפּוטאַט פון קורלאַנד.

אין דער צייט פון וועלט-קריג האָט י. טשאַקסטע געאַרבעט אין די לעטישע פליכטלינג פאַראָרגונגס און צענטראַל קאָמיטעטן. נאָכן טויט פון פאָרזיצנדער ו. זאַלאַוו האָט דער פאָלקסראַט אין יאָר 1918 אויסגעוויילט י. טשאַקסטע אלס פרעזידענט און צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגלידער פון ראַט דעלעגירט נאָך סטאָקהאָלם און פאַריז פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אויסלענדישע מלוכות וועגן לעטלאַנדס אָנערקענונג.

בעת עס איז צוזאַמענגעקומען די לעטישע גרינד. פאַרזאַמלונג איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אלס פרעזידענט, וועלכן אַמט ווי אויך די דערפילונג פון די התחייבות פון א מלוכה פרעזידענט האָט ער פאַרטרעטן ביזן צוזאַמענקומען פון סיים דעם 7 נאָוועמבער 1922.

(גענומען פון אילוסטרירטן זשורנאַל "Nedeļa" № 10, 18 נאָוועמבער 1922)

געשטאָרבן דעם 14 מאַרט 1927 יאָר אַף זיין אָרט איז געוויילט געוואָרן פאַר א מלוכה פרעזידענט ג׳ זעמגאַל.

## 11. ווען האָבן זיך באַזעצט אידן אין קורלאַנד.

קיין באַשטימטן ענטפער קענען מיר אַף דעם ניט געבן, עס איז אָבער אָנע צווייפל, דאָס אידן האָבן געלעבט אין קורלאַנד נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 17-טן יאָרהונדערט, און לערך אין יאָר 1560 האָבן זיי שוין געהאַט פאַרשידענע באַשעפטיקונגען. (1.) ווי עס איז

---

(1). פּאַסטאָר מילך אין זיין בראָשורע וועגן וואוינרעכט פאַר אידן אין קורלאַנד שרייבט, אז נאָך אין אָפּמאַך פון 28 נאָוועמבער 1561 האָט מען גערעט וועגן אידן אין באַלטישן פּראָווינץ.

דייטליך צו זען פון געזעץ, וועלכער איז געגעבן געוואָרן אין יאָר 1661, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: דאָס ניט קוקנדיק וואָס עס איז ניט פאַרבאָטן אידן צו לעבן אין קורלאַנד, איז דאָך געווען א שטרייגנער באַפעל צו פאַרביטן אידן האַנדלען, איינמאָנען צינזן און אָפּדינגען דעם צאָל (מכס). (לאַנדסטאָג׳ געזעצן פון 1662, § 26). און דאָך האָבן אידן געפירט געשעפטן, אפילו אין דער שטאָט ריגאַ. דאָס איז דייטליך צו זען פון דאָקומענט, וועלכן מיר האָט געוויזן הער ד״ר יפה (2) ריגאַ, געשריבן אין לאַטיין דעם 17 מאַרט 1599, וואו ריגאַשע בירגער בעטן בײַ זייער פאַרמערעבער, וועלכער געפינט זיך אין וואַרשוי, ניט צו ערלויבן אידן האַנדלען אין ריגאַ און שרייבן, אַז „אידן זיינען געקומען אין ריגאַ און אופגענומען געוואָרן פון ריגאַשע בירגער און אַנדערע האָבן נאָך צוזאַמען געשעפטן געמאַכט, דעריבער דאַפלען זיי זייער בעטע צו זיין פאָרזיכטיק אין דערלויבן אידן האַנדלען“

אַן אויסנאַם איז געווען פילטענער קרייז: דאָרטן האָבן אידן, געלעבט און געפירט געשעפטן אָן שום הינדערנים. ה׳ וואונדערבאַר מיינט, אַז די סיבה איז, ווייל פילטען איז געווען די אייגנטום פון יאָהאַן פאָן מינכענהויזן, און ווייסנדיק גאַנץ גוט, אַז זי וועט בײַ אים ניט פאַרבלייבן, און זי וועט פריער אָדער שפּעטער אָנקומען צו איינע פון די שכנה׳שע מלוכות, האָט ער באַשטימט דעם קרייז צו פאַרקויפן און כדי צו נעמען פאַר אים א גוטן פרייז און צוציען קויפער, האָט ער פאַרגרעסערט איר האַנדל, ערלויבנדיק אידן. וועלכע זיינען געשעפטס און קויפלייט, צו באַזעצן זיך דאָרט און האַנדלען אָן שום מניעה. און אין יאָר 1560 האָט ער טאַקע פאַרקויפט זיין גוט דעם קעניג פרידריך פון דענעמאַרק, וועלכן פרידריך האָט, ווי שוין אויבן געזאָגט, פאַרקויפט דעם פירשט מאַגנוס פאָן האָללשטיין.

נאָכן טויט פון פירשט איז אויסגעבראָכן א מחלקה צווישן בײדע קעניגן—סטעפאַן פון פוילן און פרידריך דעם 2-טן פון דענעמאַרק און דורך דער פאַרמיטלונג פון מאַרקגראַף פון בראַנדענבורג האָבן זיי זיך פאַראייניקט. דעם 10 אַפּריל 1585 איז מען אין שטאָט קראָנענבורג

(2). אין יאָר 1910 איז פון ד״ר יפה געדרוקט געוואָרן:
„Register und Urkunden zur Geschichte der Juden in Riga und Kurland.“

געקומען צו פאלגנדע פשרה: „פילטן ווערט אפגעגעבן דעם פוילישן קעניג פאר א באשטימטן פרייז.״ נאר אזוי ווי דער פוילישער קעניג האט ניט געהאט די באשטימטע סומע צו באצאלן, איז זי אפגעגעבן געווארן אין משכון דעם מארקגראף פון בראנדענבורג, וועלכער דאט געגעבן די נויטיקע סומע פרידריך דעם 2־טן.

אזוי ווי די שטאט פילטן, וואס איז שייך אידן, איז געווען אן אויסנאם פון אנדערע קורלענדער שטעט, אין וועלכע לייזן געווען פון יאר 1561 איז פארבאטן געווארן אידן צו באזעצן זיך, איז אפילו ווען פילטן איז צוגעצויגן געווארן צו פוילן, איז ניט נאר מען האט געשטערט אידן פון האנדלען, נאר פארקערט, מען האט נאך אויסגעבעסערט זייער מצב. אין אידן האבן דארט געהאנדלט אן א שום מניעה. אין יאר 1570 האבן זיי גענאסן בירגער־רעכט און פיל פון זיי האבן זיך ערווארבן אייך אומבאוועגליכע גיטער.

עס איז אפילו פאראן א קעגן־מיינונג פון אנדערע געלערטע אין דער שפיץ פון ה׳ ציגנדארף, וועמענס מיינונג איז, אז ערשט אין 100 יאר ארום, לערן אין יאר 1670, ווי קורלאנד איז צוגעפאלן צו פוילן, האבן אידן זיך אנגעהויבן צו באזעצן דארט. אבער ווי מיר האבן שוין געשריבן און נאכן באבעל פון רוסישן סענאט פון 14 מארט 1799 (וועלכן מיר וועלן ווייטער ברענגען אין אונזער ארטיקל איבער די געזעצן אף אידן אין קורלאנד) האבן אידן שוין געלעבט אין קורלאנד לערך 200 יאר פריער, די ה. לערך אין יאר 1599.

(זע אין זאמל־בוך פון אידישע געזעצן פון קאנסולאט, ה׳ מיש). אבער עס איז קיין סתירה ניט: דער סענאט רעט וועגן לעבן פון אידן אין אלגעמיין: אין הויפן, דערפער אין ד. גל. און ה׳ ציגנדארף רעט וועגן אידן אין שטעטלעך און גרויסע שטעט, און ביידע האבן רעכט.

א ריכטיקער באווייז דערויף זיינען די בתי־קברות, וועלכע געפינען זיך אין קורלאנד אין די דערפער, הויפן, למשל, אפן וועג פון גאלדינגען, ווינדוי, און די געגנט פון די שטעט: האזנפאט, פרויענבורג, נייטא, טארזוק (זעמגאלן), און וועלכע אנדערע מינים, דאס דארטן זיינען פריער געווען שטעט, נאר זיי זיינען חרוב געווארן, און מיין מיינונג איז — פשוט די בתי קברות זיינען געגרינדעט געווארן דורך די לאנדסלייט, וועלכע

האָבן געלעבט אין די דערפער, בעפאָר עס זיינען געגרינדעט געוואָרן אידישע קהלות אין קורלענדער שטעט. דאריבער זיינען זיי געצוואונגען געווען צו מאַכן בתי-קברות אין די דערפער.

נאָך א ריכטיקער באווייז, או פריער האָבן אידן געלעבט אין די דערפער, און אז יאָר דאָרט איז געווען דער עיקר וואוינהאָפט, ניט אין די שטעט, — באווייזט די רעגיסטראציע פון יאָר 1792. פון דעם אַלגעמיינעם צאָל אידן 4581 מאנסליט, וועלכע האָבן זיך דאַן געציילט אין קורלאַנד, געפינען מיר נאָר 896, וואָס האָבן געלעבט אין שטעט, די איבעריקע זיינען געווען צושפרייט אין דערפער און הויפן.

## 12. פון וואַנעט זיינען געקומען אידן אין קורלאַנד.

נאָך דער מיינונג פון ה׳ וואַנדערבאַר זיינען דאָרט געקומען אין א גרויסן צאָל אידן אין האַזנפאָט, ווייל די שטאָט ליגט צווישן די האַפן-שטעט: ליבוי און ווינדוי, און אזוי ווי אין פּילטן און איר קרייז איז ערלויבט געוואָרן אידן פריי צו האַנדלען, זיינען דורכן ים געקומען אידן פון פּרייסן צו באַזעצן זיך אין האַזנפּאָט. ניט קוקנדיק, וואָס אין האַזנפּאָטער פנקס פון יענער צייט געפינען זיך פאַמיליעס לויט די נעמען פון דייטשע שטעט: פרידלענדער, דאַנציגער, האַמבורגער, עטינגער און אַנד. און דער פנקס גופא איז געשריבן אין א שפּראַך ענליך צו דייטש (1). — דאָך איז מיין מיינונג, אַז די סיבה, וואָס אידן האָבן זיך באַזעצט אין האַזנפּאָטער קרייז אין א גרעסערן צאָל ווי אין אַנדערע קרייזן, איז איך, ווייל זי איז זייער נאָענט פון גרענעץ זאַמוט, שקודער קרייז. דער באַוואוסטער רב ר׳ אהרן הלוי הורוויץ (זע אין די רבנים פון האַזנפּאָט), וועלכער איז געווען א רב אין שקוד האָט גלייכצייטיק באַטרעטן די שטעלע אין האַזנפּאָט. און אין שקודער געמיינדע-פנקס פון יאָר הקיד שרייבט ער זיך אונטער: „אהרן הלוי הורוויטץ חופ״ק שקוד והאַזענפּאָט“. דעריבער האָבן זיך דאָרט באַזעצט

---

(1). אין ספר „שאגת אריה“ אין דער הקדמה איז געשריבן, אז א שיף, וועלכע האָט געפירט אידן פון האָלאַנד אין קורלאַנד, איז אונטערגעגאַנגען (פּראָפעסאָר זימאַסאָן אין זיינעם א בריף צו מיר).

אין א גרויסער צאל אידן פון זאמוט, (2). און מיר געפינען טאקע אין פנקס דאס גרעסטע טייל נים קיין דייטשע פאמיליעס. אין די לעצטע צייט זעען מיר, דאס אין די קורלענדער שטעט, וועלכע זיינען נאענט פון די גרעניצן פון ליטויען אדער זאמוט געפינען זיך פארהעלטנמעסיק מערער אידישע איינוואוינער, ווי אין די שטעט וועלכע, זיינען ווייט פון ליטויען אדער זאמוט. א באווייז צו מיין מיינונג איז בויסק: אין דער רעגיסטראציע פון יאר 1767 זיינען אין בויסק אידן נים פארצייכנט (3). און ווי נאר מען האט ערלויבט אין ענדע 17-טן יארהונדערט אידן באזעצן זיך אין קורלאנד, האבן אין בויסק זיך באזעצט אידן אין אזא גרויסער צאל, אז אין דער עמיגראציע פון אידן נאך חערסאנער גוב. אין יאר 1840, האבן פון בויסק עמיגרירט 692 אידן. כמעט אזא צאל ווי פון דער גובערניע שטאט מיטוי. און ווי קומט אזא גרויסער צאל אידן אין בויסק? ווייל זי איז נאענט פון די גרענעצן פון ליטויען און זאמוט, (4). און פון דארטן זיינען געקומען אידן, און דאסגלייכן אין האזנפאט. דער פנקס, וואס איז געשריבן אין א שפראך ענלעך צו דייטש, איז קיין באווייז נים, ווייל עס איז מעגליך, דאס די פארוואלטונג און די שרייבער האבן געשטאמט פון דייטשלאנד, אדער אייך די זאמוטער, וועלכע זיינען געבארן און געוואקסן בא די גרענעצן פון קורלאנד,

(2). אויב עס איז ריכטיק דאס אין 1708 יאר האבן שוין געלעבט אידן אין פילטן און געהאט א שול, נאר שפעטער איז די אידישע קהלה חרוב געווארן, איז מעגליך, אז פון דעם חורבן פון פילטן איז געבויט געווארן האזנפאט, און די פיל אידן, וואס האבן געלעבט אין פילטן, זיינען געקומען אין האזנפאט, וועלכע איז נאענט פון פילטן.

(3). צו יענער צייט האבן אידן געלעבט פון יענער זייט אא. וועלכע האט געהייסן „סלאבארא."

(4). א באווייז דערצו זיינען אויך די פנקס'ן פון חברה אגדתא און חברה תהלים אין בויסק, וועלכע זיינען געגרינדעט אויך מיט 100 יאר צוריק; פון די הונדערטער נעמען, וועלכע זיינען דארט פארצייכנט, איז קיין איין פאמיליענאמען נישטא,—ווי עס איז באוואוסט, איז דאן אין ליטויען און זאמוט נאך קיין פאמיליענעמען נים געווען,—אויסער די, וואס שטאמען פון אויסלענדער פאמיליעס, למשל: אשכנזי, לוריא, פרידלענדער און אזוי ווייטער.

האָבן פאַרשטאַנען צו שרייבן אַזאַ שפּראַך. (5.)

אַלזאָ מיין מיינונג איז, אַז אין איבער־קורלאַנד און זעמגאַל זיינען געקומען אידן נאָר פון ליטוויען אָדער זאַמוט; אין האַזנפּאָטער ליבווישער, ווינדווישער און מיטווישער קרייז, זיינען געקומען אייך א צאָל אידן פון דייטשלאַנד, אָבער ווי מיר וועלן ווייטער שרייבן אין אונזער אַרטיקל „די ערציאונג אין קורלאַנד" אי צו זען, אַז זייער איינפלוס איז געווען גרויס אין די שטעט, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט.

# 13. די געזעצן און גזירות איבער אידן פון דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך באַזעצט אין קורלאַנד.

ניט קוקנדיק וואָס קיין אידישע בלוט איז אין קורלאַנד ניט פאַרגאָסן געוואָרן פאַגראָמען זיינען ניט געמאַכט געוואָרן, דאָך האָבן אידן פיל געליטן, ביז מען האָט זיי צו לעבן און האַנדלען אין קורלאַנד תמיד זיינען זיי געווען אין שרעק און אין פּחד; יעדע מינוט זיינען זיי געווען גרייט צו הערן א באַפעל וועגן אַרויסשיקן זיי, און פון יאָר 1682—1778 זיינען לערך 16 אזעלכע באַפעלן געגעבן געוואָרן, צווישן זיי ווילדע, באַרבאַרישע, למשל, דער באַפעל פון יאָר 1662, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן, דאָס „דער איד, וואָס וועט אַריבערגיין דעם געזעץ, זאָל מען אויסשטעכן די אייגן;" אָדער דער באַרבאַרישער באַפעל פון קאַרל, קעניג פון פּוילן, דעם 16־ט אַיגוסט 1757 „אויב עס וועלן געפונען ווערן אידן אין זייערע ערטער, סיי אין זייערע הייזער סיי אין אַן אַנדער אָרט, אָדער אַף די גאַסן, ווערן זיין באַשטראָפט מיט ריטער און אַרויסגעטריבן פון שטאָט;" און דער באַפעל פון 4 יולי 1739 וועלכער ערלויבט דעם יעניקן, וואָס טרעפט אַן אידן האַנדלענדיק קאָנפיסקירן דעם אידנס סחורה און דעם פערד און וואָגן, און פיל מאָל

---

(5). פון די נעמען, וועלכע ווערן דערמאָנט אין פּנקס פון חברה קדישא אין מיטוי אין יאָר ת״ץ (1730) אין דאָסגלייכן איז די 60 פאַמיליעס וואָס ווערן דערמאָנט אין דער בקשה פון די פאַרטרעטער פון דער מיטווישער איד. געמיינדע אין יאָר 1794, ווערן נאָר איניגע דייטשע פאַמיליעס דערמאָנט.

ווען מען האָט שוין ערלויבט אידן וואוינען אין קורלאַנד, האָט מען אויף זיי אַרויפגעלייגט א באַשטימטן אָפּצאָל יערליך און זיי האָבן אויף דערויף געמוזט האָבן א קאָנצעסיע. גרעסטנטייל, פלעגן באַנייט ווערן די גזירות, ווען עס איז געוואָרן אַ נייער הערצאָג, ווי אין אָנפאַנג רעגירונג פון פערדינאַנד און פון באַוואוסטן בירון און אין יאָר 1739, ווען קאַרל האָט זיך געוועלט אָפּן טאָן, און אַליינע זיינען געווען קעגן ערלויבן אידן צו לעבן אין האַנדלען אין קורלאַנד די שטעטישע בירגער, ווייל זיי האָבן געהאַלטן די אידן פאַר קאָנקורענטן פאַרקערט, די אדליגע זיינען געווען פאַרן ערלויבן אידן האַנדלען, פאַר וואָס זיי זיינען טאַקע אָפטמאָל באַשטראָפט געוואָרן, ווען מען האָט געפינען אידן בא זיי אין די הייפן, עס איז פאַרשטענדליך, אז דאָס איז מער ניט געווען אויס אייגענער ליבע, ווייל זיי האָבן געהאַט נוצן פון אידן, אויסער דעם יאָר 1692, ווען עס איז פאַרהונגען געוואָרן דער צאָל אַן אידן האָבן דאַן האָבן איינגעשטימט די אדליגע מיט די שטעטישע בירגער אַרויסצוטרייבן די אידן פון קורלאַנד.

די געוועזן, וועלכע איך וועל ברענגען ווייטער אין מיין אַרטיקל, האָב איך איבערזעצט פון דעם ווערק פון דעם געלערנטן בר׳ יוסף וואונדערבאַר, און א ביסל פון אַרטיקל פון ד״ר בוכבינדער איז מאָנאַטליכן זשורנאַל „וואָסכאָד“ 1896, און דאָס גרעסטע טייל פון די אַרטיקלען פון ה׳ י. העססען אין מאָנאַטליכן זשורנאַל „וואָסכאָד“ 1904, מיט באַמערקונגען און צולאָגן פון מיר. (איך דאַנק זיי פאַר זייערע אַרטיקלען).

ווי מיר האָבן שוין געשריבן, איז אין יאָר 1561 צוגעצייגן געוואָרן ליפלאַנד צו פוילן, און איבער קורלאַנד האָט געהערשט אַ באַזונדערער הערצאָג אונטער פוילישער שוץ. אין דעם אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט קעטלער, אַרויסגעטרעטן פון דייטשלאַנד, איז פאַרשריבן פאָלגנדער געזעץ אין דער לאַטיינישער שפּראַך איבער אידן: דער קעניג פון פוילן פאַרפליכטעט זיך קיינמאָל ניט צו געבן די אידן אין ליוואָניע דאָס רעכט צו האַנדלען און פאַרוואַלטן זיך און ניט קוקנדיק, וואָס מען האָט איהן פאַרבאָטן נאָר צו האַנדלען, אָבער ניט צו לעבן אין קורלאַנד. דאָך האָט דער הערשער פון פוילן אויך פאַרבאָטן אידן לעבן אין קורלאַנד. נאָר ניט אידן אליין איז פאַרבאָטן געוואָרן לעבן אין קורלאַנד, נאָר אויך אַנדערע פרעמדע, ווי די שאָטלענדער,

איטאַליענער. די פירשטן, די ברידער העקטאָר—פרידריך און ריינהאָלד פון אַסטאַזאַקסן, האָבן גרינדן די שטאָט סובאָט, דעם 5־טן אַפּריל 1686 האָבן פאַרבאָטן אידן וואוינען אין דער שטאָט.

אין 2 העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט האָבן ווידער אָנגעהויבן אידן באַזעצן זיך אין קורלאַנד און האַנדלען. אין יענער צייט איז די וואוינרעכט ניט געווען פאַרבאָטן, אָבער האַנדלען איז שטרייננג געווען פאַרבאָטן, און לויטן באַפעל איז דער וועלכער עס האָט איבערגעטרעטן דעם געזעץ, האָט געזאָלט שטרייננג באַשטראָפט ווערן. (לאַנדס־געזעצן פון יאָר 1662. §6; 1699. § 20).

אפן לאַנדספאַרזאַמלונג פון 23 אויגוסט 1692 האָט פירשט פרידריך קאַזימיר צוגעזאָגט מיט זיין גלויבן, אַז 8 טעג נאָך זייער פּסח וועט ער באַפרייען די אידן פון אַ־ע אָפּגאָבן און צאָלן און וועט זיי ערלויבן האַנדלען. אָבער זיין צוזאָג איז ניט ערפילט געוואָרן, ווי עס איז צו זען פון באַפעל פון זיין זון פרידריך—ווילהעלם אין יאָר 1692 (1)

אין ענדע 17 יאָרהונדערט איז אַן אידן פאַרפאַכטעט געוואָרן די צינזן פון הערצאָגטום. דער געשעפט האָט געבראַכט פאַר אידן שלעכטעס אזוי אַז אפילו די אדליגע, וואָס זיינען תמיד געווען פאַר ערלויבן אידן וואוינען און האַנדלען זיינען דאָסמאָל ארויסגעגאַנגען מיט אַ פּראָטעסט און באַוויזן, אַז אפילו ערלויבן אידן וואוינען אין האַנדלען איז קעגן געזעץ און בפרט נאָך פאַרפאַכטן צינזן. אַף דער פאַרזאַמלונג פון 22 אויגוסט 1692 איז ארויסגעטראָגן געוואָרן דער באַפעל צוריקצונעמען פון אידן דאָס רעכט איינצומאָנען די צינזן פון הערצאָגטום און אויך ניט ערלויבן זיי פאַרדינגען דעם צאָל און האַנדלען.

נאָר דער ווילן פון די אדליגע איז ניט ערפילט געוואָרן, ווייל די אידן האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט אַ קאָנטראַקט אַף פילע יאָרן, און דער הערצאָג האָט דעם קאָנטראַקט ניט געוואָלט מבטל מאַכן. און אַזוי האָט אויך ניט געהאָלפן די השתדלות פון די אדליגע צו דערמאָנען זייער פריער אנגענומענעס באַפעל אַף די פאַרזאַמלונגען אין די יאָרן 1698

---

(1). דער פירשט פרידריך איז צו יענער צייט אַלט געווען 6 יאָר, און די רעגירונג האָט געפירט זיין אנקל פערדינאַנד.

און 1699.

אין יאָר 1714 האָט דער הערצאָג פערדינאַנד אַדאַנק די השתדלות פון די שטעטשע איינוואוינער, באַפוילן אַרויסצוטרייבן אַלע אידן פון קורלאַנד אין אין א משך פון 6 וואָכן, ווייל זיי ברענגען שאָדן די לאַנד אין די שטעט, און פאַרן איבערטרעטן דעם געזעץ זאָלן זיי באַשטראָפט ווערן מיט פעסטונג און צאָלן שטראָף.

צום גליק פון די אידן איז דער געזעץ געבליבן נאָר אַפן פּאַפּיר, און די שטראָף-געלט איז אויך ניט איינגעמאָנט געוואָרן: דער הערצאָג איז געזעסן אין דאַנציג און די פירונג האָט ער איבערגעגעבן זיינע ראַטמענער, און זיי האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט.

אַזוי איז אויך ניט פאַרווירקליכט געוואָרן די גזירה פון באַפעל, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַף דער פאַרזאַמלונג אין פוילן אין יאָר 1717 צו פאַרווערן אידן האַלטן שיינקען, ספּירט-ברענערייען, און שטיצנדיק זיך אַף די געזעצן פון לאַנדס-ריכטער, האָט מען באַפוילן ניט ערלויבן אידן אפילו וואוינען אין קורלאַנד, און דער, ווער עס וועט איבערטרעטן דעם באַפעל, זאָל באַשטראָפט ווערן לויטן געזעץ (2)

נאָר ה' וואונדערבאַר שרייבט, אַז מען האָט ניט פאַרבאָטן אידן וואוינען אין גאַנץ קורלאַנד, נאָר. אין די הערצאָגטימער שטעט, און פאַר די וואוינרעכט אין אַנדערע שטעט האָבן זיי געמוזט צאָלן 400 ראַטל אַלבערטס א יאָר.

נאָר אַזוי ווי די סומע האָבן אידן ניט באַצאָלט, איז אַרויסגעגאַנגען א נייער באַפעל, וועלכער האָט פאַרבאָטן יעדן קריסטן צו האַלטן אין אידן אין זיין דירה, און זיין הויף. צוליב דער גזירה האָבן די אידן באַשטימט צו באַצאָלן ניט נאָר פאַר די קומענדיקע צייט, נאָר אויך פאַר די פאַרגאַנגענע צייט. דאַן ערשט איז באַנייט געוואָרן די ערלויבנים אידן צו וואוינען אין קורלאַנד.

הער העססען ברענגט, אַז אין יאָר 1722 האָט מען אַוועקגעשטעלט אין אַלע הויפּטאַמטסוויעס אידישע טאַקסאַטאָרס איינצומאָנען די אָפּגאַבן פון די אידן, אָבער ווען עס איז אַרויסגעגאַנגען די גזירה פון די אָפּגאַבן, איז אין באַפעל ניט דערמאָנט געוואָרן די טאַקסאַטאָרס און

(2.) הער העססען אין זשורנאַל „וואָסחאָד" פון 1904 ברענגט א דאָקומענט פון לאַנד-מיניסטער.

אידישע קאָווענטן, — דאַרום מיינט דער הערכען, אז די אידישע קהלות ס
אליין פלעגן קאָווירן דערפאַר, אַז די אידישע אָפּגאַבן ניט מער פון 400
טאַלער זאָלן געבראַכט ווערן פון אַלע אידן, וואָס לעבן אין הערצאָגטום
הער העססען בריינגט, אַז דער סיים פון 1719 האָט פאַרלאַנגט,
דאָס די אידישע געמיינדע פון נייבורג זאָל בריינגען דורך איר קאָווענטן
400 טאַלער. און אין פאַל, ווען די סומע וועט ניט געבראַכט ווערן
זאָל ערפּילט ווערן די באַשטימונג פון סיים, וועלכע באַפעלט צו
באַשטראָפן די אדליגע, וועלכע וועלן אונדאלטן די אידן באַ זיך, און
אויסער די איבנדערמאָנטע 400 טאָלער מוזן די אידן באַצאָלן אָפּגאַבן
פאַר די פאַרגאַנגענע 5 יאָר. הער העססען בריינגט, אַז דער סיים האָט
אויך באַשטימט, אַז די שול, וועלכע איז געבויט געוואָרן קעגן דעם ווילן
פון די קריסטן, זאָל פונאַנדערגענומען ווערן אין 4 וואָכן, אָדער דער
ווירט זאָל זיך פאַרפליכטן, אַז די מאַכט זאָל באַפוילן איבער געוואַלד
צו צוברעכן איר. ווי עס שיינט, ווערט דאָ גערעדט וועגן די שול, וואָס
האָט געהערט די אידן פון נייבורג (3).

---

(3). דער דויף נייבורג, איז ניט ווייט פון מוקוב; דאָס איז געווען דער
גוט פון באַראָן רעקע. וואָס באַלאַנגט אידישע וואוינדאָפּט דאָרטן ובפרט
וועגן א אידישער קהלה און א שול, האָב איך קיינמאל ניט געהערט.
איך האָב וויפיל מאָל גערעדט מיטן פאַרוואַלטער, וועלכער איז שוין דאָרט
געווען מער אַלס 40 יאָר, און ער האָט מיר דערציילט פיל זכרונות
און ניט דערציילט, אַז עס איז פאַראַן א שפור, אַז דאָ זאָל זיין געווען
א קהלה און אַ שול. עס איז זיכער, אַז ה' הערכען שטיצט זיך אַף
וועלכן עס איז דאָקומענט פון אַרכיוו, אָבער אויב עס איז אפילו פאַראַן
אַזאַ דאָקומענט, דאָך איז מיין מיינונג, אַז אידן האָבן דאָרטן שטענדיק
ניט געלעבט, אַז זיי זאָלן דאָרטן בויען א שול, נאָר אַזוי ווי עס איז
באַוואוסט, זיינען וויפיל מאָל די מיטוישע אידן געווען געצוואונגען צו
פאַרלאָזן מיטוי, און אַזוי ווי דער גוט נייבורג איז ניט ווייט פון מיטוי,
און נייבורג האָט געהערט רעקע — גוטע, געלערנטע מענטשן, וועלכע
פלעגן העפליך עמפּאַנגען די אידן,—האָבן זיך די אַרויסגעטריבענע אידן
פון מיטוי ציטווייליק באַזעצט דאָרטן, געדונגען א מנין אַף צו דאַווענען
וואָס דאָס איז געווען קעגן דעם ווילן פון די קריסטן, און דער סיים
האָט באַפוילן אים צו פאַרניכטן. דער שרייבער פון דעם דאָקומענט האָט

די אסיפה פון 5 יאַנואַר 1724 האָט באַשטימט צו ערלויבן אידן וואוינען אין קורלאַנד, אָבער איך דאַמאָל האָבן אָרימע לייט ניט געקענט באַצאָלן אַזאַ גרויסע סומע. אין דער סיים פון 27 דעקאַבר 1724 האָט פאַרלאַנגט, ווי ה׳ וואַנדערבאַר שרייבט, אַז נאָכן באַצאָלן דאָס געלט, וועלכע אידן זיינען מחויב צו באַצאָלן, זאָלן זיי פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

דער העססען אָבער מיינט, אַז אין דעם סיים האָבן זיך באַטייליקט די אייגנטימער פון די גיטער — די אדליגע, — וועלכע זיינען געווען פאַר ערלויבן אידן צו לעבן אין האַנדלען אין קורלאַנד. און צו יענער צייט איז אָנגעקומען א פאָדערונג פון די שטעטישע בירגער צו ערווייטערן די אידן פון לאַנד. האָט דער סיים עקסטרא באַקאַנט געמאַכט, דאָס לויטן געזעץ מוזן די אידן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, נאָר דאָס איז מעגליך נאָר אין דעם פאַל, ווען זיי וועלן באַצאָלן זייערע אָפגאַבן. זיי האָבן אָבער גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די אידן האָבן ניט די מעגלעכקייט צו באַצאָלן אַזאַ גרויסע סומע פון 2000 טאָלער, און די אדליגע, די אייגנטימער פון די גיטער, ווידער, האָבן ניט געצוואונגען צו באַצאָלן די אָפגאַבן. (4) אַזאַ פּאָליטיק האָט געפירט דער סיים איך אין די קומפטיגע צייטן אין דער צייט, ווען די פאַרזאַמלונגען האָבן באַשטימט ניט צו דולדן מער די אידן און אַרויסטרייבן זיי פון לאַנד, (5) איז אין יאָר

---

געגרינדעט, אַז דאָרט איז געווען א קהלה און א שול. אויך קיין בית-הקברות איז ניטאָ אין נייבורג, נאָר אין גוט „רעמטען“, 10 וויאָרסט פון דאָרטן, איז דאָ אַן אַלטער בית-הקברות

(4) אַלס באַווייז צו זיינע רייד ברענגט ח׳ העססען, אַז די אָפּשטימונג פון סיים זאָגט: „זאָגאַר נאָך דער באַראַטונג פון געריכט פון 1717 און פון אנדערע אָפּשטימונגען זיינען אידן געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, דאָך דאַרפן זיי פריער באַצאָלן די יערלעכע אָפּגאַבן — 400 טאָלער“. פון דאָס איז צו זען, אַז דער לאַנדטאָג האָט ניט געוואָלט אַרויסטרייבן די אידן.

(5). א דאָקומענט פון לאַנד-מיניסטער און איך אין רעקעס ווערק זייטע 62, פון יענעם יאָר 3-טן יולי, געפינען מיר, דאָס דער סיים אין מיטוי האָט

1729 אַף דעם אַרויכגעגאַנגען א באַפעל צו באַשטראָפן [illegible]
וועלכע וועלן האלטן בא זיך אידן, מיט 100 טאַלער. עס איז אָנע צווייפל,
דאָס אַנדערע אידן זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד,
נאָר בכלל זיינען אידן פאַרבליבן אַף זייערע ערטער, און כדי צופרידנשטעלן,
די שטעטישע בירגער, האָט דעם 6=טן דעקאַבר 1740 דער סיים
באַשטעטיקט דעם באַפעל, אַז אידן מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און גלייכ=
צייטיק איז געזאָגט געוואָרן, אַז אַן איסנאַם זיינען די אידן, וועלכע
ברייגען ניט קיין שאדן די־קריסטן, וועלכע לעבן אין די דערפער און
אין שטעט אין באַצאלן פאַר ספירט=ברענערײַ, אדער האַנטװערקערס. אויך
האט דער סיים פאַרזיכערט, אַז די אידן, וועלכע קומען צוליב געשעפט
אדער מלאכה אַף א באַשטימטער צייט, זאלן זיין געהיט פון געפאַר
און שרעק.

עס איז פאַרשטענדליך, דאס שטיצנדיק זיך אַף דעם געזעץ,
דאס אידן בעלי=מלאכות און ברענערס און ד. גל. איז ערלויבט צו
וואוינען אין קורלאַנד, האָבן דאָרט א סך אידן געלעבט זאָגנדיק, דאָס
זיי זיינען בעלי=מלאכות און ד. גל. און דאַריבער איז אין יאָר 1733
נאָך אַמאָל אַרויסגעגאַנגען א באַפעל אַרויסצוטרייבן די אידן פון
קורלאַנד.

נאָר אין 1735 האָט דער סיים זיך באַגנוגנט נאָר מיט נאָכזוכן
די פראַגע וועגן איינמאנען די סומע פון 400 טאַלער.

אין יאָר 1737 איז געשטאָרבן אין דאַנציג דער הערצאָג
פערדינאַנד, און דעם טראָן האָט איבערגנומען ערנסט יאָהאַן פאָן ביראָן,
וועמענס באַגער איז נאָר געווען זילבער און גאָלד. צו דעם צוועק
האָט ער גענומען פאַר זיין ראַטמאַן א אידן ליפמאַן לעווי (6) און

---

געגעבן די ערלויבנים צו פאַרבלייבן אין לאַנד ביזן קומענדיקן יאָר מיט
דער באַדינגונג, זיי זאָלן באַצאָלן זייערע שולדן—400 טאַלער, וואס דער
לייטנאַנט פאָן בודבערג האָט באַצאָלט פאַר זיי. (העססען, „וואָסחאָד“ 1904).
(.6) ליפמאַן לעווי (איזאַק ליבמאַן) „אָבער הויף קאָמיסאַר“ און קאַמער=
אַגענט בא דער רוסישער קייזערין אַננאַ יאָהאַנאָוונאַ, וואו ער האָט
געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט, למשל, אַף דער קלאגע פון
א שקלאַווער אידן, דאָס בא אים האָט אַן אָפיצער געגנב׳ט זיין זון,
קלאַג

האָט אים אָפּגעגעבן דעם מאַגאַזאַל פון האַנדל, און דאָס איז געווען די סיבה, וואָס כמעט אַלע געשעפטן זיינען אָפּגענומען געוואָרן בײַ די אידן און זייער לאַגע האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. און צולעצט איז אַרויס אַ באַפעל פון 1-טן יולי 1739, דאָס אַלע אידן נאָכן באַצאָלן זייערע שולדן דער רעגירונג, דער שטאָט אָדער גוטסבאַזיצער אָן אַן אויסנאַם מוזן פאַרלאָזן זייערע ערטער ביז יאָהאַנאַ 1740; די גוטסבאַזיצער, וועלכע וועלן בײַ זיך אויפהאַלטן אַן אידן, זאָלן באַשטראָפט ווערן; ווער עס באַגעגנט אַן אידן האַנדלענדיק אויפן לאַנד מיט טאַבאַק, ספּירט און ד. גל. איז ערלויבט צו קאָנפיסקירן די סחורה בײַם אידן, זיין פערד און וואָגן אָן אויסנאַם זיינען די אידן וועלכע האַנדלען מיט ווערט-זאַכן אָדער מיט קליינקייטן. די אַלע באַפעלן זיינען אָבער ניט ערפילט געוואָרן, דאָס גלייכן האָבן קיין פרוכט ניט געבראַכט די באַפעלן פון די יאָרן 1746, 1754 און 1778.

ווען קאַרל האָט זיך געזעצט אויפן טראָן, האָט ער נאָך אַמאָל געגעבן אַ באַפעל, דאָס 6 וואָכן נאָכן פאַרעפנטליכן דעם באַפעל זאָל קיין איין איד ניט געפונען ווערן אין קורלאַנד, און אויב עס וועט זיך געפינען אַן איד אין מיטוי, זאָל ער אַרויסגעשיקט ווערן פון שטאָט;

---

איז מיט אַ באַפעל פון דער קייזערין אונטערגעשריבן פון מיניסטאַרן קאַבינעט ווידערהאָלט אומצוקערן דעם אידן זיין זון, און דער באַפעל איז איבערגעגעבן געוואָרן ליפמאַן. און זייענדיק נאָענט בײַם קייזערליכן הויף, איז ליפמאַן באַפריינדעט געוואָרן מיט דער קייזערינס ליבלינג—ביראָן און ווען ביראָן איז געוואָרן הערצאָג איבער קורלאַנד, האָט ער איבערגע-געבן ליפמאַן די גאַנצע פאַרוואַלטונג איבער די פינאַנס-אָפּעראַציעס פון דעם קאַנט. און ער איז געוואָרן די נאָענטסטע פאַרטרויטע פּערזאָן בײַ ביראָן. וועלכער האָט זיך צו אים געווענדעט מיט עצות אין אַלע פראַגן, און נאָר אים האָט ביראָן פאַרטרויט אַלע זיינע סעקרעטן, און בײַ אַלע זיינע געשפּרעכן מיט וועמען עס זאָל ניט זיין, האָט ליפמאַן געמוזט זיין דערביי" (זע אידיש—רוסישע ענציקלאָפּעדיע 10 באַנד, זייט 226). ליפמאַן לעווי פיגורירט איינעגע מאָל אין דער באַוואוסטער ערציילונג פון הרה"ג ד"ר לעהמאַן, ראַבינער אין מאַינץ, „אין קאַמף פאַר דער פּוילישער קרוין", וועלכע איז געדרוקט געווען אין „איזראַעליט" און לעצטנס אין דער ריגאַשער טעגלעכער צייטונג „דאָס פאָלק"

אויך דעריעניקער, וואָס וועט באַשיצן אַן אידן, זאָל באַשטראָפט ווערן. אזוי אָבער ווי קומען האַנדלען אף א קורצע צייט איז אידן יא ערלויבט געווען, איז, כדי יעדער איד זאָל ניט קענען זאָגן, דאָס ער איז געקומען האַנדלען, איז ארויסגעגעבן געוואָרן א געזעץ, דאָס די רייזנדער מוזן האָבן א באַשייניקונג, דאָס זיי קענען זיך אופהאַלטן א 2—3 טעג אין מיטוי; עס איז אויך באַשטימט געוואָרן א ספּעציעלער אָרט פאַר זיי צו נאכטן, אף די סהורות, וואָס ווערן געבראַכט פון פוילן און ליטע, זיינען געלייגט געוואָרן זיגלם פון די צאָל-באַאַמטע, דאָס די אָפּגאָבן זיינען באַצאָלט, און דער זיגל איז ניט אַרונטערגענומען געוואָרן, ביז זיי זיינען ניט ארויסגעפאָרן פון קורלאַנד.

אין מאָנאַטליכן זשורנאַל „וואָסחאָד" שרייבט הער העססען דעם באַרבאַרישן באַפעל, וועלכער איז געגעבן געוואָרן פון קאַרל, דעם 6 אויגוסט 1759:

„מיט גאָטס גנאַדע מיר קאַרל, דער קעניג פון פוילן, פירשט פון ליטע, פירשט פון זאַקסן און אויך פון ליפלאַנדיע, קורליאַנדיא, זעמגאַלן און אז. וו. און אז. וו.

אזוי ווי מיר האָבן דערהאַלטן ידיעות, דאָס די אידן זיינען קעגן די געזעצן פון זעמסטוואָ און אַנדערע; זיי געפינען זיך נאָך אין אונזער רעזידענץ-שטאָט מיטוי און ווערן געהאַלטן און געדולדעט דורך די קריסטן, וועלכע זיינען שוין אָפט באַשטראָפט געוואָרן פאַר אופהאַלטן בא זיך אידן, וואָס דאַדורך ליידן ניט נאָר די אינטערעסן פון הערצאָג, נאָר די גאַנצע שטאָט לייט זייער א גרויסן שאָדן, דער געפאָר איז גרויס: אַלע גניבות, פאַלשקייטן, שווינדל ווערן דורך זיי געטאָן עפנטליך; די טויערן ווערן צוּבראָכן צוזאַמען מיט די ריגלען, — דאַריבער ערלויבן מיר ניט די אידן צו פאַרבלייבן אַף קיין אָרט אין אונזער רעזידענץ-שטאָט מיטוי, און ניט נאָר מיר באַנייען די באַפעלן, וועלכע זיינען שוין געגעבן געוואָרן פיל מאָל, נאָר מיר באַשטימען אין שטרייגנגן באַפעל, דאָס פון היינט אָן און ווייטער אין פאַרלויף פון 4 וואכן זאָל ניט געזען און געפינען ווערן קיין איין איד. נאָך די 4 וואָכן זיינען פאַרפליכטעט די פּאָליציי, די אָבערהויפּטמאַנשאַפט, די ריכטער און שטאָט-פאַראָרדנער

אבטינג צו געבן און פארשן, אויב דער געזעץ איז ריכטיק דורגעפירט געוואָרן, און ווען אין פאל, ניט קוקנדיק אפן געזעץ, עס וועלן איבערבלייבן אידן אף די ערטער, — סיי אין זייערע הייזער, סיי אין אנדערע ערטער, אדער עס וועלן געפינען ווערן אידן אפן גאס,—דארפן זיי באשטראפט ווערן מיט שטעקנס און ארויסגעטריבן ווערן פון שטאט. איך פארלאנגען מיר, דאס די פערזאנען וועלכע וועלן געבן בא זיך אן ארט און שוץ די אידן, זאלן גערופן ווערן דורכן פיסקאל און באשטראפט ווערן. איך זאל מען ניט גלויבן די אידן, וואס זאגן, דאס זיי זיינען דורכרייזנדער אדער אויסלענדער. מיר באשטימען און באפעלן, אז יעדער איד, וואס קומט פון אן אנדער לאנד, דארף גלייך קומען צום בורג-מייסטער צו נעמען אן אופהאלטס-שיין אף א טאג אדער צוויי, נאר יענע אידן, וועלכע זיינען פון אן אנדער לאנד (.7) און קומען דא מיט א רייזע פאס אין די אנגעלעגנהייטן פון די אדליגע, דארפן באצאלן יעדעס מאל א זעקסער. איך ווילן מיר, דאס אזעלכע אידן אדער די אידן פון לאנד זאלן האבן א באשטימטע הויז, און אויסער די הויז האבן זיי קיין רעכט ניט אופצוהאלטן זיך אין אן אנדער ארט. (.8) ווען מען וועט געפינען אן אידן אן אן שיין, אדער אויסער די באשטימטע הויז, זאל ער דעם ערשטן מאל באצאלן שטראף דעם 2-טן מאל באשטראפט ווערן און ארויסגעטריבן ווערן פון שטאט. דער מענטש וואס וועט געבן אן אידן אן ארט, זאל באשטראפט ווערן לויטן געזעץ.

דער געזעץ דארף אויסגערופן ווערן אין די קירכן 3 פרייטיקס נאך דער ריי אין דייטשער און לאטיינישער שפראכן, און נאכהער אויסקלעפן אין אלע עפנטליכע ערטער (.9)

---

(.7) דאס זיינען די אידן, וועלכע האבן געלעבט אין פילטן און האזנפאט און קרייזן און אין די איבריקע דערפער און גיטער.

(.8) די הויז איז געווען אין דאבליינשע גאס, וועלכע הייסט נאך יעצט „אידישע גאס“.

(.9) ווי עס שיינט, איז ניט פארווירקליכט געוואָרן דער באפעל, און די אידן זיינען ניט ארויסגעשיקט געוואָרן פון מיטוי, ווייל אין זעלבן יאר געפינען מיר אין פנקס פארשריבן וואלן אף גבאים פון חברה קדישא, ווי דער מנהג.

דעם 20־טן סעפטעמבער איז ארויסגעגעבן געוואָרן א נייער באפעל ארויסצוטרייבן די אידן אין פערלויף פון 6 וואָכן (10.) נאָר אין יאָר 1763 האָט זיך צוריקגעקערט ביראָן פון זיין גלות, און ווידער רעגירט איבער קורלאנד, אין 1769 האָט ער איבערגעגעבן די הערשאַפט זיין זון פעטער, א גוטער ארנטליכער ווייכער מענטש, און זיינע צייטן האָבן די אידן געפונען רו פון זייערע פיל צרות וואָס זיי האָבן געליטן, ער האָט זיי ערלויבט צו לעבן אין קורלאנד און האנדלען ווי זיי פארלאנגען, און זאָגאָר צו ערווערבן זיך אומבאוועגליכע גיטער, די אידן האָבן אים געבעטן צו ערלויבן זיי צו פארווירקליכן זייערע קאנצעסיאָן וועלכע זיי האָבן פון אים באקומען נאָר די ביטע איז א לאנגע צייט ניט ערפילט געוואָרן, איך צו ענדע איז די פאַרזאַמלונג פון 1778 געווען געגן דער ביטע און האָבן באשטימט ניט צו ערלויבן אידן זאָגאר וואוינען אין קורלאנד (11.) די אידן האָבן נאָך אמאָל דערלאנגט א ביטע: די פאַרזאַמלונג פון קורלענדער אדליגע האָבן פאָרגעשטעלט דעם קאמער־הער פאָן דער ברינגין א פראָיעקט צום גונסטן די אידן און אויף דער פאַרזאַמלונג פון די לאנדשאַפט־מאַכט 24 סעפטעמבער 1782 האָט מען ערלויבט אידן צו וואוינען אין קורלאנד, און אבוואָל די רעפאָרמע איז ניט פערווירקליכט געוואָרן נאָר דאנקענד דער ביטע פון איינגע גרויסע פערזענליכקייט איז פארברייטערט געוואָרן אידישע רעכטן און אידן האָבן אנגעפאנגען האָפן אויף ליכטיגע בעסערע צוקונפט.

אין יאָר 1786 האָט פאָן דער רעקקע (12.) פאָרגעשטעלט דער רעגירונג א גוטן פראָיעקט פאַר אידן.

און די אידן פראַגע איז פארגעקומען אויף די זעמסקע סיימען

---

(10.) דער באפעל פון 1759 איז געווען נאָר פאַר מיטוישע אידן, און דער באפעל פאַר גאַנץ קורלאנד.

(11.) לאנדסטאג 1778 פאראגראף 15, 20 אקטיאבער 1775 זייט 62 10 יוני 1776 זייט 90 און אנדערע (ה' וואונדערבאר אין זיין ווערק).

(12.) געאָרג פעטער מאגנוס פאָן דער רעקקע, דער פארפאסער פון דער בראשורע, אויף וועלבער מיר שטיצן זיך „Auszug der wichtigsten Sachen etc.“ פון ה' העססען אין "וואסחאד"

אין די יאָרן 1786 און 1787.

אין דעם פּראָיעקט האָבן געפאָדערט די באַאַמטע פון זעמסטוואָ דאָס עס זאָל געגעבן ווערן וואוינרעכט אידן אין גאַנץ לאנד אנע אויסנאַם אויך אין די דערפער, באַזונדערס אויב די אידן ווילן באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט; פאַר א באַשטימטן אָפּצאָל זאָל מען זיי ערלויבן צו האַנדלען און בפרט מיט ספּירט־האַנדל; מען זאָל זיי ערלויבן איינצופירן געמיינדעס, צוזאַמען מיט דער האָט דער זעמסקער סיים געוואָלט פאַרטראַגן די שטעט, אָף וועלכע באַדינגונגען וועלן זיי זיין צופרידן לאָזן וואוינען אידן די שטעט אָבער, וועלכע האָבן געהאַט באַזונדערע פּריווילעגיעס און וועלכע האָבן ניט געדולדעט און ניט געוואָלט האָבן קיין אידן, ווי ליבוי, ווינדוי, גאָלדינגען, ניירא, יאַקאָבשטאַט, זיינען ארויסגעגאַנגען מיט א פּראָטעסט. און די רעגירונג האָט אזוי ארום ניט געהאַט די מעגליכקייט אָנצונעמען דעם פאָרטראָג פון סיים וועגן אידישע רעכט.

# 14. די בראשיגרן פאר און קעגן אידן אין קורלאנד.

אין יענער צייט איז די פראגע וועגן בירגערשאַפט פאַר אידן אין הערצאָגטום געוואָרן א פּאָלעמיקע. לערך אין יאָר 1778 איז ארויסגעגאַנגען די ערשטע בראשיורע איבער דער פראגע אונטער דעם נאָמען:

„Ueber die Duldung der Juden in der Herzogthumer Kurland und Semgallen“

דער נאָמען פון פאַרפאַסער איז ניט דערמאָנט (18.) נאָך זיין לויבן און דאַנקען דעם הומאַניזם, וועלכע פאַרלאַנגט פאַר אידן הולדונג, געפינט ער פאַר נויטיק, מען זאָל זיך היטן פון א רעפאָרמע פאַר אידן, דען די אידישע רעכט קענען אפשר ברייננגען שאָדן אנדערע בירגער. דאריבער ליגט יער פאָר א רעפארמע, וואָס זאָל שטימען מיט די אינטערעסן פון לאנד און מיט די אינטערעסן פון אַנדערע שטעט. נאָך דער מיינונג פון פאַרפאַסער דאַרף מען ערלויבן אידן האַנטווערקעריי און

13.) מען מיינט, אז דאָס געהערט דעם יוסטיץ־ראַט געאָרג וויטע פאָן זיטענשטיין.

באשעפטיקונג מיט ספירט=ברענעריי נאר אין דערפער. נאר אין די שטעט, וועלכע האבן ניט קיין באזונדערע פריווילעגיעס, וועלכע פארביטן אידן צו וואוינען דארטן, קען מען ערלויבן אידן באשעפטיקן זיך מיט מלאכה און קליין=האנדל. וואס איז שייך זייער אינערלעך לעבן, וואס זיי האבן ניט קיין קהלה, לייגט פאר דער פארפאסער צו ערלויבן אידן האבן אייגענע ריכטער (בתי=דינים), בויען שולן, געבעט=הייזער, לער=שולן בתי=קברות, וויל ווען עס וועט בעסער ווערן זייער רעליגיעזער און געריכטליכער לעבן, וועט בעסער און גרעסער ווערן די לערע און ערציאונג פון דער יוגנט: און ווען זיי האבן ניט קיין מיטלען לייזוגמאכן אייגענע שולן, דארף מען זיי ערלויבן צו באזוכן אלגעמיינע עלעמענטארע און מיטל שולן.

אלס ענטפער אף דער בראשורע איז ארויסגעגאנגען אויך אן נאמען פון פארפאסער א בראשורע אונטערן נאמען: (.14)

Bemerkung ueber die Duldung der Juden etc.

דער פארפאסער פאדערט אינגאנצן צו דערוויטערן די אידן פון לאנד צוליב רעליגיעזע און עקאנאמישע טעמים. נאכהער האבן וועגן דער פראגע אנגעהויבן צו ריידן 2 פארפאסארס: איינער פון זיי, דער איד ד״ר לאכמאן (.15) וויזט אוף אין א קליינער בראשורע אונטער דעם נאמען:

„Beantwortung der Bemerkung ueber die Duldung etc. Mitau , 1787."

אז די אידן זיינען אין קיין ארט ניט קיין קריסטליכע פיינט און אין עקאנאמישן זין ברענגען זיי נאר גוטעס די לאנד. די 2=טע בראשורע איז, ווי מען מיינט, פון פאסטאר געארג גאטפריד מיליך

---

(.14) מען מיינט, אז דער פארפאסער איז הויפט=ראט ברוין, וועלכער איז געוועזן סעקרעטאר אין ליבוי.

(.15) ד״ר לאכמאן, געבארן אין פרייסן, פריער געווען אין ליטווען, נאכהער אין בויסק, און זייענדיק עטליכע יאר אין בויסק, האט ער פארריזט אין רוסלאנד. מיר קומט פאר, אז ער ווערט אויך דערמאנט אין האזנפאטער פנקס.

אונטער דעם נאָמען:

„Meine Gedanken bei der Frage ob man in unsern Vaterland Juden dulden oder nicht etc."

עס איז כדאי צו געבן א בכבודיקן ארט די בראָשורע, ווייל איסער וואָס זי באַשיצט אידן און זייערע רעכטן צוליב מאָראַלישע טעמים, ווייזט זי אויף, אז אויך צוליב עקאָנאָמישע און פּאָליטישע טעמים איז ווינשנסווערט צו געבן אידן אין קורלאַנד, אלע רעכט, ווייל מיט זייערע געשעפטן און אַרבעט ברייננן זיי נאָר נוצן די לאַנד.

## .15 די ביטע פון דער מיטווישער אידישער קהלה.

אין יאָר 1793 האָבן די מיטגלידער פון דער מיטווישער אידישער קהלה געפונען פאַר נויטיק צו דערלאַנגען דעם לאנדסטאָג א שריפט. אין וועלכן זיי דאַנקן פאַר די פאַרגאַנגנהייט און בעטן אויך אַף ווייטער צו באַשיצן זיי און ניט שטערן זיי אין זייער וואַיינרעכט. (.16) אַלס ענטפער אַף זייער ביטע איז זיי פאָרגעלייגט געוואָרן צוזאַמענצושטעלן א פּראָיעקט וועגן א רעפאָרמע און איבערגעבן עס א קאָמיסיע, וועלכע באַשעפטיקט זיך מיט שטאָט=אנגעלעגנהייטן. גיך האָבן די מיטווישע אידן ערפילט דעם פאָרשלאַג. נאָר צום ווייטיק פון יעדע אידיש=פילנדע האַרץ, גערעכטיקייט און אמת איז זייער בקשה געבליבן אן איביקע שאַנד: זיי האָבן ניט געבעטן פאַר אַלע אידן, (.17) ניין, מיטווישע אידן זיינען געקומען אין נאָמען פון דער גאַנצער איד. קהלה בעטן נאָר פאַר א באַשטימטן צאָל אידן אין יעדער שטאָט און דאָרף, אָבער ניט פאַר אַלע אידן.

---

(.16) הער העססען מיינט, אז די פּאלעמיקע האָט געגעבן מוט די אידן צו זאָרגן פאַר זייער רעכט.

(.17) זע אין ה׳ וואונדערבאַ״ם ווערק זייטן 44, 45, 46 און 47. דאָרטן זיינען אויסגערעכנט די נעמען פון די באַפּילמעכטיקע פון דער קהלה, וועלכע האָבן געבעטן נאָר פאַר 60 אידן. דאָרטן ווערן אויך דערמאָנט די נעמען פון די 60 מענשן, וועלכע זיינען ביגעלייגט צום פּאַפּיר. די ביטע איז געחתמעט געוואָרן אין בראָד דעם 22 יולי 1794 און זי אנטהאַלט 7 פּונקטן נאָר פאַר די 60 מענשן, וועלכע ווערן דאָרטן דערמאָנט.

זייער בעטן נאָר פּאָר א באַשטימטן צאָל אידן מאָטיווירן זיי דאַמיט, דאָס נאָך זייער מיינונג,— איז די צאָל אידן צוגעפּאַסט צו די גרייס פון אָרט און האַנדל, אָבער די איבעריקע אידן, ווי עס שיינט פון זייער ביטע, זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן זייער אָרט. וואָס איז שייך מיטווישע אידן, קענען פאַרבלייבן נאָר די 60 אידן, וועלכע זיי-ען געווען פאַרצייכנט בא זיי אין דער ביטע; נאָך די רייד פון די בעטערס, איז דער צאָל אידן אין מיטווי העכער פון דער נאָרמע קעגן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין שטאָט, דאַריבער בעטן זיי נאָר פּאָר 60 אידן רעכטן.

די בעטערס האָבן פאַרזיכערט צו באַצאָלן איסער דעם אַלגעמיינעם אָפּצאָל אויך דעם באַזונדערן אָפּצאָל פּאַר אידן. (דאָס איז דער אָפּצאָל וואָס קעגן אים האָט פּאַסטאָר מיליך מיט אַלע כחות געקעמפט.)

זיי האָבן אויך געבעטן מען זאָל זיי ערלויבן גרינדן אַ געמיינדע, ווי אין האַזנפּאָט, און זייערע קינדער זאָלן קענען לערנען אין מיטל און הויכשולן.

נאָר צום גליק פון די קורלענדער אידן איז די ביטע ניט פאַרווירקליכט געוואָרן, ווייל אַפן קינפטיקן יאָר איז קורלאַנד אַריבערגעגאַנגען צו רוסלאַנד און דאָס האָט אָפּגעהאַלטן די אַנטשיידונג פון דער אידן-פראַגע.

## 16. די אונטערפאַלונג פון קורלאַנד צו רוסלאַנד.

אין יאָר 1795 זיינען די הערצאָגטום קורלאַנד און פּילטענער קרייז צוגעצויגן געוואָרן צו רוסלאַנד; גלייך האָבן זיך די אידן געווענדעט דורכן גענעראַל-גובערנאַטאָר פאַלען צו דער רעגירונג מיט א ביטע אַרויסצוגעבן א רעזאָליוציע וועגן אידן; זיי האָבן אָבער קיין ענטפער ניט באַקומען.

אין יאָר 1796 איז איינגעפירט אין קורלענדער גוב. דער געזעץ וועגן שטאָט-פאַרוואַלטונגען און אַנדערע שטעטשע אינסטיטוציעס. די הערן אָבער פון קורלענדער הערצאָגטום האָבן ניט גענומען אין אכט די ביטע פון די אידן צו באַהעפטן זיך מיט זייער קויפמאַנסשטאַנד פאַריין, און פון אידן איז אוועקגענומען געוואָרן די רעכט אָנטייל צו נעמען אין די אַלגעמיינע שטעטשע פאַרוואַלטונגען.

אין דער צייט פון קורלאַנדס איבערגיין צו רוסלאַנד איז די לאַגע פון די קורלענדער אידן געווען שרעקליך. אין דער רעגיסטראַציע פון יאָר 1797 זיינען רעגיסטרירט געוואָרן 4581 מאַנסלייט, פון זיי האָבן אין די שטעט געלעבט 896 (18.), און די איבעריקע זיינען געווען צושפּרייט איבער הויפן און דערפער. די שטעטישע אידן, אויסער די וואָס זיינען געווען צוגעשריבן צו האַנדלאַנטער קויפמאַנס־שטאַנד, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט קליין־האַנדל, מיט קויפן און פאַרקויפן אַלטע זאַכן, מעקלעריי, וואָס האָט זיך צו יענער צייט גערעכנט פאַר א גרויסן פאַרברעכן, נאָר אין די דערפער האָבן זיך אידן ערנערט פון ספּירט־ברענעריי, פאַכטן שינקן, האַנדווערקעריי און פּילע—לאַנד־קרעמערס, וואָס וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, און איינציקע פון זיי אויך מיט ערד־אַרבעט א גרויסער טייל פון די אידן, וועלכע האָבן געלעבט אין די קרייזן, האָבן ניט געהאַט קיין באַשטימטן אָרט, נאָר האָבן געוואַנדלט פון אָרט צו אָרט, אַמאָל פאַרלאָזן די גוב. אַמאָל צוריקגעקערט זיך.

דורך אזא לאַגע, האָט די רעגירונג ניט געוואוסט, אַף וואָס פאַר אַן אָרט איינצומאָנען די אָפּגאַבן פון די אָרימע וואַנדערער. דעריבער וועגן אין יאָר 1797 איז אַרויסגעגאַנגען דער געזעץ וועגן רעקרוטן־נאַבאָר, האָט זיך די גובערנסקע פאַרוואַלטונג געווענדעט צום גענעראַל־פּראָקוראָר מיט א פראַגע, אַף וועלכן אָרט איז מעגליך איינצומאָנען די רעקרוטן־געלט פון די יעניקע אידן, וועלכע האָבן נאָך ניט ערפילט דעם נאַטירליכן רעקרוטן־פליכט ניט אין קורלאַנד, ניט אַנדערש־וואו, און גלייכצייטיק האָט פאַרגעלייגט די פאַרוואַלטונג צו פאַרבּיטן אידן פון וואַנדערן פון אָרט צו אָרט.

דער ערשטער דעפּאַרטאַמענט פון סענאַט, וואו דער פּראָקוראָר האָט איבערגעגעבן די פראַגע פון גוב. פאַרוואַלטונג, האָט אַף דער פראַגע גאָרניט געענטפערט און האָט דעם פאָרטראַג אָפּגעשיקט צום 3־טן דעפּאַרטאַמענט, כדי ער זאָל געבן אידן די זעלבע רעכטן, ווי עס האָבן די אידן אין ווייס־רוסלאַנד.

דער 3־טער דעפּאַרטאַמענט האָט געפאָדערט פון גוב. פאַרוואַלטונג אָנגעבן גענויע ידיעות וועגן די אידן: זייער צאָל, רעכטן, באַשעפטיקונג,

---

(18.) אין מיטוי—642, האַזנפּאָט—209, גאָלדינגען—26 און ניירא 19 אידן.

אויך די קורלענדער געזעצן, אַף וועלכע די אידן האָבן געלעבט אין לאַנד ביז יעצט, גלייכצייטיק האָט דער סענאַט געפאָדערט גיך איינצומאָנען די רעקרוטן געלט.

דער הערכבען שרייבט, אַז די פאָדערונג פון סענאַט האָט געגעבן מיט די גוב. פאַרוואַלטונג צו שטיין קעגן א גינסטיקער אנטשיידונג פון דער אידן־פראַגע און דאָס פאַרבאָטן די אידן צו וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, נאָך מער—זי האָט אָנגעווענדעט אַלע כחות צו באַווייזן, דאָס די קורלענדער געזעצן, וועלכע פאָדערן צו דערווייטערן די אידן, דאַרפן דורך דער רוסישער רעגירונג פאַרווירקליכט ווערן, און צו דעם צוועק האָט די גוב. פאַרוואַלטונג צוגעשטעלט פאַרשידענע דאָקומענטן איבער די אידן אין קורלאַנד, און אין אירע רייד צום סענאַט, דעם 2־טן פעווראַל 1798 האָט זי אויפגעוויזן, אַז די אידן זיינען קיינמאָל ניט געווען געדולדעט אין לאַנד און לויטן געזעץ קיינמאָל ניט געהאַט דאָס רעכט צו לעבן און האַנדלען אין לאַנד, און זיינען אַלע מאָל געווען פאַררעכנט פאַר מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין לאַנד און נאָך יעצט זיינען זיי ניט מער ווי אַזעלכע, ווייל די געזעצן איבער זיי זיינען נאָך ניט אַנדערש געוואָרן; אַלזאָ, וואוינען זיי אין לאַנד קעגן געזעץ און דאַריבער זיינען זיי ניט צוגעשריבן געוואָרן צו א וועלכע עס איז האַנטווערקער־צעך אָדער קויפמאַנשאַפט פאַריין; איטער די קויפלייט פון האַנזפּאַט און געציילטע, וועלכע לעבן אין מיטוי, לעבן אַלע אין אָרעמקייט, דאָס א גרויסער טייל פון זיי פאַרדינט מיט שווערקייט זיין נויטווענדיקעס מאַגעס־לעבן; קיין געמיינדע האָבן זיי ניט, א גרויסער טייל פון זיי האָט אפילו ניט קיין באַשטענדיקן וואוינרעכט, און ווייל דאָס פאָלק צייכנט זיך אויס מיט באַוואוסטע אייגנשאַפטן, ווייסט מען ניט קיין מיטל, וואָס זאָל צווינגען דעם גרויסן טייל פון די וואַנדערער צו פירן א באַשטענדיקן לעבן און צו ערנערן זיך מיט האַנטווערקעריי אָדער אַרבעט, און אַלס באַווייז צו אירע רייד, האָט זי ביגעלייגט דאָקומענטן, אַז אין א פאַרלויף פון 200 יאָר זיינען זיי לויטן געזעץ געווען דערווייטערט פון פאַבריקאַציאָן אין די דערפער און פון האַנדלען, און זייער וואַנדער־לעבן איז די פאָלגן פון די רעזאָלוציעס וועגן אַרויסטרייבן אידן פון לאַנד, נאָכמער—ווייל עס איז פאַרבאָטן געוואָרן די וואוינהאַפט אין די שטעט.

קעגן די אַלע אָנצייגן האָט די גוב. פאַרוואַלטונג דאָך אַרויסגעזאָגט

איר מיינונג, דאס עס איז א גרויסער ספק, אויב די אידן וועלן קענען זיך אף איין ארט און זיין בירגער—ארבעטער, און כדי צו ווייזן דעם געשטאלט פון אידישן פאלק אלס א פאלק, וואס איז ניט נוטיק און ווינשנזווערט פארן לאנד, האט די גוב. פארוואלטונג ארויסגעזאגט נאך איר מיינונג, אז זי ווייסט ניט אף וועלכן ארט איז מעגליך איינצומאנען די אפצאל פון אידן.

נאר צום אידישן גליק איז די אנזיכט פון סענאט וועגן אידן געווען גאר אן אנדערע, נאך פריער האט דער ערשטער דעפארטאמענט געזאגט, דאס מען זאל די קורלענדער אידן געבן די זעלבע רעכט ווי אידן פון אנדערע גובערניעס, און נאך דייטלעכער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג וועגן קורלענדער אידן דער דריטער דעפארטאמענט פון סענאט דעם 19 פעבראל 1798 אין פאלגנדע ווערטער: „אביואל די גוב. פארוואלטונג ברענגט אין איר ראפארט פיל רעזאלוציעס, וועלכע זיינען געגעבן געווארן אין פארשידענע צייטן, וועלכע האבן געאסרט די אידן ניט אזוי באשעפטיקונג נאר איך וואוינרעכט, דאך איז צו זען פון ראפארט דאס אידן האבן שוין געלעבט אין קורלאנד מער אלס 200 יאר, און דעריבער קען זיי דער סענאט ניט באטראכטן אלס מענשן, וואס האבן זיך אריינגעגנבעט אין לאנד, און נאך ווייניקער קען פון זיי דער סענאט ניט אוועקרויבן זייער וואוינרעכט אין דער צייט, ווען אין אנדערע רוסישע גובערניעס איז אידן די וואוינרעכט ניט פארבאטן; און דעריבער דארף מען באפעלן די קורלענדער גוב. פארוואלטונג באקאנט צו ווערן מיט דעם ענין און מיט די געזעצן, וועלכע ערלויבן אידן וואוינען אין אנדערע גובערניעס, און ארויסזאגן דעם סענאט איר מיינונג, אף וועלכע יסודות צו ערלויבן, וואס עס זאל שטימען צום גונסטן און אלגעמיין און באזונדערס צי גונסטן פאר אידן—דער סענאט געפינט פאר גוט איבערצולאזן די אידן אין קורלאנד.‟

אזא ענטפער איז געווען גענוג, אז די באציאונג פון דער מאסע און אדמיניסטראציע בנוגע אידן זאל זיך ענדערן. ניט קוקנדיק וואס קיין פולע רעכטן האבן די אידן נאך ניט באקומען, דאך האבן די אידן אופגעהערט זיין די אריינגעגנבעטע און זיין שטענדיק אין שרעק ארויסגעטריבן צו ווערן און זיינען געווארן רוסישע בירגער.

# 17. באראן הייקונג פאר אידישע רעכטן.

פאר די אנטשיידונג פון דער אידן־פראגע דארף מען דערמאנען צו גוטן דעם באראן קארל היינריך הייקונג, (19.) וועלכער איז א צייט געווען אמקורב באם קייזער, או פאוועל האט זיך געוועצט אפן רוסישן טראן. האט ער גלייך געלאזט רופן באראן הייקונג פון מיטוי, וועלכער איז דא געווען פארזיצער פון געריכט, און האט אים אופגענומען פאר א סענאטאר אין דריטן דעפארטאמענט. דער קייזער האט געגלויבט די רייד פון הייקונג, און דעריבער האט ער אים אופגענומען אלס מיטגליד אין דער קאמיסיע פאר אויספארשונג די מסירה אף אדמיראל מארדווינאוו וועגן א פאליטישן פארברעכן; און שפעטער האט ער אים אופגענומען אלס פארזיצער אין די געריכטן וועגן די אנגעלעגנהייטן פון ליפלאנד און עסטלאנד.

און אזוי ווי הייקונג האט געהאט א באזונדערע רעכט צו עסן אוונטברויט מיט דער קייזערלעכער פאמיליע און מיט זיינע נאענטע, האט ער געהאט די מעגליכקייט צו זאגן זיך צו יעדער צייט מיטן קייזער און ריידן מיט אים און ווי עס שיינט, און אזא געשפרעך מכח מלוכה־אנגעלעגנהייטן האט דער קייזער איבערגעגעבן הייקונג אויסצוארבעטן א פראיעקט איבער דער אידן־פראגע. עס איז מעגליך, דאס עס איז פארגעקומען אף אן אנדער אופן; אזוי ווי דער גענעראל־פראקוראר פירשט א. ב. קוראקין האט באקאנט געמאכט דעם קייזער מיט דער אידן־פראגע און אזוי ווי הייקונג, זייענדיק א קורלענדער, איז אין דער פראגע געווען זייער קאמפעטענט, האט דער קייזער די פראגע איבערגעגעבן הייקונג, וועלכער האט עס פון זיין זייט פארווירקליכט.

אין יאר 1809, ווען דער סענאט האט געצווייפלט איבער מען קען געבן אידן רעכט צו זיין עדות אפן געריכט, האט הייקונג געשריבן, דאס מען טאר בא אידן די רעכט נים אוועקנעמען,

(19.) הייקונג — געבארן 1752 געשטארבן 1809. אין 1798 האט מען אים אופגענומען אלס סענאטאר און נאכהער האט מען אים באפרייט פון זיין אמט. נאך דער קייזער אלעקסאנדר I האט אים צוריקגעקערט אף זיין אמט. (זע ווראפים, II טייל, זייטן 59, 63, 69).

(20.) ער האט געשריבן פאלגנדע ווערטער: „איך פון מיין זייט האב גוט נאכגעפארשט, כדי צו ערקלערן די זאך, וואס מיר האט איבערגעגעבן דער פארשטארבענער קייזער פאוועל, צו זאגן מיין מיינונג איבער די אידן־פראגע אין קורלאנד.“ (21.) עס איז אנע צווייפל, דאס זינע רייד, וועלכע האבן געהאט א ווירקונג אין די מלוכה־אנגעלעגנהייטן, און אזוי ווי ער איז געווען אין גוטע באציאונגען מיט געג. פראקוראר קיראקין, האבן געמאכט א גוטן איינדרוק. הייקינג האט זיך באציגן צו דער אידן־פראגע פון שטאנדפונקט פון הומאניזם און גערעכטיקייט, און דעריבער האבן די ערשטע רעפארמען פון דער גוב. פארוואלטונג, וועלכע האבן ניט פארלאנגט קיין גוטס פאר אידן, קיין פרוכט ניט געבראכט. דער 2־טער ראפארט וועלכער איז צוזאמענגעשטעלט געווארן ווי דער ערשטער ראפארט פון קורלענדער גוב. פארוואלטונג לויט דער אויפפאדערונג פון סענאט, וועלכער האט געפאדערט מען זאל געפינען א מיטל וועגן די אידישע בירגער, האט אויך ניט געבראכט צו קיין ציל. כדי דער סענאט זאל זיין זיכער באם צוזאמענשטעלן דעם פראיעקט, אז ער זאל שטימען מיט די אנגעלעגנהייטן פון דער מלוכה און מיט די אלגעמיינע אנגעלעגנהייטן, האט די גוב. פארוואלטונג אויך יעצט ווי פריער אויפגעוויזן אף די פעלערן פון די אידן, דאס זיי האבן ניט קיין שום צוזאמענבונד מיטן לאנד און לעבן זייער ארעם, אפילו זייערע טעגלעכע באדערפניסע זאאבן זיי ניט און דער גרעסטער טייל פון זיי גייט אנגעטאן אין גראבע לייוונטענע העמדער.

עס איז אמת, אז די ארעמקייט פון די אידן איז געווען זייער גרויס, אין דער צייט, ווען די מלוכה האט אנגעהויבן איינמאנען דעם רעקרוטן־אפצאל, וואס האט פאר גאנץ קורלאנד באטראפן 18743 רובל איז אף קיין אופן ניט געווען מעגלעך איינצומאנען דעם אפצאל. דעריבער

---

(20.) צווישן די איבעריקע רייד זיינע וועגן אין וויזט אויף הייקונג, אז אין דער תפילה „כל נדרי“ איז ניטא קיין זאך, וואס זאל ניט שטימען מיט די לעבנס־געזעצן פון דער מענשהייט בכלל, און וועלכע מען האט געהאט די אידן באשולדיקט.

(21.) הייקונגס שריפטן זיינען געדרוקט געווארן אין לייפציג 1886, נאר ניט אינגאנצן ארכיוו פון סענאט־דעפארטאמענט פון קריגס־מיניסטר 1810, דער אקט № 40. (הער העססען אין „וואסחאד“).

האָט די מלוכה אַרופֿגעלייגט אַפֿן שטאַט צו באַצאָלן פֿאַר די שטעטישע אידן, און די גוטבאַזיצער—פֿאַר די אידן, וואָס וואוינען אַף זייער לאַנד. עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז די שטעט האָבן אָנגענומען פּלייסיקע מיטלען אַרויסצובאַקומען פֿון די אידן דאָס געלט, און וואָס איז שייך די גוטבאַזיצער, האָט די עקזעקוציע געצוואונגען זיי צו באַצאָלן זיי פֿאַר די אידן.

דאָך האָט די גוב. פֿאַרוואַלטונג ניט געוואָלט אָנערקענען די אָרעמקייט פֿון די אידן און האָט זיי אָן אויפֿהער אונטערדריקט סיי אין זייער האַנדל און מלאכה, סיי אין זייער וואוינהאַפֿט, און ווידער האָט די גוב. פֿאַרוואַלטונג גערעט וועגן די פֿעלערן פֿון אידן, און אין איר רייד ברענגט איך די פֿאַרוואַלטונג, דאָס די אידן באַשעפֿטיקן זיך מיט פּראָצענט, מיט וואוכעריי, און כדי עס זאָל ניט זיין קיין סתירה צו זייערע ערשטע רייד, אַז אידן זיינען אַלע אָרימעלייט, האָט די פֿאַרוואַלטונג ערקלערט, אַז דאָך איז זעלטן צו זען, דאָס א שטעטישער איד זאָל רייך ווערן, ווייל „זינד און שלעכטע טאַטן שטראָפֿן די זינדיקער, און איינקינפֿטע פֿון פֿאַרבאָטענע געשעפֿטן גייען גיך פֿאַרלאָרן.‟

הער העכסען שרייבט, דאָס די קורלענדער אַדמיניסטראַציע האָט געצוואונגען די שטעטישע קריסטן צו זיין קעגן אידישע וואוינרעכט און האַנדל אין קורלאַנד, און ניט קוקנדיק, וואָס די פֿאַרוואַלטונג אַליין האָט געזאָגט, דאָס דער האַנדל און די מלאכה גיבן דעם אידן נאָר אַן אָרימע דורכקומענים, דאָך איז זי אַליין אויך געווען גרייט דאָס זעלבע פֿון זיי צוצונעמען, איבערצוגעבן עס די קריסטן, די גוב. פֿאַרוואַלטונג שרייבט: „אַזוי ווי אין די שטעט, אַזוי אויך אין די דערפֿער זיינען די אידן פֿול אַף די ירידין, אַף די מערק, וואָס דורך דעם ברענגען זיי א גרויסן שאָדן די קויפֿלייט און די שטאָט-מענשן, דורכדעם לייט אויך די רעגירונג, ווייל דער בירגער, וואָס האָט ליב אַרבעט, און דער איינוואוינער, וואָס צאָלט מלוכה-אָפּצאָל, ווערט דורך דעם אידן ערגער זייער עקאָנאָמישע לאַגע, און דער שאָדן קען ניט ערזעצט ווערן, ווייל עס איז אונמעגליך איינצומאָנען די אָפּגאַבן פֿון די אידן.‟

נאָר נאָך דאָס אַלעס האָט די רייד פֿון גוב. פֿאַרוואַלטונג צו טאָן שלעכטעס אידן ניט געהאָלפֿן. אדאַנק די פֿאָדערונג פֿון סענאַט איז די פֿאַרוואַלטונג געווען געצוואונגען פֿאַרצוטראָגן א פּראָיעקט וועגן אידישע רעכט אַף די קינפֿטיגע צייט. און כדי די מלוכה זאָל האָבן עטוואָס נוצן

אין כדי א טייל אידן זאָל זיין געלערנט צו אַ ראַיעלער אַרבעט, האָט זי ערקלערט, אַז די אַלע אידן, וועלכע האָבן אומבאַוועגלעכע גיטער אָדער זיכערע געשעפטן דאַרף מען פאַראייניקן אין איין געמיינדע אַף די יסודות פון קאַווירן פון כלל פאַרן פרט: די אידן דאַרפן אויסקלייבן פון זיך עלטערע און זיי אליין זאָלן האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען וויעמען פון די אידן קען מען אריינברייגגען אין דער געמיינדע יעצט און אויך שפּעטער, און ערלויבן זיי צוגעשריבן צו ווערן נאָר צו האַזנפּאָט, אָבער ניט צו אַנדערע שטעט; און צום גונסטן פון די קריסטליכע בירגער, זאָל מען זיי פאַרביטן אַלע קריסטליכע אַרבעט, און די אַלע איבעריקע אידן דאַרפן ארויסגעטריבן ווערן פון גובערניע, אויסער די אידן, וועלכע וועלן ברייגגן א מענשן, וואָס וועט קאַווירן פאַר זיי, דאָס זיי וועלן ביז דער קומענדיקער רעוויזיע באַצאָלן זייער אָפּצאָל. מיט אַזא רעזאָלוציע האָט גערעכנט די פאַראוואַלטונג דאָס די אידן וועלן זאָרגן צו פירן אן אנשטענדיקן לעבן און האַנדל, און די ארויסגעטריבענע אידן וועלן ווידער ברייגגען נוצן אַנדערע לענדער (22.

## 18. די השתדלות פון צוויי מיטוישע אידן.

די ידיעה, אז דער סענאַט האָט איבערגעגעבן די גוב. פאַריז. צו זאָגן איר מיינונג וועגן דער פאַרפאָלקומונג פון אידישע בירגער, איז דערגאַנגען צו די מיטוישע אידן, און צוויי פון זיי האָבן דעם 25 אַפּריל 1798 זיך געווענדעט צום גענעראַל-פּראָקוראָר פירשט קוראַקין צו באַשיצן זיי אופּזייזנדיק, אַז די גוב. פּאַריז. קען נאָר זאָגן איר מיינונג פון באַוואוסטע

---

(22. אזוי מיינט הער העססען, מיין מיינונג איז אָבער אַנדערש: די רעגירונג האָט געוואָלט פּטור ווערן פון די אידן און ווייסנדיק גאַנץ גוט די אָרעמקייט פון די אידן, אַז ניט אַלע קענען ווערן צוגעשריבן צו האַזנפּאָט, און קאַווענטן פאַר זייער אָפּצאָל וועלן זיי אודאי ניט געפינען, ווייל ווער וועט פאַר זיי קאַווירן? די גבירים און די מיטוישע פירער אין יענער צייט אדאנק זייער עגאָאיזם, האָבן אפשר ניט ווייניקער פון דער רעגירונג געוואָלט פּטור ווערן פון אידן, ווי עס איז צו זען פון דער ביטע פון 11 יולי 1794, אין וועלכע זיי האָבן געבעטן מער ניט ווי פאַר 60 אידן, אין דער צייט, ווען אין מיטוי האָבן זיך צו יענער צייט געפונען זכרים 642, און ווייבאַלד זיי האָבן אזוי געזוכט פּטור צו ווערן און ארויסצוטרייבן די אָרימע, וועלן זיי דאָך ניט קאַווירן פאַר אים.

איינוױטיקע אנשױאונגען, און אזעלכע אנשױאונגען קענען ברײנגען גרױסע צרות אונז אידן, עלנטע געדריקטע, װעלכע האָבן ניט קײן הילף. נאָר די אידישע פאַרטרעטער האָבן אױך ניט פאַרגעטראָגן אין נאָמען פון אַלע קורלענדער אידן א פּראָיעקט װעגן פאַרפולקומען דעם בנין פון אידישע בירגערשאַפט אין קורלאַנד.

צום װײטיק פון יעדער אידישער האַרץ האָבן די שתדלנים, װעלכע זײנען געקומען אין נאָמען פון גאַנצן אידישן פאָלק, שטאַרק פאַרזען. זײ האָבן זיך, אױך װי די אידישע פאַרטרעטער פון יאָר 1794, אױסגעצײכנט מיט זײערע עגאָאיסטישע שטרעבונגען. מורא האָבנדיק פאַר קאָנקורענציע, האָבן זײ פאָרגעטראָגן דעם מאַגיסטראַט פאָלגנדעס: „פרעמדע (אױסלענדער), װעלכע האָבן זיך באַזעצט אין א שפּעטערע צײט און װעלן זיך באַזעצן אין װעלכער עס איז שטאָט אין א גרױסער צאָל, דאַרפן אַרױסגעשיקט װערן אין אַנדערע שטעט און דערפער. (ס׳פאַרשטײט זיך, אז אַרױסגעשיקט האָט מען נאָר אָרימע לײט). אױך האָבן זײ געבעטן ערלױבן האַנדלען נאָר קיפּלײט, אײנפירן א געמײנדע, פאַרשרײבן אידן נאָך זײער באַשעפטיקונג, כדי נאָר די אידן װאָס צאָלן פאַר האַנדלס־שײנען, זאָלן באַקומען האַנדלס־רעכט.

גאָט צו דאַנקן, װאָס אױך דאָס מאָל איז די בקשה פון די ניט געבעטענע שתדלנים ניט ערפילט געװאָרן.

דער פּראָיעקט פון די מיטױשע שתדלנים איז איבערגעגעבן געװאָרן צום באַשטעטיקן די עקספּעדיטאָרן פון די מלוכה עקאָנאָמיקער און לאַנדװירטשאַפט (Сельское домоводство) װעלכע איז ניט לאַנג געגרינדעט געװאָרן באַם סענאַט. די עקספּעדיטאָרן האָבן געפאָדערט פון דריטן דעפּאַרטאַמענט אַלע פּאַפּירן, װאָס באַלאַנגן צו דער פראַגע, און נאָכדעם האָבן זײ פאָרגעלײגט אױעקצושטעלן א בירגערליכן לעבן פאַר די קורלענדער אידן אױף די זעלבע יסודות װי אין אַנדערע גובערניעס. דער סענאַט איז צופרידן געבליבן מיט די רעזאָליוציע, און דעם 17 פעברואַל 1799 האָט דער סענאַט דערלאַנגט דעם פאַרטראַג דעם קײזער; דעם 14 מאַרט דעם זעלבן יאָר איז מיטן קײזערליכן באַפעל. דער פאַרטראַג באַשטעטיקט געװאָרן, (23.) און די קורלענדער אידן האָבן באַקומען

---

П. П. С. З: XXV № ,18889 (.23)

גרעסערע און בעסערע רעכטן, ווי עס האבן געבעטן די באפולמעכטיקטע פון די מיטוישע אידן: ניט נאר די קויפלייט און די קרייזן האט מען געגעבן האנדלס־רעכט, ווי עס האבן געבעטן די אידן, נאר אלע אידן האבן באקומען דאס רעכט: נאכן באקומען א פאספארט פון מאגיסטראט האט ער געקענט וואוינען אין אלע קרייזן און און איסנאם און זיך באשעפטיקן מיט אלעס. אויך די בקשה פון די אידישע שתדלנים צו ערלויבן אידן לעבן אין די שטעט נאר אין א באשטימטן צאל איז ניט אנגענומען געווארן.

דאס גרינדן פון א נייע געמיינדע האט געבראכט א באדייטנדע ענדערונג אין לעבן פון די קורלענדער אידן. עס איז געגעבן געווארן די ערלויבנים צו באהעפטן זיך אין קויפמאנס־שטאנד, און שטאט־אמט און אנטייל צו נעמען אין די שטעטישע פארוואלטונג; און וואס איז שייך איינוווינען אידן אלס באאמטע, איז געזאגט געווארן אין געזעץ, דאס מען דארף זיך רעכענען מיט די געזעצלעכע מנהגים, ניט רעכענענדיק זיך מיט נאציאנאליטעט. (24.) דער איד, וועלכער איז ביז יעצט געווען געגורטיקט אין געצוואונגען צו שרין — איז אויעקגעגאנגען, און זיין שטעלע.

---

(24.) דער געזעץ וואס באשטימט, דאס אידן זאלן באצאלן דאפלטע אפגאבן ווי די קריסטן ווי אין אנדערע גובערניעס. נאר אין קורלאנד פארן ארויסגעבן דעם געזעץ, גלייך ווי קורלאנד איז צוגעצייגן געווארן צו רוסלאנד, האט מען אנגעגעבן די אידן זאלן צאלן א דאפלטן אפצאל. די גוב. פארוואלטונג האט זיך געשראקן, אז די אידן וועלן ניט אריינברענגען קיין איינאמע די רעגירונג. נאר דער שרעק איז געווען אומזיסט: א ריכטיקער באווייז קען זיין די סטאטיסטיק פון די צאל קויפלייט און צאל אפגאבן:

| שטעטישער אפצאל | קויפמ. אפצאל | שטעט. בירגער | צאל קויפלייט | יאר |
|---|---|---|---|---|
| 14.453 | | 3095 | 158 | 1800 |
| 15.130 | 2706 | 3240 | 101 | 1802 |
| 15.028 | 3000 | 3218 | 123 | 1803 |

האט פארנומען דער אידישער בירגער. די גרויסע באדייטונג פון דעם פאקט איז ניט ווינציקער געווארן איך דאן ווען עס זיינען פארקלענערט געווארן די בירגער־ליכע רעכטן אין קורלאנד. (.25)

## 19. די געזעצן איבער פילטענער קרייז.

עס איז קיין צווייפל ניט, אז אין פילטענער קרייז האבן אידן שוין געלעבט אין 16 יארהונדערט און האבן זיך געפונען אין א בעסערן מצב, ווי די אידן אין קורלאנד. (.1) איבער פילטענער קרייז זיינען ניט געגעבן געווארן איינע נאך די אנדערע דריקנדע געזעצן, ווי אין קורלאנד. ה׳ וואונדערבאר מיינט, אז ענדע 16 יארהונדערט האבן די אידן פון פילטענער קרייז שוין געהאט בירגער־רעכט, און פיל פון זיי האבן איך געהאט אומבאוועגליכע גיטער. ד״ר ברוצקוס אין „וואסחאד“ שרייבט, אז נאך אין יאר 1708 געפינען מיר אין פילטן א שול, 5 גאסן מיט 120 הייזער. פילטענער קרייז האט געהערט דעם קעניג פון פוילן, נאר אין ענדע 16 יארהונדערט, ווען פילטענער קרייז האט זיך פאראייניקט מיט קורלענדער הערצאגטום, האט זיך די אידישע לאגע פארערגערט. (.2) עס איז ארויסגעגעבן געווארן א באפעל אפצונעמען פון די אידן זייער וואוינרעכט אין לאנד און באשטראפן די קריסטן, וועלכע וועלן געבן בא זיך אן ארט די אידן, ווי מיר האבן שוין געשריבן האט דער לאנדס־סיים פון 22 אויגוסט 1750 איינשטימיק מבטל געמאכט די גזירה און האט פארזיכערט צו שיצן די אידן. דער סיים האט אויך געשלאסן אן אפמאך מיט די אידישע באפולמעכטיקטע ישעיה און הירש קאן, וועלכע האבן קאווירט, אז די שוץ־געלט פון די אידן אין א סומע 1000 פלאר און אלבערט תעט ארייגעטראגן ווערן יערליך אין די קאסע פון די אדליגע—גוטבאזיצערס

די אידן האבן געמוזט קומען אין האזנפאט יעדעס מאל, ווען די באפולמעכטיקטע אדער די קאויענטן האבן זיי גערופן באצאלן די שוץ־

---

(.25) דאס האב איך איבערזעצט פון ה׳ העססען אין „וואסחאד“ 1904, חדשים סענטיאבר—אקטיאבר.

(1.) Manteufel Piltyni archizum Piltyskie Warszavske.

(.2) הער העססען אין „וואסחאד“.

געלט ווי די קאַוינטן האָבן באַשטימט: די וועלכע האָבן דעם באַפעל ניט ערפילט, זיינען באַשטראָפט געוואָרן

נאָכהער איז אָנגעדרם געוואָרן, אזוי ווי ס'זעט פון דאָקומענט פון הגאון ר' יוסף שלמה, (3.) וועלכן איך האָב געזעהן, אין וועלכער ליוטעט דאָס די אידן האָבן מער ניט געדאַרפט קומען באַצאָלן אין האָנפאָט, ווי עס האָבן געהאַט באַשטימט די באַפולמעכטיקטע, נאָר צוזאַמען מיט די באַפולמעכטיקטע פון די מנינים, פון קירכשפיל זיינען טאַקסירט געוואָרן די אידן וועלכע האָבן געלעבט אין דעם קרייז פון זייער מנין. (4.)

---

(3.) דעם ווייכטיקן דאָקומענט האָב איך געזעהן באַ ד"ר יפה אין ריגאַ. וועלכן עס האָט אים געשיקט דער זעליגער טוקומשער רב ר' הירש ליכטענשטיין.

(4.) צוליב די ווייכטיקייט פון דאָקומענט ברענג איך דעם גאַנצן טעקסט, ווי עס איז געשריבן געוואָרן אין עברית: „שלום וישע רב להה"ה האלוף הרבני הקצין כ"ש מפוארים ה' ישראל סג"ל ולכל ראשי המנינים ולכל הדרים בקירשפיל יצ"ו: אנחנו שלומי אמוני ישראל דורשי שלומיכם ושלותכם כי יסגי באתי להודיע לכבודכם את הרעש בקדש אשר שרי המדינה רועדים כמעט רובם ככולם לגזור גירוש במדינה שלא יהי שום יהודי דר על המדינה ע"י שום אופן וכל אחד מראה לעם שרצונו ומלבד טעמו שלכל אחד טעם וטענה אחת לכולם כי החק אשר העמידו על היהודים אשר במדינה לתת מדי שנה בשנה עברו חקם אשר חקקו, כי זה ד' שנים אשר בני הקירשפיל שלכם לא נתנו את חקם, והנה באמת מה מאד הדבר הזה זר מאד מהדת והשכל אשר לא יבינו לא ישכילו לאחריתם לראות אחרית דבר מראשיתו הלא משא מלך ושרים הוא מעולם בכל מדינה ומדינה אין חפשי ונצטונו עליה בכתובים לשאת את עול משא המדינה בארנוניא, אשר משוים עלינו, ומחויבים אנחנו לדרש שלומם וטובתם של שרי המדינה אשר אנחנו בתוכם ולהחזיק טובה אשר טוב להיות גרים ותושבים בתוכם ולתת מחיה לנו להחיות את נפשותינו ונפש בתינו בנינו ובנותינו והוא קודש חסד השם כי כבר עשינו לתת לנו מחיי בקהלותינו, על כל מה מאד הדבר תמוה לעשות כזאת ולא לחוס על עצמם כמעט בלא דעת להעלים עין לראות את הנולד ולא לחוש אולי יהיה זאת למכשל להיות שגרש נזיקן לכדי גירוש הלא כל אשר לאיש

דער אינהאלט פון דעם דאָקומענט איז אַן אופרוף צו אַלע פאַרשטייער פון די מנינים פון קירשפיל, האָזנפּאָטער קרייז, געשריבן פון האָזנפּאָטער קרייז־רב מיט די פרנסים און מנהגים, אַז אַזוי ווי עס זיינען פאַריבער 4 יאָר, ווי די אידן, וואָס לעבן אין קירשפּיל, האָבן ניט באַצאָלט די אָפּגאָבן און עס קען קומען צו א גירוש פון אַלע אידן, על כן זאָל מען רחמנות האָבן און ניט ברענגען קיין אומגליק אַף אַלע אידן

---

יתן בעד פדיון נפשו שלא יהיה חלילה נע ועד ונדרש ללחם אי׳ ואיך יעלה על לב לשום נפשו בכפו ולהעלים עין מלתת חוקי הקצוב עליו כדי שימצא מרגוע לנפשו וביתו וב״ב, ולא די בזה אשר על נפשו לא חס, כי הגרמה הזאת יצא על כלל בני המדינה חלילה לנדדם ממקומם וצעקת שבר של כל בני המדינה על הגורמים חלילה, על כן זאת עשו ותחי נפשכם ונפש כל בני המדינה הנצל כצבי מיד שבכל מנין ומנין מקירשפיל שלכם תגזרו אומר בגזרת עירין פתגמא כתיקן גז״י ראשי המנינים ובצירוף תיקף גזרתנו בצירוף הרב אב״ד יצ״ו שתיכף אחר ר״ה לא יתפרד שום אחד מהמנין ותיכף בחרו אנשים ישרים לשם על ההערכה ויערכו איש איש כפי ערכו הראוי לו העשיר לפי עשרו ערך ד׳ שנים הנ״ל כפי יוכל שאת, וההערכה תהי׳ כדי שיושלם סך של כל ד׳ שנים הנ״ל כפי הערכה אשר נערכו כל הקירשפיל עפ״י אלופי מחנינו ואלופי מקירשפיל שלכם כאשר ידוע לכם ואל תשנו מהסך הלז ובבא כל א׳ על יוהכ״פ יביא את ערכו ויובחרו שני אנשים שיותן לידם המעות אשר יקבצו ויוליכו המעות להשר הגדול יר״ה הוא השר קאויקענט בעהר מושעק ולהמליץ טוב לפניו להודיע כי חלילה לא במרד ולא במעל היתה העיכוב אולי על ידי זאת תהי׳ איני׳ לשלותינו עד ישקיף וירא ד׳ לרחם עלינו, בתוך כל עמו ישראל וייטב לנו הכתיבה והחתימה בכל טוב ושלום, כי ידבר טוב על עמו ישראל, כ״ד אנחנו אלופי מנהגי בצירוף הרב אב״ד יצ״ו.

היום ג׳ כ״א אלול תקמח״ית לפ״ק פה האזנפוט,

נאום יוסף שלמה בא״א מ״מ מנחם מנדיל ז״ל חונה בק״ק האזנפוט והמדינה יצ״ו;

ונאום חיים במר״ש;

ונאום מנחם מענדיל המפורגער;

ונאום שלמה ב״ר דוד ז״ל.

פון לאַנד, זאָל מען שטריינג באַפעלן אין נאָמען פון די פאָרשטייער אין נאָמען פון רב, דאָס גלייך נאָך ראש השנה זאָל קיינער ניט אויעקגיין פון מנין און גלייך אויסקלייבן אָרדנטלעכע מענשן צו טאַקסירן צו באַצאָלן פאַר די 4 יאָר און קומענדיק אַף יום כפור, זאָל יעדער ברייגגן וויפיל מען האָט אים טאַקסירט; מען זאָל אויסקלייבן 2 מענשן, וואָס זאָלן אוועקפירן דאָס געלט דעם גרויסן הערן קאַזיקענט בעהר און בעטן אים און זאָגן, אַז ניט מוטוויליק האָבן מיר ביז יעצט ניט באַצאָלט. דער אויפרוף איז געשריבן אין האַזנפּאָט כ״א אלול תקמ״ח (1788) און פאַרזיגלט מיט רויטע לאַק; מיטן נאָמען פון רב און שטאָט אין עברית און דייטש.

דער סיים האָט באַשטימט, דאָס די הויז=באַזיצערס זאָלן אַף קיין אָרט ניט שטערן די אידן פון אָפּצאָלן די אָפּגאַבן: ווייל די קריסטלעכע בירגער פלעגן צוליב אייגענע נוצן אָפט שטערן די אידן באַצאָלן די אָפּגאַבן,

אין דעם סיים פון 22 אויגוסט 1750 איז באַשטימט געוואָרן, דאָס אין קומענדיקן סיים זאָל מען נאָכזען די פראַגע וועגן אידישע פאַרפולקומונג אין בעסערע אָרדנונג און אויך וועגן ערלויבן אידן בויען א שול, און אַף וועלכע באַדינגונגען איבערגעבן די ערלויבנים די אידישע קאָוועגטן.

אָבער אָפן סיים פון 9 סענטיאָבר 1751 איז די אנטשיידונג פון דער פראַגע וועגן א שול אָפּגעלייגט געוואָרן אַף אן אַנדער צייט (5.) מען דאַרף דערמאָנען צום גוטן די ריטערס און די לאַנד=באַאַמטע, וועלכע האָבן איינשטימיק ערלויבט צי בויען א שול אין האַזנפּאָט און צו ערווערבן אַ שטיקל ערד צו דעם צוועק. דאַן האָבן אידן באַקומען ערלויבנים צו גרינדן אקהל, וועלכער האָט געהאַט רעכטן, ווי די רעכטן און מנהגים אין פוילן און ליטויען.

---

(5.) א דאָקומענט פון לאַנד=מיניסטער, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז די אידן, וועלכע לעבן 5 מייל פון האַזנפּאָט, זיינען פאַרפליכטעט צו האַלטן דעם יום טוב סכות אין האַזנפּאָט, און אויך די אידן, וואָס לעבן ניט אין דעם קרייז, טאָרן ניט קויפן קיין אתרוגים אין אַן אַנדער אָרט אויסער האַזנפּאָט. (הער העססען ,,וואָסחאָד״

אָבער די קאַוואַציאָן איז מער ניט געווען אַף דער געמיינדע, נאָר אַף די קאַיענטן. און דער סיים פון 1751 האָט באַשטעטיקט די מאַכט פון די קאַיענטן אָנע שום הינדערנים אַז פון די הויז=באַזיצערס, בּאַ וועלכע עס האָבן געוואוינט אידן, איינצומאָנען די שוץ-געלט דורך פאַרשידענע מיטלען: משכנות, דאָפּלטער שטראָף, און אַנדערע שטראָפן, וועלכע האָבן דאָרטן עקסיסטירט.

די אָפּגאָבן זיינען אַמאָל קלענער אַמאָל גרעסער געוואָרן ביז 1000 פלאָרן א יאָר, ביז עס איז קלענער געוואָרן דער צאָל אידן, און די קוועלן פון פאַרדינסט זיינען ווייניקער געוואָרן, דאַן האָט דער זעמסקער סיים אין יאָר 1783 פאַרקלענערט די אָפּגאָבן אַף 400 טאָלער*) אַזוי האָט אויך באַשטעטיקט דער סיים צו באַשיצן דעם אידישן האַנדל וייל זיי טראָגן אָפּגאָבן, און אויסער דעם באַצאָלן זיי אַלע 3 מאָנאַט 40 טאָלאַר-אַלבערט די שטאָט.**) (הער העססען אין „וואסחאָד“ ברייננט אַף דעם אַ דאָקומענט פון לאַנד=מיניסטר). אַפּן לאַנדס-טאַג אין יענעם יאָר איז באַשטימט געוואָרן אַז די אידישע קויפלייט אין פילטן דאַרפן צוגעשריבן ווערן צו איינעם פון די קויפמאַנס=שטאַנד פאַריינען אין האַזענפּאָט. נאָר שוץ=געלט אין אַ גרויס פון 40 טאָלער אַלע 3 מאָנאַט האָבן זיי דאָך געמוזט צאָלן. אויך האָט מען זיי ניט ערלויבט צו זיין באַאַמטע, אַ ריכטער אין שטאָט. און ניט אין איין שטאָט, איז געפונען געוואָרן אַן

*) אַזוי איז דערטלעך צו זען פון האַזנפּאָטער געמיינדע פּינקעס פון 1782, וואו אידן דאַרפן צאָלן 600 טאָלער אַ יאָר, און אַזוי איז דאָרטן טאַקסירט דער אָפּצאָל:

| | | | |
|---|---|---|---|
| שטאָט האַזנפּאָט: | 244 ראַטאַלם | און | $8^{1}/_{4}$ שילינג |
| האַזנפּאָטער קירשפּיל: | 34 „ | „ | $12^{3}/_{4}$ „ |
| פּילטענער „ | 76 „ | „ | 16 „ |
| אַמבאַטנשער „ | 195 „ | „ | — „ |
| ערוואַלענשער „ | 69 „ | „ | $9^{3}/_{4}$ „ |
| נייהויזער „ | 61 „ | „ | — „ |
| סאַקעהנויזער „ | 13 „ | „ | 5 „ |
| סך הכל: | 604 רטל. | און | $11^{3}/_{4}$ שיל. |

אין ניט קוקנדיק וואָס די אָפּגאָבן זיינען ביז 1783 קלענער געוואָרן אַף 400 טאַלער, דאָך האָט מען פאַר 4 יאָר ניט באַצאָלט די אָפּגאָבן, ווי עס איז צו זען פון אַ בריף פון האַזנפּאָטער רב' וועלכער איז געשריבן ענדע יאָר 1787.

**) אויך די אָפּגאָבן זיינען דערמאָנט געוואָרן אין האַזנפּאָטער פּנקס.

אידישן ריכטער.*) זיי האָבן נאָר געקענט אנטייל נעמען אין די וואַלן אַף די אויבנדערמאָנטע פּאָסטנס. דאָס רעכט צו פּאַראייניקן זיך מיט האזנפּאָטער קויפמאַנשאַפט איז געגעבן געוואָרן ניט נאָר פּילטענער אידן, נאָר יעדערן, וועמען עס האָט נאָר געוואָלט, און דעריבער זיינען אַנדערע אידן, וועלכע האָבן געלעבט אין קורלענדער הערצאָגטום, צוגעשריבן געוואָרן צו האַזנפּאָטער קויפמאַנס-פּאַריין.**)

## 20 די באַפעלן פון די רוסישע קיסרים וועגן אידן אין קורלאַנד.

פון דער צייט, וואָס קורלאַנד און פּילטענער קרייז זיינען צוגעצויגן געוואָרן צו רוסלאַנד, איז די אידישע לאַגע בעסער געוואָרן. אין די צייטן פון קייזער אלעקסאנדר I איז דעם 3 פעווראַל 1805 ארויסגעגעבן געוואָרן א באַפעל, אַפן גרונט פון 9 דעקאַבר 1804, אויסצובעסרן די אידישע לאַגע און צו געבן זיי רעכטן ווי קריסטליכע בירגער, און אַף דער קאָנפערענץ פון 6 מאַרט 1806, וועלכע איז באַשטעטיקט געוואָרן דעם 1 דעקאַבר דעם זעלבן יאָר, איז צוגעזאָגט געוואָרן די קורלענדער אידן צו געבן זיי בירגער-לעכע רעכט.

דעם 8 נאָיאַבר 1807 איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו באַפרייען אידן פון דאָפּעלטן אָפּצאָל, ווי עס איז געווען ביז יעצט, און זאָלן נאָר צאָלן, ווי אַנדערע בירגער.

אין די טעג פון ניקאָלאַי דעם I איז די אידישע לאַגע אין קורלאַנד בעסער געוואָרן מיטן קייזערלעכן באַפעל פון 13 אַפּריל 1835 (קורלאַנדשע רעגירונג № 62). דאָס די אידן, וועלכע לעבן אין ריגע, שלאָק און קורלענ-דער גובערניע, וועלכע זיינען פאַרשריבן געוואָרן דאָרטן מיט זייערע פאַמיליעס, קענען פאַרשריבן ווערן אין א באַזונדערן קהל.

דורכן קייזערלעכן באַפעל פון 19 דעקאַבר 1844 האָט מען מבטל געמאַכט אַלע אידישע קהלות אין קורלאַנד און זיי זיינען צוגעצוינן געוואָרן

*) ה' וואונדערבאַר שרייבט, אז אין 1797 איז געווען אריכטער אין האזנפאָטער געריכט דער איד פנחס אייכעל, איך האָב געזען א צואה פון יאָר 1799 באַשטעטיקט פון זעלבן ה' אייכעל, דעם נוסח פון דער צואה וועל איך ברייננן אין דער געשיכטע פון האזנפּאָט.

**) יעצט געפינען זיך אין פּילטן נור צירקא 10 אידישע פאַמיליעס.

צו די שטאָט=אמטן, אַזוי ווי עס האָט קלאָר געמאַכט דער קורלענדער גוב. פּראווילעניע פון 9 אפּריל 1845, 29 №. און 2962.

לויט דער רעוויזיע פון 1832 איז געווען דער צאָל אידן אין קור=לאַנד 2303 די סיבה וואָס מיט 15 יאָר שפּעטער לערך אין יאָר 1850 איז דער צאָל אידן געווען דער זעלבער. איז נאָך ה׳ וואונדערבארס מיינונג די פאררייזונג אין יאָר 1840נ אָךְ חערסאָנער גובערניע. און די עפּידעמיע פון יאָר 1848.

אין חערסאָנער גוב. זיינען ארויסגעגאַנגען אידן פון קורלאַנד פאלגענדע צאָל:

| שטאט | פאמיל. | הערן | פרויען | סך הכל | שטאט | פאמיל. | חערן | פרויען | סך הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מיטוי | 115 | 445 | 418 | 863 | יאקאבשט. | 7 | 27 | 33 | 60 |
| בויסק | 82 | 355 | 337 | 692 | גראבין | 2 | 7 | 8 | 15 |
| האזענפאט | 96 | 334 | 284 | 618 | טוקום | 2 | 9 | 4 | 13 |
| גאלדינגען | 22 | 83 | 88 | 171 | ווינדוי | 1 | 5 | 5 | 10 |
| ליבוי | 13 | 45 | 33 | 87 | זייראַ | 1 | 4 | 6 | 10 |

סך הכל: 341 פאמיליעס אין אַ צאָל פון 2530 מענטשן.

לויט פּראָצענט איז פון קורלאנד ארויסגעגאַנגען אניינטע טייל אידן, וועלכע האָבן געלעבט אין קורלאנד אין יאָר 1835.*)

דורךְ דעם באַפעל, אז אידן, וועלכע זיינען אין יאָר 1835 געווען צוגעשריבן צו קורלאַנד, האָבן בירגער=רעכט האָבן אידן געלעבט און הינדערנים און אַפילו פיל אידן פון אַנדערע גובערניעס האָבן געלעבט און געהאַנדלט אין די שטעט און דערפער אין קורלאַנד, און אנדערע פון זיי האָבן געפירט גרויסע געשעפטן אין הויפן פון די אַדעליגע, אַזוי האָבן די אידן געלעבט אין שלום ביזן יאָר 1882. פון דערצייט איז פאַרערגערט געוואָרן דער מצב פון די אידן בכלל, און פון די

*) ה׳ וואונדערבאַר שרייבט, אז אין יאָר 1850 איז דער צאָל באַפעל־קערונג אין קורלאַנד געווען לערך 520,000, פון זיי אידן — 22,743 (מענער 11,081, פרויען — 11,662).

קורלענדער אידן בפרט. אין יאָר 1885 האָט די קורלענדער גוב. פּראַוויאַלען טונג באַקאַנט געמאַכט, דאָס שטיצנדיק זיך אַפן § 17 פון די געזעצן 14-טער באַנד וועגן פּאַספּאָרט-געזעצן פון יאָר 1876, איז ערלויבט צו לעבן אין קורלאַנד פאָלגנדע אידן נאָר

1) קויפלייט 1 גילדע;

2) די יעניקע, וועלכע האָבן באַענדיקט א הויכשול;

3) האַנטווערקער, מעכאַניקער, ספּירט און ביר-ברויער, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט זייער האַנטווערק און אַרבעט;

4) די יעניקע, וואָס זיינען געפונען געוואָרן פאַרשריבן אין די רעגיסטראַציעס פון קורלאַנד ביזן 13 אַפּריל 1835.

אַלע איבעריקע אידן איז פאַרבאָטן צו לעבן אין קורלאַנד און זיינען פאַרפליכטעט גלייך פאַרלאָזן קורלאַנד, און אויב זיי וועלן ניט פאַרלאָזן מיט גוטן, וועט מען זיי צווינגען.

איניקע פון דער איד. קהלה אין ליבוי זיינען געקומען בעטן דעם קורלענדער גובערנאַטאָר צוריקצוציען די גזירה, וועלכע דער לעצטער האָט די ביטע ערפילט. ער האָט באַפוילן טעלעגראַפיש דעם פּאָליציימייסטער אין ליבוי, אַז שטיצנדיק זיך אַפן געזעץ פון אינערן-מיניסטער פון 3 אַפּריל 1880 און אַפן באַפעל פון גראַף טאָלסטאָי 1872, לאָזן לעבן אידן אין ליבוי אַף די קינפטיקע צייט אָנע שום הינדערנים.*) אין יאר 1880 איז אַרויסגעגאַנגען דער באַפעל, אַז אַלע ניט צוגעשריבענע צו קורלאַנד, וועלכע לעבן אין קורלאַנד, זאָלן אין אַ משך פון 1 הודש פאַרלאָזן קורלאַנד; אסך פון זיי איז געגעבן געוואָרן גאָד א וואָך טערמין, אדאַנק דער גזירה זיינען פיל אידישע געשעפטן חרוב געוואָרן, און אַסך זיינען געווען געצוואונגען אַרויסצוּוואַנדערן נאָך אויסלאַנד זוכן ברויט פאַר דער פאַמיליע, די עמיגראַציע האָט זיך געשטאַרקט, טויזנטער אידן זיינען געוואָרן וואַנדערער: אין דער זעלבער צייט איז געגעבן געוואָרן נאָך אַ באַפעל אַז אין פאַל ווען נאָך דער באַשטימטער צייט, וועלכע איז געגעבן געוואָרן אידן צו פאַרלאָזן קורלאַנד, וועט געפונען ווערן אַ איד האַנדלענדיק, זאָל זיין סחירה קאָנפיסקירט ווערן, און דער איד זאָל אַרויסגעשיקט ווערן פון קורלאַנד. נאָך אַזא באַפעל איז פאַרלאָרן געגאַנגען און צו גאָרניט געוואָרן אידישע האָרעוואַנע, אידישע גוטס: געשעפטן און סחורות זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן. און די אידן די אינהאַבער פון די געשעפטן, זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון גובערניע.

---

*) „המליץ" 1835 №

אין יאָר 1893 איז אַרויסגעגעבן דער באַפעל פון 21 יולי 1893:

פונקט 1. אַז די יעניקע אידן, וועלכע האָבן געלעבט אין קורלאַנד ביזן יאָר 1980, קענען אַף די רעכטן לעבן ווייטער אין קורלאַנד און האַנדלען (נאָר ניט קויפן אומבאַוועגלעכע גיטער:

פונקט 3. די אידן, וועלכע ברייגגען נוצן די לאַנד און די בירגער, און די בירגער בעטן פאַר זיי, קענען דאָרטן בלייבן וואוינען. ווי מען זאָגט, האָבן אין דער זאַך אסך געאַרבעט ד״ר קאַנטאָיר, וועלכער איז אין יענער צייט געווען ראַבינער אין ליבוי, און ה׳ אליהו עליאשבערג פון ליבוי, וועלכע זיינען געפאָרן אין פעטערבורג און זיינען פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַרן אינערן־מיניסטער צו בעטן פאַר זייער פאָלק, און דורך די הילף פון די כלל טוער אין פעטערבורג איז די זאַך פאַרווירקליכט געוואָרן.

ביזן יאָר 1896, ווען מען האָט ערלויבט אידן צו וואוינען אין קור־לאַנד אַפן אויבנדערמאָנטן געזעץ, איז געווען אַנגעוויזן אַ באַשטימטער אָרט, וואו דער איד מעג וואוינען, נאָר אין יאָר 1896 איז געווען אַ באַפעל, אַז די יעניקע, וועלכע האָבן געלעבט אין קורלאַנד ביזן 80־טן יאָר, האָבן דאָס רעכט צו לעבן אין גאַנץ קורלאַנד.*) דורך דעם באַפעל האָבן די טויזנטער אידן איבערגעהויבן זיך פון איין אָרט אַף אַ אַנדער אָרט. אין יאָר 1898 האָט איינער פון די באַאַמטע פון דער גוב. פאַרוואַלטונג אופגעוועקט די פראַגע צוריקצונעמען דעם געזעץ, און עס איז באַשטימט געוואָרן, דאָס קיין איין איד טאָר ניט ענדערן זיין וואוינאָרט, וואו ער האָט געלעבט ביזן 1880־טן יאָר, און האָבן נאָך שווערער געמאַכט, אַז די יעניקע, וועלכע האָבן געענדערט זייערע ערטער, האָבן פאַרלאָרן דאָס רעכט צוריקצוקערן זיך אַפילו אַף זייער פריערדיקן וואוינאָרט, און פאַר אידן, וואָס האָבן געביטן זייער וואוינאָרט, ווי־דער צרות און פאַרדרוס: טויזנטער אידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן די גובערניע; פילע האָבן אָפעלירט צום סענאַט, און דער סענאַט האָט געמאַכט אַ פשרה: דעם אָרט, וואו זיי האָבן זיך איבערגעהויבן, מוזן זיי פאַרלאָזן, עס איז זיי אָבער ערלויבט אומצוקערן זיך אַף זייער וואוינאָרט וואו זיי זיינען געווען ביזן 80־סטן יאָר.

אין יאָר 1904 איז פון אינערן־מיניסטער אַרויסגעגאַנגען אַ געהיימער באַפעל אונטערן № 723 צו אַלע גראַדאָנאַטשאַלניקעס און גובערנאַטאָרן, אַז די אידן, וועלכע האָבן ביזן מאַרט 1904 געלעבט אין רוסלאַנד און קורלאַנד

---

*) פון יענער צייט ביזן יאָר 1898 האָט מען געשריבן אין דער ערלויב־ניס, וואָס מען האָט געגעבן אַז אידן: въ Курляндіи אין קורלאַנד

און זײנען אָרדענטליכע מענשן, פּאָליטיש ניט פאַרדעכטיק און האָבן געשעפטן קענען פאַרבלייבן אַף זייערע ערטער.

נאָך אַנדערע גובערנאַטאָרן האָבן דעם באַפעל ניט אויסגעפירט.

דעם 4 אַווגוסט 1906 איז ווידערהאָלט געוואָרן דער געזעץ.

דורך דעם באַוואוסטן באַפעל פון מיניסטעריום דער 10 מאַי 1907 אַז די, וועלכע האָבן ביזן נאָך 1906 געלעבט אין די רוסישע גובערניעס אין קורלאַנד קענען צייטווייליק פאַרבלייבן אַף זייערע ערטער, איז בעסער געוואָרן די לאַגע פון די אידן, וועלכע האָבן געלעבט געהיים. און אפן גרונט פון דעם באַפעל האָבן די קורלענדער אידן באַקומען די ערלויבנים פון גוב. פאַרוואַלטונג עפענטלעך צו לעבן אין קורלאַנד.

אין יאָר 1904 האָט דער אינערן-מיניסטער, דורך די השתדלות פון איינציקע פערזאָנען ארויסגעזאָגט זיין מיינונג צוצוציען צו די גובערניעס, וואו די אידן האָבן דאָס רעכט צו לעבן, אויך קורלאַנד, ריגאַ און שלאָק. דער אינערן-מיניסטער האָט פאָרגעלייגט דעם פראָיעקט די גובערנאַטאָרן פון קורלאַנד און ליפלאַנד, אָבער זיי האָבן דערמיט ניט צוגעשטימט.

# 21. דער רעגליעזער און נאַציאָנאַלער אידישער מצב אין קורלאַנד נאָכן באַקומען בירגער רעכטן ענדע 18 יאָרהונדערט.

עס איז א צווייפל איבער דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער מצב איז געווען אין יענער צייט בעסער ווי פאַר די וועלט קריג, נאָך היסטאָרישע פאַקטן, און דאָקומענטן איז אין אַ פרט נאָך ערגער געווען, די סבות פון דעם איז נאָך מיין מיינונג פאָלגענדע.

ערשטנס וואָס אַ גרויסער טייל פון די ערשטע מיטווישע און האַנ-פאָטער אידן זײנען געקומען פון דייטשלאַנד, אין די צייט פון די השכלת ברלין, ווען די תלמידים און מקורבים פון פילאָסאָף ה' משה בן מנחם מענדעלסאָן האבן פון די לערע פון זייער רבי געכאַפּט נאָר דעם שאָל אָבער די פרוכט האָבן זיי אַוועק געוואָרפן, און פיל פון די תלמידים האָבן געטראָטן אַף אלם וואָס עס איז בא אונז הייליק פון טויזנדער יאָרן, ביסלעכווייז האָבן זיי פאַרגעסן די תורה אמונה און אויך דעם פאָלק, ביז וואַנעט אַ גרויסע טייל פון זייערע קינדער האָבן זיך אין גאַנצן אַסימעלירט. און בפרט זיין תלמוד דוד פרידלענדער איבער וועלכן עס איז געדרוקט, אז ער זאָל האָבן פאָרגעלייגט א לוטעראַנישן פאַסטאָר, אַז אויב ער וועט אים באַפרייען פון א

פונקט פון קריסטלעכן גלויבן, וועט ער מיט א גרויסע געמיינדע אָנעמען דעם גלויבן.*) צו אונזער חרפּה — פרידלענדער פון די געלערטע און נכבּדים אין זיין שטאָט, האָט געוואָלט פּאַרציכטען אַף אונזער גאַנצער תורה און הייליקן גלויבן פאַר וועלכע עס איז פאַרגאָסן געוואָרן ימים טייכן בלוט. און דער פּאַסטאָר האָט ניט געוועלט פּאַרציכטן אַפילו אַף איין פּונקט פון זיין גלויבן און האָט אָפּגעוואָרפן פרידלענדערס פאָרשלאָג. אט דער פרידלענדער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט אין מ״טוי.

אויך איז אַ לאַנגע צייט געווען אין מיטוי דער באַוואוסטער פּראָפע־סאָר מרדכי הערץ, און נאָך אַ צאָל אידן פון פּרייסן וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין קורלאנד, און זייער איינפלוס איז געווען זייער גרויס אַף די איבעריקע אידן.

צווייטנס: די אידן, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן און געלעבט אין קור־לאַנד, ביז זיי האָבן באַקומען רעכטען אין יאָר 1799, זיינען ווייניק געווען בעלי־תירה וחכמה, און עס איז זאָר קיין וואונדער ניט: 85 פּראָצענט פון די אידן האָבן געלעבט אין הויפן און דערפער און האָבן געהאַט ווייניק אייגענע חדרים און שולן; אויך די אידן, וואָס האָבן געלעבט אין די שטעט, האָבן ניט געהאַט די מעגליכקייט צו דערציען זייערע קינדער אין די וועגן פון תורה און וויסנשאַפט: קיין אייגענע שולן האָבן זיי ניט געהאַט, אין אַלגעמיינע שולן ווידער האָט מען זיי ניט אָנגענומען. און וועגן דער אומוויסנהייט ביין אידן אין בילדונג אין באַלטישן פּראָווינץ אין יענער צייט, שרייבט דער גאון און פילאָסאָף ר׳ יוסף שלמה די — למידיגו פון קאַנדרוי**) אין זיין בריוו צום געלערטן קראַים פאָלגנדעס: „אַז ער געפינט זיך אין אַ לאַנד, וואו ער האָט קיין פּאַרקער ניט מיט געלערנטע מענטשן.“ און עס איז דאָך באַוואוסט, אַז באַ אַזעלכע מענטשן, ברענגן יעדע פלוצלינגע פּאַרענדרונג, יעדע נייע באַוועגונג; יעדע שטיקל פרייהייט פאַר א פאַרשטייסענעם, געפּייניגקטן פאָלק, מאַכט אַן אומאָרדנונג אין זייער אינערלעכן גייסטלעכן לעבן: די רעכטן אין קורלאַנד זיינען געקומען פּלוצלונג, ווי מיר האָבן פריער געשריבן, אַז די מיטווישע אידישע באַפּילמעכטיקטע, זיינען געקומען בעטן באַגרענצטע רעכטן, פאַר אַ באַשטימטן יערלעכן אָפּצאָל, און נאָר פאַר געציילטע מענטשן, און גלייך נאָך

*) זע די געשיכטע פון גרעץ.

**) געבאָרן אין 1590, פאַרפאַסט פאַרשידענע ספרים, געווען אסך יאָרן ד״ר באַ פירשט ראַזדזיוויל אין ליטע, נאָכדעם רב אין ראַבינער אין האַמבורג. געשטאָרבן תט״ו (1654)

זייער בקשה איז געגעבן געוואָרן אלע אידן פולע רעכטן און אַן שום אָפּצאָל

דריטנס, דאָס לעבן פון אַ קליינעם צאָל אידן צווישן אגרויסן צאָל קריסטלעכע באַפעלקערונג. נאָך דעם אַלעס איז ניט צו וואונדערן זיך אַף דעם קאָנטראַסט, וואָס מיר געפינען אין יענע צייט צווישן קורלאַנד און אירע שכנה'שער זאמוט אין ליטע. אין דער צייט, וואָס אין אידישן תחום איז אין יעדער אידישער שטאָט און שטעטל געפונען געוואָרן תלמיד תורות און ישיבות, צווייפל איך, אויב אפילו אין דער גובערניע-שטאָט מיטוי זיינען געווען אַזעלכע; אין דער צייט, וואָס אין אידישן תחום האָבן אפילו די יעניקע, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען די לאַנד-שפּראַך, געלייענט און געשריבן אידיש און עברית, איז אין קורלאַנד פון 100, וואָס פאַרשטייען די דייטשע שפּראַך צו לייענען און צו שרייבן, שווער געווען צו געפינען אַ קליינעם צאָל, וואָס פארשטייט צו לייענען און צו שרייבן עברית.

אין דער צייט, וואָס די אידן פון תחום — ליטע זאמוט און אנדערע — האָבן מיט אַלע קרעפטן געקעמפט קעגן אַלגעמיינע שולן, מורא האָבנדיק אפשר וועלן זייערע קינדער מחלל שבת זיין, ווען זיי וועלן ענדיקן די שולן, און וועלן אַוועקגיין פון זייערע עלטערן, — אין דער זעלבער צייט האָבן אייניקע מיטוישע איינוואוינער געבעטן מען זאָל ערלויבן זייערע קינדער מחלל שבת זיין.

אזוי איז געדרוקט אין „המליץ" 1882 № 26: אין יאָר 1857, № 265 איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ באַפעל פון בילדונגס-מיניסטער צו דעם קרייז.אינספעקטאָר אין דאָרפּאַט פאָלגנדעס: „אזוי ווי ראַבינער סאמונאָוו פון מיטוי האָט געבעטן צו באַפרייען די אידישע קינדער פון באַזוכן די שולן אום שבת, און געפינענדיק די בּיטע פאַר ריכטיק, באַפעל איך צו מאַכן פריי די אידישע קינדער פון באַזוכן די שולן שבת". אַף דעם באַפעל האָבן אייניקע מיטוישע אידן דערלאַנגט אַ פּראָטעסט צום בילדונגס-מיניסטער, און דער מיניסטער האָט באַפוילן צוריקצונעמען דעם ערשטן באַפעל און שרייבט: „לויט די בּיטע פון מיטוישע מענשן צו ערלויבן זייערע קינדער צו באַזוכן שבת די שולן, נעם איך צוריק מיין ערשטן באַפעל." (זע די ביאָגראַפיע פון הרב סאַמונאָוו)

דאָס איז אלס בפרט, אָבער בכלל זיינען אין מיטוי אויך דאן געווען אידן לומדים שומרי־תורה ומצוה, וועלכע האָבן ערצויגן זייערע קינדער שטרייננג רעליגיעז, און אַנדערע האָבן אויך געשיקט זייערע קינדער לערנען אין ישיבות און אין די איבעריקע קורלענדישע שטעט זיינען געווען פיל אידן לומדים און בפרט אין די אלטע שטעט פילטן וואו נאָך אין יאָר התקס"ה (1805) גע=

פינען מיר צווישן די געהחמטע אין פינקס גרויסע לומדים וועלכע זיינען שפּע־טער געווען רבנים אין גרויסע קהלות.

## 22. אַלגעמיינע בילדונג פון די אידן אין קורלאַנד.

נאָך באַפאַר מען האָט ערלויבט אָנצונעמען אידן אין אַלגעמיינע שולן, געפינען מיר שוין אין קורלאַנד אידן מיט הויכבילדונג, וואָס האָבן געענדיקט הויכשולן אין אויסלאַנד, ווי ד״ר אליהו לעווענטאל פון טוקום אין יאָר 1773; לערך אין יאָר 1784 האָט ר׳ קלמן באַרקים פאַרהייראַט זיין טאָכטער פאַרן הויפסראַט ד״ר ערליך; איך האָב געזען אַ דאָקומענט געשריבן אין האַזנפּאָט אין יאר תקנ״ח, אין וועלכן עס ווערט דערמאָנט א ד״ר, אונטערן נאָמען מענדל בן הרב ר׳ אהרן,*) און נאָך פילע געבאָרענע אין קורלאַנד מיט הויכע בילדונג.

אַז די מיטווישע אידישע באַפּולמעכטיקטע זיינען געקומען אין יאָר 1794 בעטן רעכטן, האָבן זיי אויך געבעטן ערלויבן זייערע קינדער צו לער־נען אין די אַלגעמיינע מיטל און הויכשולן. אין יאָר 1780 האָט קאָנסולאַט וואָלף געגרינדעט אַן אידישע שול אין מיטוי, וואו אונטער זיין פאַרוואַלטונג זיינען געווען 3 אידישע לערער; די שול האָט עקסיסטירט אין מיטוי ביז לערך 1825.

אין אָנפאַנג 1850 איז דערעפנט געוואָרן אין מיטוי אַן אידישע מלוכה־שול, (казенное евр. уч.) אין וועלכע דער געלערנטער ראובן וואונדערבאַר איז געווען רעליגיאָן־לערער. אין יאָר 1852 זיינען אין קורלאַנד געווען 5 אידישע מלוכה־שולן: אין מיטוי, ליבוי און נאַלדינגען.**) איך געפין פאַר נויטיק צו ברענגען אַ בריוו פון באַוואוסטן ר׳ משה מאָנטיפיערע, וועלכער באַלאַנגט צו אידישע בילדונג.***) דער בריוו איז געשריבן צו די אידישע קהלה אין מיטוי מיט אַ בשורה, אַז דער קייזער האָט ערפילט זייער ביטע.

צוליב די וויכטיקייט פון דאָקומענט איבערגיב איך אים אין דער שפּראַך, אין וועלכער ער איז געשריבן:

וז״ל, „בעזרת ד׳ פה לאָנדאָן י״ט אלול התר״ד לפ״ק.”

---

*) אפשר איז ער א זון פון באַוואוסטן רב ר׳ אהרן הזרויין, רב אין האזנפּאָט אין יאָר תק״ל (1770).

**) אין אָנפאַנג פון די 50־ער יאָרן האָט אין מיטוי געגרינדעט אַן אידי־שול אליעזר בן יעקב בערמאַן.

***) דעם דאָקומענט, וועלכן איך האָב איבערזעצט, האָט מיר געגעבן הנכבד השלום ר׳ גרשון הירשבערג, מיטוי.

שפעת טל החיים והברכה מאלקי המערכה על ראשי הרבנים המופלגים מקהלי עדת ישרון דק"ק מיטויא ישמרם השם.

עד בלי ירח אבי"ר!

בהתחדש תקופת השנה אשפוך שיחי לאלקי ישראל לרחם על שארית עמו להאיר עינינו בתורתו ולחזק לבנו בעבודתו, לשלוח עזרו מקדש ולהמכנו במעגלי צדק למען לא יבוש יעקב ולא עוד פניו יחורו: ובאתי היום לבשר לכם חיש מהר בשורה טובה כי נתן ה' בלב מלך אדיר הוא אדונכם המושל בכל ארץ רוסיא יר"ה לקבל ברחמים וברצון את בקשתנו אשר שמנו לפניו עת היום מעלתו הרמה בקרית ארצנו ונתבשרנו בשורות מזהירות כזהר הרקיע ע"י מלאכו השר המפואר הישב בעירנו רצופות חן וחסד בשם הדרת כבוד מלכותו יר"ה, יהי' בקה עמנו להטות לב המלכות אלינו לטובה ולא ישמע עוד קול צוחה כי אם ששון ושמחה ישיגו ונסו יגון ואנחה

אלה דברי מוקירכם משה מנ"י."

## 23. די געמיינדעס איז קורלאנד.

אויב מיר וועלן ניט רעכענען די קהילות, וועלכע זיינען שפּעטער חרוב געוואָרן, ווי פּילטענער, וואו נאָך אין יאָר 1708 איז געווען א שול און א קהלה, און די שול פון ניַיבורג, וואָס העך העססן שרייבט, אז זי איז שוין געווען אין יאָר תע"ט (1719),*) איז די ערשטע אידישע קהלה אין קור־לאַנד געווען האַזנפּאָטער. אבוואל אין ת"ץ (1730) איז אין מיטוי געגרינדעט געוואָרן א חברה קדישא און א פּנקס, די ערשטע שול אבער איז אין מיטוי געבויט געוואָרן דורך ר' קלמן באַרקוס ערשט אין יאָר תקמ"ד (1784), און ביזן יאָר 1796 איז אין מיטוי קיין אפיציעלער קהל ניט געווען.

אין האַזנפּאָט האָבן די אידן באַקומען ערלויבנים צו גרינדן א קהל און צו בויען א שול לערך אין יאָר 1751. דער פּנקס פון חברה קדישא איז דאָרטן נאָר פון תקמ"ב (1782).**) נאָר נאָך מיין מיינונג איז שוין אויך פריער דאָרטן געווען א פּנקס, ווייל ווי איז דאָס מעגליך, אז אין א שטאָט, וואו אידן האָבן אַזוי לאַנג געלעבט, וואו שוין אין לערך תקי"א (1761) איז געווען איינגעפירט א באַשטעטיקטע געמיינדע (שלטון הקהל), און אין יאָר (1760) תק"ך איז שוין דאָרטן געווען א באַוואוסטער גרויסער רב, זאָל ניט

---

*) זע אונזער ארטיקל וועגן די נעזעצן און גזירות.

**) ווייל אפן פּנקס איז געשריבן: שנת הקיצו ורננו שוכני עפר (תקמ"ב).

זיין קיין חברה קדישא און קיין פנקס. אויב איך האָב קיין טעות ניט, דאכט זיך מיר' אז אין האַנפאַטער פנקס ווערן רערמאָנט די ווערטער: „אין דעם פנקס וואָס פאַר מיר. „בהפנקס שלפני" אין מיטוי איז געגרינדעט געוואָרן די חברה קדישא און דער פנקס אין ת"ץ (1730); אין יאָר 1742 איז דאָרטן געשטאָרבן דער באַוואוסטער גאון ר' שמואל אלקנה תאמים.*) די ערשטע שול איז געגרינדעט געוואָרן אין תקמ"ד (1784).

אין טוקום איז אויף דער ערשטע בלאַט פון פנקס פון חברת קדישא געשריבן: יאָר תקע"ג (1813), נאָר עס איז זיכער, דאָס די ערשטע בלאַט איז געשריבן געוואָרן שפּעטער פאַרן גרינדן די חברה קדישא און פנקס, ווייל אין יענעם פנקס געפינען מיר אונטערשריפטן און פסקים שוין פון די יאָרן תקס"ג, תקס"א (1803, 1801) א. א. וו. דעריבער איז קיין צווייפל ניט, אז דער פנקס איז דאָרטן געמאַכט געוואָרן ניט שפּעטער ווי אין תקס"א (1801).

אין גאָלדינגען איז דער פנקס געגרינדעט געוואָרן אין תקס"א (1801);

אין ליבוי — לערך תקס"ג (1803);

אין סאַסמאַקן — לערך תק"ס (1800) און אפשר נאָך פריער, ווייל אין האַנפאַטער פנקס ווערט געבראַכט אַן אַקט פון סאַסמאַקן פון הרב ר' קלונימוס פון יאָר תקל"ה (1775), אדער תקמ"ה (1785);

אין פילטן — חוה"מ פסח יאָר תקס"ה (1805);

אין נייראַ (פרידריכשטאַט) — לערך תקס"ה (1805);

יאַקאָבשטאַט — לערך תק"ע (1810).

אין בויסק, בעפאַר עס איז ערלויבט געוואָרן דאָרטן אידן צו לעבן, איז די אידישע געמיינדע געווען פון יענער זייט אַא, און לערך תק"פ איז געגרינדעט געוואָרן אין בויסק די אידישע געמיינדע.

אין גריווא (זעמגאַלן — דער אַלטער בית הקברות מיט אַן ערך 200 יאָר פריער, און אין תקצ"א (1831) איז געגרינדעט געוואָרן א נייער בית הקברות.

אין טאַרזיק — דער בית הקברות לערך תקע"ה (1815);

ווינדוי — לערך תקצ"א (1831).

שאַבילן, קאַנדוי, גראָבין — ענדע 6 יאָרהונדערט אונזער צאָל.

טאַלסן — אָנפאַנג 7 יאָרהונדערט אונזער צאָל.

פרייענבורג — חברה קדישא און פּינקס אין תרל"א (1871).

דאָבלען — אין תרנ"ז (1897).

אלט-אויץ — אין תרנ"ח (1898).

---

*) זע די רבנים פון מיטוי

# 24. די לאגע פון די קורלענדער רבנים.

אין אלגעמיין האבן זיך די קורלענדער רבנים געפונען אין א בעסערע לאגע ווי די רבנים אין אנדערע ערטער: איינע פון די הויפט סיבות איז, ווייל פון דער צייט, ווען עס זיינען אין קורלאנד געגרינדעט געווארן קהלות, איז דער רב געווען אויך דער באשטעטיקטער ראבינער. רבנים, וועלכע זיינען נאר קאזיאנע רבנים אליין, זיינען אין קורלאנד ניט געווען, אויסער מיטוי, ראבינער פוכאר פון 1860-1892 און ראבינער זינגאל פון 1898-1904, און אין ליבוי פון דער צייט, וואס הרב ד״ר קליין איז אויעקגעפארן, זיינען פאראן באזונדערע ראבינערס

נאך בעפאר עס זיינען איינגעפירט געווארן מעטריק און קהל-ביכער פלעגט שוין דער רב אויסגעקליבן ווערן דורך וואלן און באשטעטיגט פון רעגירונג.

אזוי איז דייטלעך צו זען פון פאלגענדן דאקומענט פון קורלענדער גוב. פארוואלטונג פון 27 סענטיאבר 1828 ארכיוו-נומער $544^{22}$ Litr B., אין וועלכן עס איז געזאגט: "נאכדעם ווי די קורלאנדשע גובערנעמענטס-רע-גירונג האט מיטן באפעל פון 11 סענטיאבר 1828 באשלאסן די וואלן פון א ראבינער פאר די היגע אידישע געמיינדע, און געארדנט, אז די יעניקע קור-לענדער אידן, וועלכע פילן זיך פאר פייאיק צו שטעלן אלס קאנדידאטן אף ראבינער-פאסטן, דארפן 8 טעג פאר דעם באשטימטן וואל-טערמין זיך מעלדן בא דעם מיטווישן קהל און זיך לאזן שטעלן אף די וואל-ליסטן; נאר כדי עס זאלן זיך אויך קענען מעלדן אנדערע ווייטערע קורלענדער אידן, וועלכע פילן זיך פייאיק צו פארנעמען ראבינער-פאסטן איז דער וואל-טערמין באשטימט געווארן אפן 12 נאיאבר ד. י. 10 אזייגער פארמיטיק; צו דער צייט דארף די וואלגעמיינדע זיך פארזאמלען אין דער גרויסער סינאגאגע.

מיטוי, דעם 27 סענטיאבר 1828

"די באקאנטמאכונג דארף פארגעלעזן ווערן אין פרידמאנ׳ס שול 3-שבתים נאך דער ריי"

די פובליקאציע האב איך לויטן פארשריפט פארגעטראגן 3 שבתים אין דער פרידמאנשער סינאגאגע".

אונטערגעשריבן: הירש וואולף הירשבערג.

ווי עס איז באוואוסט, איז עס א זעלטענער פאל. דאס אין די שטעט אויסער קורלאנד זאל אויסגעקליבן ווערן א רב פון דערזעלבער שטאט וואו ער איז געבארן און געוואקסן, דאקעגן די קורלענדער גיבן פאר-רעכט א געבארענעם פון קורלאנד ווי אן אנדערן, און ניט קוקנדיק וואס זיי זיינען מיט אים געווען צוזאמען געבארן און געוואקסן, גיבן זיי אים אפ כבוד און אכטן

אים, פון די 77 רבנים, וועלכע זיינען ביז היינט געווען אין קורלאַנד, אויסער אילוקסטער קרייז, זיינען 35 געווען געבאָרענע אין קורלאַנד אדער קורלענדער איידעמס.

במעט אלע רבנים, וועלכע האָבן פאַרנומען די פּאָסטנס פון רבנים אין קורלאַנד, האָבן דאָרט אָפּגעלעבט זייער גאַנצן לעבן, אויסער וואָס אַנדערע פלעגן בייטן זייער שטעל אין דער זעלבער גובערניע. נאָר געציילטע האָבן צוליב פאַרשידענע טעמים פאַרלאָזן קורלאַנד.

עס איז אייך א זעלטענער פאַל, אז א קורלענדער רב אפילו פון דער קלענסטער שטעטעלע, זאָל ארומפאָרן איבער אַנדערע שטעט צוליב זיין עקאָנאָמישער לאגע! ניט נאָר רבנים' אפילו אָרימעלייט פלעגן גאַנץ ווייניק וואַנדערן בעטן הילף: דאָס מערסטע טייל פלעגן זיי באַקומען מאָנאַטליכע אָדער יערלעכע שטיצע פון שטאָט.

# 25. די וועלט-מלחמה און די אנטיסעמיטישע פרעסע

אין חדש יולי 1914 האָט זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע וועלט-מלחמה ניט קוקנדיק, וואָס אידישע סאָלדאַטן אין דער מלחמה האָבן זיך באַטייליקט פאַרהעלטענמעסיק ניט ווייניקער פון אַנדערע: אין אַלע שטעט און שטעטלאַך, וואו עס האָבן זיך געגרינדעט קראַנקן הייזער, פאַר די פאַרוואונדעטע, האָבן אידן זיך באַטייליקט מער פאַר אַנדערע,—דאָך האָט די אנטיסעמיטישע פרעסע אויפגעהעצט דאָס פאָלק מיט נארישע, פאַלשע, ווילדע אויסגעטראַכטע בילבולים, וואָס אין זיי איז ניט געווען קיין טראָפּן אמת.

עס איז פאַרשטענדליך, אז די שוואַרצע פרעסע האָט דאָס געטאָן בכיון צוליב עגאָאיסטישע טעמים, אבער פיל פון ניט געבילדעטן פאָלק האָבן נאַאיוו געגלויבט אין די ווילדע בלבולים למשל, אַז די אידן שיקן גאָלד קיין דייטשלאַנד, אידן שטעלן זיך אַריין גאָלדענע ציינער אוועקצופירן אין דייטש-לאַנד, אידן שיקן אַוועק אייער און פּוטער דורך אעראָפּלאַנען אין דייטשלאַנד, און אין דעם האָבן געגלויבט אויך פילע פון די, וואָס זיינען אין דער רעוואָ-ליוציע-צייט געגאַנגען האַנט אין האַנט מיטן אידן, נאָך מער האָט מען דאָס געמערקט אין די קלענערע שטעט.

# 26. דער גירוש פון קורלענדער אידן.

אין אַפּריל 1915 האָט ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, דער הויפּט-אָנפירער פון דער רוסישער ארמיי, ארויסגעגעבן דעם מערדערישן באַפעל, אז אין א משך פון 24 שטונדען מוזן די אידן פון קורלאַנד פאַרלאָזן די גובערניע

עס איז איבעריק צו ריידן, אַז אַזאַ גזירה איז שוין ניט געווען ניט נאָר הונדערטער יאָרן, ניט נאָר פון גירוש שפּאַניען אָן, נאָר אין אַ סך הינזיכטן פיל ערגער ווי גירוש שפּאַניען: דאַן האָט מען לכל הפחות געגעבן אַ לייגערן טערמין, און דאָ — אין 24 שטונדן.

מיין פעדער איז צו שוואַך אפילו אין קורצן צו באַשרייבן דעם אידישן חורבן אין יענער צייט מענטשן וואָס זיינען געבאָרן, געוואַקסן און געלעבט יאָרן־לאַנג אַף זייערע ערטער, און א סך האָבן זיך ערוואָרבן גרויסע געשעפטן און פאַבריקן, האָבן דאָס אַלץ אין איין איינציקע שעה געמוזט פאַרלאָזן; פילע ווידער האָבן אפילו קיין רייזע־געלט ניט געהאַט. אַלטע, שוואַכע, קראַנקע, קינפּעטאָרינס — אַלע אָן שום תירוץ האָבן געמוזט פאַרלאָזן אין 24 שטונדן זייער היים. געוויס יאָמערלעך און טרויעריק איז געווען די לאַגע פון אַלע אַרויסגעטריבענע אידן, נאָר נאָך טרויעריקער איז געווען די לאַגע פון די קורלענדער אידן: ערשטנס איז כמעט דאָס גרעסטע טייל פון קורלענדער אידן קיינמאָל ניט געווען אַרויסגעפאָרן פון דער גובערניע און קיינמאָל ניט געווען קיין וואַנדערער; צווייטנס, איז ער ניט געוואוינט געווען צו בעטן הילף. ווי עס איז באַוואוסט, אַז עס איז געווען זעלטן דער פאַל, אַז אפילו אַ קורלענדער אָרימאַן זאָל וואַנדערן אין אַנדערע שטעט און בעטן הילף: זיי פלעגן אונטערשטיצט ווערן פון שטאָט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט; דריטנס האָט אַ גרויסער טייל פון די קורלענדער אידן אויסער זיין לאַנדס־שפּראַך קיין אַנדער שפּראַך ניט פאַרשטאַנען: און פירטנס, האָט דער קורלענדער איד בכלל בעסער געלעבט, און זיין הויזהאַלטונג איז געווען אַנדערש: אַ טייל פון דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט פאַרן אַרויסגיין פון די אידן שלעכט פאַרהאַלטן זיך קעגן זיי. אַסך פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן מיטן אידן צוזאַמען געלעבט, אייך די באַאַמטע, וואָס בשעת זיי האָבן פון אידן נוצן געהאַט, האָבן זיי אים געאַכטעט, האָבן זיך יעצט געמאַכט, ווי זיי וואָלטן דעם אידן גאָרניט געקענט; עס זיינען אייך געווען פאַקטן, ווען אַן אידן פון אַזאַ מוטער שטעטל איז אויסגעקומען צו גיין דורך די קורלענדער שטעטלעך, פון וועלכע די אידן זיינען שוין געווען אַרויסגעשיקט, האָט די אָרטיקע באַפעלקערונג ניט געלאָזט אַריינגיין אַן אידן באַ זיך אַפילו אַביסל וואַסער נעמען. אָט אַזוי איז פון אידישע גוטס און האָרעוואַנע נאָרגיט געוואָרן.*)

*) אפילו אַנדערע נעצייליטע, וואָס האָבן נעהאַט די מעגליכקייט מיטצונעמען זייער גוטס. נאָר דיינקנדיק, אַז מען פאָרט אַרויס נאָר אַף נעצייליטע טעג אָדער וואָכן, האָבן ניט גענומען פאַר נויטיק עס מיטצונעמען.

אַלץ איז איבערגעבליבן; אין אַנדערע שטעט זיינען איבערגעבליבן אין בתי־מדרשים ספרי תורות, טויזנטער עקזעמפּליאַרן ספרים; אָבער לײדער גאַנץ ווייניק איז פון זיי איבערגעבליבן, זיי זיינען פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיט די שולן און בתי־מדרשים.

גענוג שווער איז געווען די קורלענדער אידן ביז זיי האָבן געפונען צו פאַרדינען אַף לעבנס־מיטלען, און געוויינען זיך מיטן גלות־לעבן אין די טיף־רוסישע גובערניעס, אין אוקראַינאַ און ד. גל. לײדער האָבן ניט אַלע זיך צוריקגעקערט: פיל האָבן זיך צוריקגעקערט יתומים און רונדע יתומים.

פון די קורלענדער אידן וועלכע זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן לעבן יעצט אין קורלאַנד אַ גאַנץ קלײנער טייל, 9 קהילות זיינען אַף אַזוי פיל פאַרקלענערט געוואָרן, אַז זיי האָבן קיין רבנים ניט, ווייל עס פעלן מיטלען זיי אייסצוהאַלטן; פון די 19 רבנים, וועלכע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קורלאַנד האָבן זיך צוריקגעקערט נאָר 5.

## 27. די ריגעשע הילפס קאָמיטעטן פאַר די ארויס־געשיקטע.

עס איז כדאי צו געבן אַ בכבודיקן אָרט די מעשים טובים, וואָס די ריגעשע אידן האָבן געטאָן מיט די אַרויסגעטריבענע אָבער מיר איז ניט באַוואוסט אַלע איינצעלהייטן. עס איז מיר נור באַוואוסט אַז דער פאָרזיצער פון גרויסן קאָמיטעט איז געווען דער באַוואוסטער מאַגיסטער פּאויל מינץ און מיט געהאָלפן די גרויסע אַרבעט זיינען געווען ר׳ אברהם בר׳ נחום רבינוביץ, ר׳ אלי׳ ב״ר שלמה שליט. וו. לונץ, ד״ר ב. מייער *)

---

*) די נכבדים האָבן במעט אַלע מאָל געהאַט דעם צוטרוי פון ריגער אידישע באַפעלקערונג; באַ אַלע וויכטיקע ענינים וועלכע עס איז פאָרגעקומען אין ריגעשע געמיינדע זיינען זיי געוויילט געוואָרן צו אנטשיידן; אויב איך האָב קיין טעות ניט זיינען זיי אויך געוויילט געוואָרן אין 1907 באַ נעמען אַ ראַבינער אין ריגע, און אויך 1913 באַ נעמען אַ רב אין ריגע. אין די קאָמיסיעס און אויך אין אנדערע קאָמיסיעס זיינען געוויילט געוואָרן אויך ר. זיסקינד בערלין און ד״ר יצחק יפה. נור אין 1915 איז ד״ר יפה ניט געווען אין ריגע. עס איז צו באַוואונדערן אַז טראָץ דעם וואָס צווישן זיי זיינען געווען פאַרשידענע מענטשן און ריכטונגען אבער באַ שטעטישע אנגעלעגנהייטן, האָבן זיי זיך אלע מאָל פאַראייניגט. עס וואָלט כדאי געווען צו געבן זיי, א

אבאַזונדערן אָנטייל האָט גענומען אין הילפס קאָמיטעט ר׳ מ. לולב, ל. אייטינגען און זשאַנא יאקאבסאָן,

איבערהויבט איז זייערע אַלע מעשים טובים אומבאַשרייבלעך, אין פולן זין פון וואָרט האָט די אידישע וואַרעמע האַרץ מיטגעפילט די צרות און ליידן פון די ארויסגעטריבענע אידן פון קורלאַנד און קאָוונער גובערניע: עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ הילפס קאָמיטעט, עס איז געזאָרגט געוואָרן אָפּצוואַרטן די אידן ביי די באַנען און דאַטפּערס און עס איז אפגעהוילט געוואָרן זייערע זאַכן; מען האָט זיי באַזאָרגט מיט דירות, פיל ריגער תושבים האָבן אַפילו אָפּגעטראָטן זייערע דירות פאַר די אַרויסגעטריבענע; עס זיינען געגרינדעט געוואָרן קיכן,

---

בכבודיקן אָרט לויט זייערע פאַרדינסטן. אָבער מיר איז ניט באַוואוסט אַלע איינצלהייטן, איך קען נור אין קורצן דערמאָנען. ר׳ אלכסנדר זיסקינד ב״ר שניאור זלמן ברלין. וועלכער איז געווען א אמתע אידישע ענציקלאפעדיע: פון תורה, יראת שמים, הסידות יחוס, השכלה און חכמה,: געווען אַ גדול בתורה, אַ שקדן בתורה, געשריבן חידושים. און געשריבן זיך מיט רבנים אין תורה, א יראת שמים און שומר מצוה אין פולן זין פון וואָרט. אַ שטאַם פון אַ מיוחס־דיקע גאונישע פאַמיליע און דאַצו אַ חכם און מעורב עם הבריות, און דאַפיר האָבן אים אלע געאכט. ווי עס איז באַוואוסט אַז ביי די ערשטע ריגעשע קהלה פארזאַמלונג איז ער פון אלע פאַרטייען איינשטימונג געוויילט געוואָרן פאַר אַ פאָרזיצער.

פאָרנריק אין ארץ ישראל, איז ער נפטר געוואָרן אין ברלין ג׳ תמוז תרפ״א. נאָכגעלאָזן כתבי־יד אין פאַרשידענע ענינים וועלכע געפינט זיך ביי זיינע יורשים, ווי זיין זון ר׳ חיים ישראל ברלין האָט מיר געשריבן איז ר׳ זיסקינד געבאָרן געוואָרן אין רודניא מאהילוב גובערניא.

זיין זון ר׳ מאיר ברלין האָט געלערנט און פאַרשטאַנען תלמוד, אַ משכיל אין אַלגעמיינע וויסנשאפט, באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גרויסע ידיעות אין שפת קדשנו, אין ריידן און שרייבן, געשטארבן אין ברלין ז׳ אייר תרפ״ב און מקובר געוואָרן לעבן זיין פאָטער.

אליהו בר׳ שלמה שאליט, געבאָרן געוואָרן ביי אַ שטרייגגען ארטידאָקסיסן טראַדיציאָנעלן פאָטער. געווען אַ מופלג בתלמוד און דאַצו אַ אידיישער משכיל, טראָץ דעם וואָס ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן, איז ער געווען א עסקן אין אַלע אידישע אנגעלעגנהייטן. נאָך דער ק״יג האָט ער געלעבט אין ברלין, האָט פאַרנומען אַ גרויסן חשובן ארט אין אַלע אידישע ענינים. און אויך אין אלגעמיינע ענינים, געשטאָרבן אין בערלין ז׳ ניסן יאָר תרפ״ב.

צו באזארגן זיי מיט עסן. אין קורצן: די גאנצע אידישע באפעלקערונג, אלט און יונג. גרויס און קליין, מיט טאט און ראט האבן געזוכט צו פארלייכטערן די טרויעריגע קאטאסטראפאלע לאגע, פון די ארויסגעטריבענע.

זייער פיל האט זיך משתדל געווען דער גרויסער גאון ר׳ מנחם מנדל זק, ריגער רב, באזונדערס פאר די ארויסגעטריבענע רבנים און בני־תורה: ער האט געזארגט, דאס די אלע נייטבאדערפטיגע רבנים, זאל די גאנצע צייט פון זייער אויפענטהאלט אין ריגע, אריינגעטראגן ווערן וואכנטלעכע שכירות, אין באדייטנדע סומעס אף הוצאות, פיל האט אויך געטאן די אידישע שטודירנדע יוגענט, בפרט באם אפפארן אין די ווייטע מקומות האבן זיי באגלייט די קורלענדער און קאוונער ארויסגעטריבענע. אנדערע האבן געארבעט טאג און נאכט כמעט מיט מסירת נפש.

# די געשיכטע
# פון די אידן אין קורלאנד און זעמגאלען

## פון יאר שכ״א (1561) — תרפ״ג (1923).

### II טייל. די קהילות, פאריינען, רבנים און חכמים.

## קורלענדער שטעט.*)

### 1) אילוקסט.**)

אילוקסט איז איינע פון די קורלענדער שטעט. וואס ליגט נאענט באם גרענעץ פון ליטע, און האט געהערט דעם גראף פלאטער, וועלכער האט געלעבט אין גוט „שלאסבערג“ ניט וייט פון שטאט. די ערשטע איינוואוינער אין שטאט זיינען געווען פאליאקן, די גראפן פון פלאטער׳ס פאמיליע. וועלכע האבן געלעבט אין זייערע גרויסע גיטער, האבן נאר געארבעט פארן

*) עס זיינען פאראן שטעט, וואו אידן האבן זיך באזעצט פריער ווי אין אילוקסט, נאר איך שרייב די שטעט נאכן אלף־בית.

**) לויט דעם שרייבן צו מיר פון התורני ר׳ יצחק ראובן בן הרב הגאון ר׳ אברהם שלאסבערג פון אילוקסט.

אַנטוויקלען דעם קאַטוילישן גלויבן אין שטאָט און אומגעגנט. און האָבן צו דעם צוועק אויסגעבויט אַ קאַטוילישע קירך און אַ יעזואיטישע סעמינאַר.

אין דער צייט פון די גראַפן, איז אידן געווען פאַרבאָטן צו לעבן אין אילוקסט; ווען די יעזואיטן פלעגן טרעפן אַן אידן אין שטאָט, פלעגן זיי אים טויט שלאָגן. נאָר אַרום שטאָט, אין די קרייזן, אין די דערפער, האָבן תמיד געלעבט אידן מייסטנס האַנטווערקער אַנטלאָפענע פון ליטע, צוליב פאַר-שידענע טעמים. אפילו די אידן, וועלכע האָבן געלעבט אין די דערפער, איז געווען פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין שטאָט; און אידן האָבן זיך ערשט אָנגע-הויבן באַזעצן אין שטאָט מיט לערך 120 יאָר צוריק. די סיבה דערפון איז, דאָס דער גראַף פלאַטער פון „שלאָסבערג" האָט גענומען אַ פרוי פון פוילן, מיט וועלכער עס זיינען מיטגעקומען 2 אידן שניידערס „שלמה און חיים". דורך די שתדלות פון דער גרעפין, האָט מען די שניידערס דערלויבט צו לעבן אין אילוקסט. די גרעפין האָט זיי געשטיצט מיט אַלע אירע מעגלעכקייט און באַ-שיצונג פון די יעזואיטן. אַ דאַנק די באַזעצונג פון די 2 ברידער-שניידערס אין אילוקסט, האָבן לאַנגזאַם-לאַנגזאַם אָנגעהויבן די אידן, וועלכע לעבן אין די דערפער, אַריינקומען אין שטאָט, און די אײַנוואוינער פון שטאָט אין יענער צייט, די פּאָליאַקן, האָבן אָנגעהויבן דערנענטערן זיך צו די אידן באַקענענ-דיק זיך מיט זיי, זיינען זיי מיט די אידן געבליבן צופרידן.

אין איניקע יאָר אַרום, איז די צאָל אידן אין אילוקסט גרעסער גע-וואָרן, די ערשטע אידישע איינוואוינער אין אילוקסט זיינען געווען וייער אומ-וויסנד, זיי האָבן פון אידישקייט גאָרניט געוואוסט. למשל, זיי האָבן געוואוסט, אַז מען דאַרף דאַוונען אין תפילין, אָבער ווי מען באַגייט זיך מיט זיי, האָבן זיי ניט געוואוסט. מען דערציילט, אַז עס האָט געטראָפן, דאָס איין טייל אידן פון שטאָט האָבן געדאַוונט נאָר מיט די תפילין של־ראש, און די צווייטע— נאָר מיט די תפילין של־יד. לאַנגזאַם—לאַנגזאַם האָבן זיך די אידן אין אילוקסט אָנגעהויבן אַנטוויקלען און לעבן אַ געמיינדע-לעבן, באַשטימט אַ הויז צום דאַוונען, אויסגעוויילט גבאים, אָפּטמאָל פאַראַמלט זיך אום צו ריידן מכח שטעטשע ענינים און ד. גל.

אין יאָר תקצ״ב (1832) האָט מען דאָרט אָנגענומען דעם ערשטן שוחט, ר׳ שלמה ווילוער, וועלכער איז דאָרט געווען ביזן יאָר תקצ״ה (1835); נאָך אים איז געווען שוחט ר׳ חיים רפאל ביז ת״ר (1840). אין יענעם יאָר האָט מען אויסגעקליבן פאַר אַ שוחט איינעם פון די געבאָרענע אין אילוקסט הרב ר׳ אלימלך בר אריה; ר׳ אלימלך וואַנש, אויסער וואָס ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אין זיין פאַך, איז אויך געווען אַ גדול בתורה,

א ידען אין חסידות. ער איז געוועזן ביז תרמ"ו (1886). זיין שטעל האט איבער־נומען זיין זון ר' צבי אריה. ר' אלימלך האט אויך פארטרעטן די שטעל אַלס רב פון יאר תרכ"ג—תרכ"ה (1865) און פיל געזאָרגט פאר די הצ־טרכות פון זיין קהילה, און דורך אים און ר' יעקב אַקערמאַן איז געגרינדעט געוואָרן דער „ביקור חולים".

## אידע רבנים.

הרב ר' משה אברהם פון בריסק דליטא, א איידעם פון באַוויאוסטן רב ר' זאב וואָלף הלוי רב אין זעטל, דער מחבר פון ספר „עמק הלכה" ער איז געוועזן דער ערשטער אין אילוקסט פון תר"ז—תרט"ו (1847—55) די אילוקסטער אידן האבן אַלעמאָל געדאַווינט חסידישן נוסח, נאר ביז דער רב איז אָנגעקומען האט מען ניט געוואוסט פון די חעקטעס־חסידים און מתנגדים, זייענדיק א חסיד, האט זיך אין זיין צייט דער חסידיזם אָנגעהויב צו אַנטוויקלען.

ב) הרב ר' ביינעש בן הרב ר' חיים רב אין פאנעדל*) אָנגענומען געוואָרן פאר אַ רב אין אילוקסט, תרט"ז—תרכ"ג (1856—63) נאכהער אָנ־גענומען געוואָרן אַלס רב אין סיראטינע ־וויטעבסק. גוב. ער האט אויך פיל געזאָרגט פאר די אַנטוויקלונג פון חסידות. אין אַלגעמיין האט זיין הנהגת הרבנות צופרידן געשטעלט די געמיינדע, און זיין אָנדיינקונג איז געבליבן צו גוטן באַ די אידן פון שטאָט. זיין זון איז הרב ר' אביגדור דב־בער געוועזן אַ רב אין יוחאוויין.

ג) הרב ר' בנימין פוטערמאַן געבארן אין ווילנא, געוועזן רב אין אי־לוקסט פון יאר תרכ"ו— תרל"ד. פון דאָרטן איז ער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין אדוציסאַק, שווענציאַנער קרייז. ער איז געוועזן שטאַרק באַליבט באַ דער געמיינדע.

ד) הרב ר' מרדכי מרגליות**) פון יאר תרל"ה—תרמ"ד. אין תרמ"ד

---

*) ר' חיים איז אויך דער פאָטער פון די רבנים ר' ראובן, ר' שלמה, ר' אהרן יעקב רב אין פוספיאַן, און ר' יצחק משה רב אין פאנימען, פאנאדעל, זיין זון איז הר"הג' ר' שמעון ליב אקדוש פון שימבירג יעצט אין רינע.

**) זיין פאָטער הרב הגאון ר' אליהו מרגליות איז געוועזן רב אין אייר־ניקע קהלות און צו ענדע אין ראקישאָק, די ביאָגראַפיע פון זיין גרויסע פאמיליע איז געדריקט אין „אנשי שם" מהרב ר' דוד טעבלי אפרתי פון זיינע זין—זיינען אויך הרב הגאון ר' אשר מרגליות רב אין רקישאָק דער מחבר פון ספר „שפת־אמת" און דער געלערנטער רב ר' יצחק מרגליות רב אין דרוסגעניק און שפעטער אין קאַ־לעווריער ישיל אין נייאָרק אמעריקא דער מחבר פון .מעוז התלמוד" „ספירי ישורון" און אנדערע, געשטאָרבן אין יאָר תרס"ז אלס 45 יאָר.

איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין דיסנא. ער האָט מחבר געווען דעם ספר „סוגה בשושנים" אין זיינע צייטן איז דערהויבן געוואָרן דער קרן־התורה אין אילוקסט. געשטאָרבן אין דיסנא תרע״ו, אויף זיין אָרט איז אָנגענומען געוואָרן זיין זון ר׳ אליהו וועלכער איז געשטאָרבן אין ריגא ע״יוב תרפ״ו.

ה) הרב ר׳ אברהם ב״ר ארי׳ לייב שלאָסבערג געבאָרן אין אילוקסט. אין יאָר תרמ״ח איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין אילוקסט. ער האָט געווירקט אויף די שטעטשע אידן, צו שיקן זייערע קינדער לערנען אין אַ מקום תורה. נפטר געוואָרן אין דווינסק ז׳ טבת תרפ״א*).

אזוי ווי אלע שטעט אזוי זיינען אין אילוקסט אַלע אידישע חברות: תלמוד תורה, מלביש ערומים, גמילת חסד, און ד. גל. אויסער קיין חברה־קדישא איז ניט געווען, ווייל קיין בית־הקברות איז אויך ניט געווען ביז אַ קורצע צייט פאַר די קריג. און די מתים פלעגן מקובר ווערן אין די נאָענסטע שטעט סובאט און גריווע. צוליב די מלחמה איז די גאַנצע אידישע געמיינדע פאַרניכטעט געוואָרן, און יעצט געפינען זיך אין אילוקסט נאָר געציילטע אידישע פאַמיליעס.

## אידע בתי מדרשים

דער ערשטער בית־המדרש איז געבויט געוואָרן אין תר״ה (1845) דורך ר׳ זאב וואָלף פון טוקום וועלכער האָט געלעבט אין גוט „דייעטען" ער האט אויך געבויט די ערשטע מקוה.

אין תרכ״ז (1867) איז אויסגעבויט געוואָרן דער צווייטער בית־המדרש, דורך דער פרומער פרוי רבקה, די פרוי פון ר׳ ארי׳ לייב שלאָסבערג.

אין יאָר תר״ם איז אויסגעבויט געוואָרן דער דריטער בית־המדרש דורך ר׳ יונה מילנער, און ר׳ טובי׳ בער רעזניק.

# 2. אלט־אויץ.**)

לערך 1888 האָבן זיך אין איר באַזעצט אידן. גלייך נאָכדעם, ווי עס האָבן זיך באַזעצט איניקע פאַמיליעס, האָט מען געדונגען א הויז צו

---

*) זיין ברידערס זין זיינען די באַוואוסטע חזנים ר׳ אריה ליב שלאָסבערג געשטאָרבן אין אמעריקא און ר׳ מרדכי שלאָסבערג געשטאָרבן אין שווענציאַן.

**) פון די ערשטע אידן אין אויץ איז געווען ר׳ אליעזר מנדל בר׳ חיים ארקין פון זאגער. ער איז געווען דאָס וואָס די תורה פאַרלאַנגט פון אן אידן און די וועלט פון אמענטשן: א גרויסער פרומער איד, א בעל צדקה, און א זעלטן ערלעכער סוחר.

צו דאַיִנען, גענומען א שוחט און אויך א רב. ענדע יאָר תרנ״ט איז פאַר־ענדיקט געוואָרן דער בנין פון בית־המדרש און באַשטעטיקט געוואָרן א אידי־שע געמיינדע. אין תרס״א איז אויסגעבויט געוואָרן א בית־הטבילה צוזאַמען מיט א מרחץ. אין יענעם יאָר איז אויך געגרינדעט געוואָרן א חברה־קדישא מיט א פנקס. אין תרס״ה (1905) האָט מען באַקומען ערלויבנים צו וויילן פאַר זיך א ראַבינער.*)

אין יאָר תרס״ו יג׳ יד׳ און טו׳ כסלו זיינען דאָרטן געווען די אידן אין גרויס שרעק. אין זעלבען יאָר שבת 9 טעג אין טבת (24 דעקאַבר 1905) איז אין אויך אַריינגעקומען די קאָנטר־רעוואָליוציע עקספעדיציע און באַפוילן, אז אין אייניקע שטונדן זאָלן אַלע פאַרלאָזן זייערע הייזער. פון קוילן־וואַרפער האָט מען באַשאָסן אַלע הייזער, פיל הייזער האָט מען אַ־ונטערגעברענט: 4 וויאָרסט פון שטעטל האָט מען איינגעריכט א פעלד־געריכט. אין וועלכן פיל מענטשען זיינען אומגעקומען. כמעט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג האָט פאַר־לאָזן די שטאָט, נאָר געציילטע פאַמיליעס זיינען געבליבן. ווען עס איז רואיק געוואָרן האָבן זיי זיך צוריק געקערט אין אויין.

## אידע רבנים.

א) הרב ר׳ אברהם אבא בר׳ שאול הכהן ראבינאוויטש פון ווילנא פון תרנ״ג ביז ענדע תרנ״ו. אין יאָר תרנ״ו איז ער אַנגעקומען פאַר א רב אין קליקאָל אף זיין שווערס אָרט הרב הגאון ר׳ זיסל איליאן. אין תרס״ח איז ער אַנגעקומען פאַר אַ דיין און מורה הוראה אין פאקראי נאָך אַ לאנגע קראנקהייט איז ער געשטאָרבן אין אויסלאנד אין תרס״ז, 50 יאָר אלט.

ב) הרב ר׳ לוי אונצינסקי בה״רר דובער יונה פון תרנ״ז ביז שבועות תר״עה (אין די רבנים פון מיטוי)

ג) הרב ר׳ יצחק יעקב, בר׳ שואל שעוועלאָוויטש געבאָרן אין מיטוי. אין תרפ״א אנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב און שוחט. סוף תרפ״ג אוועקגעפאָרן אין אַמעריקא.

הרב ר׳ יהודה ליב בר׳ יחיאל מיכעלאָוויטש געבאָרן אין ניירי גע־לערנט צוזאַמען מיט דעם גרויסן גאון ר׳ מנחם מענדל ז״ק רב ראשי אין ריגע. אויסער וואָס ער איז א גדול בתורה איז ער אויך א לאָגישער דרשן

*) אין בנין פון בית המדרש האָבן פיל געהאָלפן ר׳ יעקב בר׳ יצחק קליין און ר׳ וואולף בר׳ משה פרידלענדער געווען יאָרן לאנג א גבאי געשטאָרבן אין יאָר 1916.

פערשטייט אלגעמיינע בילדונג, ניט ווענלנדריק אננעמען רבנית־שטעל איז ער עוסק במסחר. פון יאָר תרס״א לעבט ער אין אויין.

ר׳ שלמה פסח בר׳ יוסף ד״ר מושקאט. געלערנט אין גרויסע ישיבות, א אוהב תורה ושומר מצוה, געלעבט איניקע יאָרן אין אויין און זיך עוסק געווען במסחר, נאכער אויעקגעפארן אין אַמעריקא. אויסשטודירט אויגן ארצט. און פראקטעזירט אין מאריעטא אהא. אין אַמעריקא. זיינע קינדער האָט ער ערצויגן אין טראדיציאָנעלן און וועלטלעכע בילדונג.

# 3. בויסק

אין די פריערדיקע צייטן איז די אידישע באַפעלקערונג אין בויסק געווען פון יענער זייט טייך אאַ, וועלכע הייסט „סלאבאדא״. מען דערציילט, אז אין אָנפאנג 18 יאָרהונדערט איז די באַציאונג פון דער באַפעלקערונג צו אידן געווען אַזוי שלעכט, או אן איד האָט ניט געהאַט קיין רעכט אריבערצו־גיין די אנדער זייט טייך, אין שטאָט בויסק, אַף דערוף האָט מען געמוזט האָבן אבזונדערע ערלויבנים פון מאַגיסטראַט. אריבערטרעטן דעם געזעץ איז געווען פארבונדען מיט לייב־שטראָף.

פריער זיינען די חברה קדישא, די אַלטע שול און דער בית־הקברות געווען פון יענער זייט טייך, וואו די אידן האָבן געמעגט וואוינען. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, איז אין 1820 געגרינדעט געוואָרן די ריכטיקע קהלה פון דער זייט טייך אאַ, וואו די אידן לעבן יעצט.

דורך די השתדלות פון הער זאלאגאלער איז באַקומען געוואָרן אן ערלויבנים צו בויען אַ שול און א בית־המדרש אַף וועלכער ער האָט גע־שיינקט א פלאַץ.

יעצט שטייט די אלטע שול אין טייל „סלאבאדא״ און אויך דער בית־הקברות. עס איז געווען אַ פאַריין וועמעס ציל עס איז געווען צו קומען דאווענען שבתים און ימים טובים אין די אלטע שול, כדי אינגאַנצן ניט צו פאַרלאָזן דעם הייליקן אָרט. און דורך דעם פאַריין פלעגט אויך געהיט ווערן דער אלטער בית הקברות.

## גמילת חסד.

פון פריערדיקע צייטן זיינען געווען צווי גמילת חסד פאַריינען פאַר ליטווישע באַזונדער און פאַר קורלענדער באַזונדער, דער גרונט פון דעם מנהג איז די ניט פריינטלעכע באַציאונג צווישן אונזערע ברידער פון פאַרשידענע ערטער. יעצט געפינט זיך דאָרט נאָר איין אלגעמיינער גמילת חסד.

## חברה ביקור חולים.

איר ווירקונג איז געווען מער קענטיק אף די ליטווישע קראַנקע, וועלכע האָבן ניט געקענט נאָכן געזעין באַקומען הילף.

אויך ווערט געפונען אין בויסק, ווי אין אלע אידישע שטעט. פאַ-ריינען פאַר צדקה און חסד, א פאריין צו שטיצן אָרעמע און האַנטווערקער.

די שול איז געבויט געוואָרן אין יאָר תר״ד; (1844) די מעטריק-ביכער האָבן זיך אָנגעהויבן פירן אין בויסק אין יאָר 1854.*)

## אירע רבנים.

א) הרב ר׳ מרדכי בר׳ אבי׳הם ראַבינער, רב פון יאָר תקס״ב (1802) ביז זיין טויט י׳ כסלו תק״ץ (1830).**) אין פנקס פון בויסק ווערט געפונען זיין אונטערשריפט פון ד׳ תמוז תקפ״ח (1828), וואו ער חתמ׳ט זיך מרדכי מ״ץ (מורה צדק). פון זיינע זין איז הרב ר׳ בנימין ביינעש, וועלכער איז גע-ווען גרייט צו פארנעמען זיין פאָטערס שטעל, נאָר ער איז געשטאָרבן א האלב יאָר פאַרן פאָטערס טויט. ר׳ בנימין האָט נאָכגעלאָזן דריי זין: 1) הרב ר׳ דוב בער ראַבינער, וועלכער האָט געדרוקט זיין ווידעס ווערק „גדולת מרדכי״, ווילנא, תרל״ה, אין וועלכן עס איז אויך פאַראַן ר׳ בערס תורה;***)

---

*) גענומען פון א שרייבן פון הגאון ר׳ א. י. קוק צו ד״ר יפה, רינא.

**) ער איז געווען א באַוואוסטער גאון, ווי עס איז צו זען פון זיין ספר, „גדולת מרדכי״, אז באַוואוסטע גרויסע רבנים פון יענער צייט פלעגן זיך ווענדן צו אים מיט שאלות ותשובות ווי הרבנים הגאונים ר׳ צמח זאקס, רב אין זאגער, ר׳ עזריאל זיוו, רב אין בירז, און א. וו.

***) זיינע קינדער זיינען: 1) הרב ה״ג ר בנימין בייניש ראַבינער, רב אין איינע פון די געמיינדעס אין ניו־יאָרק. זיין תורה איז אויך געדרוקט אין זיין זיידעס ספר „גדולת מרדכי״; 2) הגאון ר׳ מרדכי יצחק אייזיק ראַבינאָוויטש, געבאָרן אין ניי־זאַגער, געלערנט ביז 14 יאָר בהתמדה ביי זיין פאָטער הרב, זיינע רביים זיינען אויך געווען די גרויסע גאונים ר׳ מאיר מיכל שאַטער, דער מחבר פון „המאיר לעולם״, און ר׳ ירוחם ליב פערלמאַן, דער גדול פון מינסק, דער מחבר פון „אור גדול״ אף משניות; ער איז געווען רב אין ליגום, סאלאנט און צולעצט אין מעסל וואו ער איז געשטאָרבן ערב שבועות תר״פ. אויסער וואס ער איז געווען א זעל-טענער גדול בתורה ומחדש איז ער אויך געווען בקי אין תנ״ך, ספרי מחקר און א דרשן נפלא. נאָכגעלאָזן חדושים בתורה און שו״ת, א קונטרס תורה מיט נאָמען

2) ר' צבי ליפע*) און 3) ר' יחזקאל.**) דער צווייטער זון פון הגאון ר' מרדכי איז הרב ר' העסל, שוחט ומורה הוראה אין שיינבערג.

ב). הרב ר' אהרן בן הרב ר' אלחנן, דער מחבר פון ספר „מנחת אהרן". ער איז געווען א קורצע צייט אין בויסק.*) זיין אונטערשריפט געפינט זיך אין בויסקער פנקס.

ג). הרב ר' יעקב בן הרב ר' יהודא, בן הגאון תחסיד ר' שמואל חסיד פון ראסיין; ווייענדיק נאך א קליין קינד איז בא הגאון ר' יעקב געשטארבן זיין פאטער, און ער איז צוגענומען געווארן בא זיין פאטערס פאטער ר' שמואל. נאכדעם האט ער געלערנט בא זיין פעטער, דעם באוואוסטן גאון ר' אליהו קליקאלער. וויעגדיק נאך גאנץ יונג, איז ער אנגענומען געווארן פאר א מורה־הוראה אין ניי־שטאט סיגינד, און פון דארטן פאר א מורה־הוראה אין שאוול; אין יאר תקצ"ב איז ער אנגענומען געווארן פאר א רב אין בויסק וואו ער איז געווען ביז זיין טויט תרכ"א (1861).

אין פנקס פון בויסק געפינען זיך פיל־מאל זיינע פסקים מיט זיין אונטערשריפט; אלע אפמאכן, מסחרים, געשעפטן פלעגן געמאכט ווערן באם רב. און ווי עס איז צו זען פון פנקס, איז אן אים קיין זאך ניט געטאן געווארן. אין פנקס זיינען פארשריבן אקטן פון פארקויף, אקטן פון פארדינגען און ד. גל.

---

„שמן למנחה", געדרוקט אין ווילנא תרע"ב. זיין עלטערער זון הרב הגאון אליעזר יהודא ראבינאוויטש, געלערנט אין פארשידענע ישיבות און באזונדערס ביי זיין פאטער. אסך קונטרסים בתורה איז געדרוקט געווארן פון אים אין „ירחון המאסף" אין ירוש־ שלים, אויך זיינע חדושים זיינען געדרוקט אין קונטרס „שמן למנחה", וועלכן ער האט פסדר געווען, אויסער דעם באזיצט ער אויך אלגעמיינע בילדונג. נאך זיין פאטערס טויט איז ער אנגענומען געווארן פאר א רב אין פעטל אף זיין פאטערס ארט דער דריטער זון פון הרב הגאון ר' דוב בער רבינער איז ד"ר פילאסאף צמח ראבינער.

*) זיין זון איז הרב הגאון ר' ביינעש ראבינער, (זע אין די „רבנים פון שיינבערג").

**) זיין זון איז הרב ר' אייזיק ראבינער, פילטן, געשטארבן י"ח אדר תר"פ אין פאקראוו, וולאדימירער גוב. זיינע איידעמס זיינען הרב הגאון ר' ביינעש ראבינער אין שיינבערג; הרב ה"ג ר' ליב טרויב, געשטארבן אין בערדיאנסק חדש ניסן תרפ"ב. א זון פון הרב ה"ג ר' זלמן טרויב, רב אין קיידאן, בן הגאון ר' אברהם שמעון טרויב, (איבער זייער פאמיליע זע אין מיין ספר „נחלת אבות". אות א', ז' ם' און י', סימן קע"ה).

***) זיין ביאגראפיע — אין די רבנים פון גאלדינגען.

אין יאָר תרל"ד (1874) האָט זיין איניקל הרב ר' יהודא ליקנייצקי אַרויסגע־ געבען דעם זיידנס ספר „זכרון יעקב"; אין דעם ספר ווערט געבראַכט דאָס ער האָט אויך מחבר געווען א ספר אפן „זוהר" מיטן נאָמען „טהרת הקדש" און א חיבור אַף דקדוק, אין זיין ספר ווערט דערציילט, דאָס אמאָל איז אן אָרימאַן געווען קראַנק, און ר' יעקב פלעגט אלע טאָג גיין מיט זיין שמש מבקר חולה זיין דעם קראַנקן, איינמאָל אין א פינסטערע נאַכט איז דער שמש, מיינענדיק, אַז אין אַזאַ נאַכט וועט ר' יעקב ניט גיין צום אָרימאַן, איז ער אליין אַ וועקגעגאַנגען צום קראַנקן, אונטערוועגנס זעט ער, פון דער צווייטער זייט גאַס גייט א הויכער מענטש און טראָגט א פּאַק אַפן רוקן, דער שמש האָט געוואָלט וויסן ווער דאָס איז און איז אים נאָכגעגאַנגען; דער מענטש האָט אָבער אָנגעהויבן לויפן; דער שמש האָט געמיינט, אַז דאָס איז א גנב, און האָט אים געגומען נאָכיאָגן, ביז ער האָט אים געכאַפּט, אָבער ווי ער־ שטוינט איז ער געוואָרן, זעענדיק פאַר זיך ווי יעקב גייט מיט אַ פּאַק האָלין, דער שמש האָט דאַן פאַרשטאַנען, אז ר' יעקב גייט אויך צום קראַנקן און טראָגט אים האָלץ צו הייצן זיין קאַלטע דירה.

זיינע איידעמס זיינען 1). הרב ר' שמואל צבי הערץ, דיין און מורה הוראה אין ניי־זאַגער און שפּעטער אין מיטוי; 2). ר' דוד בן הרב ר' אבעלע אין זאַגער; 3). דער באַוואוסטער גאון ר' אלכסנדר משה לפידות אין ראסיין;*) 4). הרב ר' ישראל ליב, רב אין מיטוי, און 5). ר' אליעזר דוב רוטענבערג פון וואָלקאָווייסק.

ד). הרב ר' מרדכי בן הרב ר' יוסף אליעשבערג,**) אַ תלמיד פון זיין פריינט, דער גרויסער גאון ר' אליהו ראַגאָלער רב אין קאַליש. ר' מרדכי איז פריער געווען רב אין זעזמיר. אין תרכ"ב (1862) איז ער אָנ־ גענומען געוואָרן פאַר א רב אין בויסק, וואו ער איז געווען ביז זיין טויט י"ח כסלו תר"ן, 73 יאָר אלט, פאַרפאַסט און געדרוקט דעם ספר „תרומת יד".

---

*). א זון פון הרב צבי הירש לפּידות פון ווילנא, ר' אלכסנדר משה האָט מחבר געווען דעם ספר „אבני זכרון", דאָס איז איין טייל פון זיינע דרשות און שו"ת א הקדמה פון אים איז אין ספר פון זיין שווער „זכרון יעקב" זיינע תורה און מאמרים זיינען געדרוקט אין „פליטת סופרים", „בהירת", „כבוד הלבנון", „התבונה", „ינדיל תורה", „עין החיים" און אז. וו. פיל מאָל שרייבט ער זיך אונטער מיטן נאָמען „אמבצה"ל", געשטאָרבן אין ראסיין אין תרס"ז.

**) זיין פאָטער איז געווען רב אין אין רוסשישאָק, און זיין קבר איז אפן הר הזתים, אין ירושלים

זינע פילע ארטיקלען אין תורה זשורנאלן געדרוקט אין „כבוד הלבנון"; אף פיל ספרים האָט ער געשריבן באַמערקונגען; פון אים איז אויך געדרוקט געוואָרן א ספר „שביל הזהב".

זיין זון איז געווען דער באוואוסטער הרב הגאון ר' יונתן אליעשבערג. זייענדיק 20 יאָר אַלט איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר א רב אין פומפיאַן; פון דאָרטן—פאַר א רב אין מאַרימפאָל סובאַלקער גובערניע; אין תרמ"ח (1888) — פאַר א רב אין ווילקאָווישק, גראָדנ. (גוב. געדרוקט געוואָרן פון אים „קסת יהונתן", א ביילאַגע צו דעם ספר „תרומת יד" פון זיין פאָטער הגאון, און א ספר „דרכי הוראה".*) געשטאָרבן אין יאָר תר"ס (1900).

ה). הרב ר' יחזקאל ליפשיץ בן הרב הגאון ר' הלל אריה ליב ליפּ-שיץ. זייענדיק נאָך גאַנץ יונג איז ער אָנגענומען פאַר א רב יורבערג, און פון דאָרטן — פאַר א רב אין בויסק. זייענדיק אין בויסק, האָט ער אין מיטוי גע-האַלטן עקזאַמען אפן קורס פון א קזיטל-שול. אין תרנ"ה (1895) איז ער אנגענומען געוואָרן פאַר א רב אין פאַלאַצק; אין תרס"ז פאַר א רב אין קאַליש. ער איז אויך געוויילט געוואָרן אלס רב אין אנדערע גרויסע שטעט נאָר איבער פאַרשידענע טעמים האָט ער די שטעלעס ניט אָנגענומען. פון אים איז געדרוקט געוואָרן א גוטער ספר. „המדרש והמעשה" און „עמק הלכה" אף אַלע סדרות פון דער תורה און אין ספר „בית הלל" פון זיין פאָ-טער איז אויך פון אים געדרוקט תורה.

ו). הרב ר' אברהם יצחק הכהן קוק בהר"ר שלמה הכהן קוק, **)

---

*) ר' מרדכי'ס צווייטע פרוי איז א טאָכטער פון הרב ר' יהודא ליב הכהן, רב אין מיכאַלישאָק. (זע אין מיין ספר „נחלת אבות" סימן ל. אות כ"ו) און ר' מרדכי'ס איידעמס איז הרב הגאון ר' אלחנן כהן, ביז 1915 רב אין סאַש-וואַטין, קאָוונער גוב.

**) א זון פון הרב ר' נחום הכהן, וועלכער האָט ניט געוועלט אָנעמען קיין רבנות, נאָך זיין טויט האָט זיין פרוי די צדקניית פריידע בשא גענומען דעם צווייטן מאַן הרב ה"ג ר' עזריאל, רב אין רעזשיצע, און אין זיין הויז איז ערצויגען געוואָרן ר' שלמה זלמן הכהן. פריידא בשא איז א טאָכטער פון דעם באַ-וואוסטן גאון ר' דוב בער יפה, וועלכער איז באוואוסט אונטערן נאָמען ר' בערל „קאַרעליצער" פון שטאַם רבינו בעל הלבושים, פון די גרויסע תלמידים פון הגאון רבינו חיים וואָלאָזשין. (זע וועגן אים אין די ביילאַגע צום „צמח דוד" און אין „שם הגדולים החדש" און מיין ווערק „נחלת אבות", אות מ', סימן ז"ח) ער האָט גע-האַט 4 זין גרויסע רבנים א). הגאון ר' מרדכי גימפּל יפה, רב אין ראַזינאַי און

געבאָרן אין גריווע*), געלערנט אין וואלאָזשין בא הגאון ר׳ נפתלי צבי יהודא בערלין; געווען אן איידעם פון באוואוסטן גאון ר׳ אליהו דוד תאומים ראבינאָוויטש.

---

דרעטשין, און אין יאָר תרמ״ח איז ער אריבערגעצויגן אין ארץ ישראל אין קאָלאָניע „פתח תקוה״, און זיין וואוינונג איז געווען אין דאָרף „יהוד״ לעבן „פתח תקוה״. געשטאָרבן כ״ה מרחשון תרנ״ב. (זיינע איידעמס זיינען: דער באוואוסטער גאון ר׳ יוסף זכריה׳ שטערן, רב אין שאוול, געשטאָרבן יא כסלו תרס״ד, און הגאון ר׳ צבי הירש בהרב ר׳ עזריאל הכהן וואלק, זייענדיק אלט 19 יאָר איז ער גענומען געוואָרן פאר א רב אין פאפעלאן און נאכהער קאסאווע, קאפוילע, פאָלאָצק און פינסק, געשטאָרבן תרס״ז. 50 יאָר אלט. אייך זיינע זין זיינען געווען גדולים בתורה פון זיי הרב ר׳ יעקב ראבינאָוויטש פון לוצין, געשטאָרבן אין רינע אין תרע״ט) הרב ר׳ יוסף יהושע, רב אין טאָרינגען, (זע „נחלת אבות״, אות י, סימן נ״ט) הרב ר׳ יעקב מ״ין, וועלכער האָט געלעבט אין אוטיאן; הרב ר׳ שלמה זלמן, געקומען אין ארץ־ישראל און דאָרט געשטאָרבן.

*) זיין מוטער איז א טאָכטער פון רב רפאל, אַ גרויסער תלמיד חכם, א זון פון הרב הגאון ר׳ אברהם, רב אין פרייל און סעבעזש. בא זיין אייניקל הגאון ר׳ אברהם יצחק קוק געפינט זיך א זוהר ותיקוני זוהר החדש, און וועלכן ר׳ אברהם האָט געלערנט, און אף אלע ברעגן פון ספר איז פיל מיט הגהות און באמערקונגען, אנצייכענונגען, אזוי ווי דער מסורת הש״ס, אף ש״ס. זיינע צדקות איז ניט צו באשרייבן, זייענדיק א רב אין פרייל איז ער געקומען אמאָל אין די קרעטשמע וועלכע איז נאָענט צו זיין שטוב, לערנען אלפס, וואָס ער האָט געלערנט פון סדר מועד איטוויינק, אין דער צייט איז געקומען איינער פון די פורמאנעס מיט זיין פערד, און אזוי ווי עס איז געווען א זייער שלעכטער וועטער, איז דעם פורמאן געפאלן שווער צו ברענגען פארן פערד וואסער, וועלכע איז געווען צו נעמען ווייט פון קרעטשמע. זעענדיק, דאָס אן איד זיצט באם אויוון, האָט ער אים, האלטענדיק פאר א פראָסטן מענטשן געזאָגט: „אז א מענטש וואָלט מיר יעצט געבראכט א פאָר עמער וואסער, וואָלט איך אים געגעבן א קאָפּיקע״ הרב ר׳ אברהם מקיים זיין די מצוה פון גמילת חסד מיט א מענטשן און צו ראטעווען די פערד פון צער בעלי חיים, האָט זיך ניט געלאָזט לאנג בעטן, גלייך גענומען די עמער און געבראכט וואסער. פארטאָג איז ער אוועקגעגאנגען א היים; אויסער אים האָט קיינער ניט געוואוסט פון דער געשיכטע, נאָר דער פורמאן האָט דערציילט, אז א איד, וועלכער איז געזעסן אין קרעטשמע באם אויוון, האָט אים פאר׳ן א קאָפּיקע געבראכט א פאָר עמער וואסער. ווי דער בעל הבית האָט דאָס דערהערט, האָט ער ציטערנדיק געזאָגט: דאָס איז געווען דער רב!״ דער פורמאן איז מיט גרויס שרעק געלאָפן צום רב

רב אין פאָנעװעזש, און שפּעטער אין ירושלים.*) נאָך זיין פּרוים טויט האָט ער גענומען די טאָכטער פון הרב הגאון ר׳ צבי יהודא, רב אין ראַגאָלע, א ברודער פון הגאון ר׳ אליהו דוד ראַבינאָװיטש. (זיין זון איז הרב ר׳ יעקב ראַבינאָװיטש, רב אין רעגאָלע, א גדול בתורה און א צדיק). אין יאָר תרמ״ח האָט ער אָנגעהויבן ארויסגעבן זיין װערק „עיטור סופרים" אין דער פאָרמע פון „התבונה" פון גאון ר׳ ישראל סאלאנטער; געדרוקט געװאָרן 2 העפטן. נאכהער איז ער אָנגענומען געװאָרן פאַר א רב אין זײמעל, װאו מען האָט אים געהאלטן בכבוד גדול. אין יאָר הרנ״ז איז ער אָנגענומען געװאָרן פאַר אַ רב אין בויסק. אין תרס״ג האָט מען אים געשיקט אַ כתב־רבנות פון יפו און ניט קוקנדיק, װאָס די אידישע געמיינדע אין בויסק האָט זיך מיט אַלע מעגלעכקייט געסטאַרעט, ער זאָל פארבלייבן באַ זיי, אָבער די אידישע קהלה אין יפו האָט ניט געװאָלט נאָכלאָזן, און אין יאָר תרס״ד (1904) איז ער אַװעקגעפאָרן אין ירושלים און איז אָנגעקומען פאַר א רב אין יפו און איר קרייז, און נאָכן קריג —אַרן רב הכולל אין ירושלים עיר הקדש. אויסער זיין גרויסקייט אין תורה און צדקות איז ער א זועלטענער בעל־רעיון און לאָגיקער, און אין דעם אַרט האָט ער אַ חיבור כמעט אף אַלע אגדות, אויך האָט ער חדושים אין תורה בגפ״ת און אַף הלכה. און באַזונדערס אַ חיבור אַף מסכתא חולין. עס זיינען פון אים געדרוקט געװאָרן פיל ספרים. פון זיינע ברידער איז הרב ה״ג ר׳ דוב—בער הכהן קוק, רב אין קרוק און רב אין יעליסאַװעטגאראד. יעצט אין ארץ ישראל

ז). הרב ר׳ חיים יצחק הכהן בלאָך בר׳ זונדל, שוחט אין פלונגיאן; געװען ראש ישיבה אין פלונגיאן. אין יאָר תרנ״ח איז ער אויסגעקליבן געװאָרן פ:ר אַ רב אין פּאלאנגען; אין תרס״ז—פאַר א רב אין בויסק. אין תרפ״ג אָנ= גענומען געװאָרן פאר אַ רב אין איינע פון די געמיינדעס אין אַמעריקא.

ח). הרב ר׳ משה שלום בר׳ שלמה איסר סטול. אין יאר תר״ס אָנ=

---

אים איבערבעטן, דער רב האָט איב אָבער נאָאיזו נעענטפערט:„ װאָס דאַרף מען מיר איבערבעטן? מען האָט דאָך מיר באַצאלט פאַר מיין טירחה. דער זון פון ר׳ רפאל איז געװען דער באַװאוסטער קלוגער חסיד ר׳ ליב פעלמאַן פון רינע געשטאָרבן אין שיפן עלטער אין יאָר תרע״ט.

*) א זון פון הגאון ר׳ בנימין, פון דעם שטאַם הגאון בעל הלבושים. זייענדיק 18 יאָר אַלט, איז ער אָנגענומען געװאָרן פאַר א רב אין פיקעלן. אין תרי״ג—פאַר א רב אין שילעל; אין תרי״ט—אין ראַגאָלע; אין תרכ״א— אין װילקאָמיר, געשטאָרבן ט״ז חשון תר״ל. (זע װעגן אים „נחלת־אבות" אות ב׳, סימן א)

געקומען פאַר אַ רב אין יעזנא, אין תרס״ז — אין פרויענבורג, אין תרפ״ד — אין בויסק, ער איז דער מחבר פון געדרוקטן ספר „שם עולם״ שו״ת אף אַלע חלקי הש״ע, בכתב־יד האָט ער נאָך פיל אַנדערע ספרים מחבר געווען. ער איז אַ איידעם פון באַוואוסטן הרב הגאון חכם וסופר ר׳ מרדכי ראַבינאָוויץ פון סקידעל.

הרב ר׳ אברהם, דיין אין בויסק, פון די פאַמיליע הגאון ר׳ דוד אפּענהיים, געווען אין דער צייט פון הרב ר׳ מרדכי ראַבינער און ער ווערט דערמאָנט אין זיין ספר „גדולת מרדכי״ סימן כ״א. מיוצאי חלציו איז אויך דער געלערנטער הר׳ ר׳ יוסף אלחנן מלמד, ראַבינער אין וויטעבסק, מחבר פון איי־ניקע ספרים אויך אַ ספר איבער די פאַמיליע אפּענהיים, יעצט אין ארץ־ישראל.

הרב ר׳ יקותיאל בן הרב ר׳ יעקב הלוי אפריימסאָן, געווען אַ דיין און ראַבינער אין בויסק, געשטאָרבן אין יאָר תרע״א. זיין זון איז הרב ר׳ יעקב אפריימסאָן, אַ גרויסער למדן און געלערנטער אין אַנדערע חכמות, געשטאָרבן פריצייטיק אין יאָר תרע״א.

הרב ר׳ אבא שבתי ד״ר שאַפּער, געבאָרן אין בויסק תרכ״ב. זיין פאָטער איז געווען הר׳ ר׳ חיים אהרן, אַ מופלג בתורה; און זיין מוטער איז אַ טאָכטער פון ר׳ ידידיה יפה*) מגזע הגאון „בעל הלבושים״. ד״ר שאַפּער האָט געלערנט אין שאַוול, אייגשישאָק און ליבוי אין דער ישיבה פון הרב ה״ג ר׳ הלל ד״ר קליין, און נאָכהער אין ראַבינער־סעמינאַר אין בערלין בײַ הרב הגאון ד״ר ר״ע הילדעסהיימער. שוין יאָרן לאַנג ווי ער איז אַ רב אין באַלטימאָרע, אַמעריקאַ, אין בית הכנסת „שארית ישראל״. ער איז אַן איידעם פון באַוואוסטן גאון אלכסנדר משה לפידות.

הרב ר׳ שלמה מענדל פרידמאַן בהרב הגאון ר׳ משה יפה מגזע

---

*) ר׳ ידידיה׳ס נאָמען ווערט פיל מאָל געפונען אין בויסקער פנקס לערך מיט 100 יאָר צוריק, ער שטייט געשריבן נאָכן רב פון יענער צייט, און חתמט זיך: "ידידיה בהרב". הר״ר ר׳ מרדכי ראַט פון בויסק שרייבט מיר, אז ער איז געווען א מופלג בתורה, געפירט גרויסע געשעפטן, געווען זייער אנגעזען בײַ די גאנצע באַ־פעלקערונג. געשטאָרבן לערך 60 יאָר צוריק; זיין קבר איז בײַ הגאון ר׳ מרדכי ראבינער. ר׳ מרדכי ראַט איז א זון פון הרב ה״ג ר׳ זלמן אהרן, געבאָרן אין תרי״ז; אין תרט״ז אָנגענומען געוואָרן פאַר א רב אין פּושעלאַט; אין תרס״ב האָט ער זיך באַזעצט אין שמילג, וואו ער איז געווען א רב אן געצאָלט. געשטאָרבן אין מאריאַמפּאָל, יעקאַטערינ. גוב. ט״ו אייר תר״פ. ער איז געווען א איידים פון הרב הגאון ר׳ משה יונה יפה אין שמילג, געשטאָרבן אין זיבן עלטער כ׳ אייר תרנ״ד. נאָכ־געלאָזן פיל כתיבות יד אין הלכה, אגדה און אנדערע מקצעות.

הגאון „בעל הלבושים". ער איז געווען אן איידעם אין בויסק בא ר' בנימין בערקאוויץ. ער ווערט דערמאנט אין בויסקער פנקס פון יאר תר"ן, לערך 25 יאר געווען א מגיד אין ריגא. וואו ער איז געשטארבן אין חדש ניסן תרפ"א. זיינע ברידער זיינען: הרב ה"ג ר' אליהו ישכר בער, מ"ץ אין יאנישאק און רב אין סקידוויל. געשטארבן כ"ב כסלו תרפ"א אין הבדל לאיו"ט הרב הגאון ר' בן ציון פרידמאן רב אין פיקלען, און איידעם פון הרב הגאון ר' חיים פיקעלער נאטאנסאן, רב און זידיק; דער מחבר פון ספר „שפתי חן".

הר"ר שבתי חיים בהרב ר' יהודא ליב שאכעט, געווען יארן לאנג שוחט אין בויסק, אין ספר „אפריון דוד" פון זיין שווער הרב הגאון ר' אורי דוד אפריון*) איז פאראן פון אים חידושי תורה. געשטארבן אין ריגא.

ר' ישראל בר' יהודה גיטלסאן געבארן אין זאגער, אין יאר תר"לא אנגענומען געווארן פאר א שוחט אין בויסק געווען א אוהב תורה און עסקן במצות, א זעלטענער בעל מידות טובות. געשטארבן אין יאר תרס"ח אף זיין ארט איז א שוחט אין בויסק זיין זון ר' זלמן וועלכער האט געיארשנט פיל גוטע מידות און מעשים פון זיין פאטער.

אליעזר בן ניסן ניסעלאוויטש, געבארן אין בויסק, געענדיקט יורידישן פאקולטעט און איז אנגעקומען אין פינאנץ-מיניסטעריום. אף דער אופגאבע פון מיניסטער בונגע האט ניסעלאוויטש צוזאמענגעשטעלט א 2 טאמיקן ווערק: „Исторія заводско-фабричнаго„. Законодательства Россійской Имперіи„. ארויסגעגעבן פון פינאנץ-מיניסטעריום. ער האט פארפאסט נאך פילע ווערק.

אַוועקוואַרפנדיק אין יאר 1882 די רעגירונגס-ארבעט, איז ער געווארן אדוואקאט. בא די וואלן אין די ערשטע דומע איז ער אויסגעקליבן געווארן אלס וויילער אין בויסק. אין די דריטע דומע איז ער אויסגעקליבן געווארן אלס דעפוטאט פון קורלענדער גוב. ער האט געהערט צו דער פראקציע „פאלקס פרייהעט". ער האט איפגעווירקט די פראגע וועגן אפשאפן די וואוינ-ארט-רעכט פאר אידן, און האט באאיינפלוסט די דעפוטאטן, זיי זאלן געבן זייערע אונטערשריפטן. און דעם 31 מאי 1910 איז דער פראיעקט מיט 166 אונטערשריפטן אריינגעטראגן געווארן אין דומע און דעם 1 פעווראל 1911 איז דער פראיעקט פארגעטראגן געווארן אפן פלענום פון דומע. וועלכן דער פלענום ווידער האט איבערגעגעבן די קאמיסיע „О неприкосновенности личности" (איד. ענציקלאפעדיע ב"האקהויז-עפראן, זייט 732).

*) געווען רב אין געמאקסט און לערך 40 יאר רב אין אלט-זאגער.

הרב ר׳ משה יחזקאל בר׳ דובער בלומבערג, געבאָרן אין יאָר תר״ח 1858 אין בויסק אין יאָר תרמ״ט אָנגענומען געוואָרן פאַר א רב אין סאמאריאַ, מחבר געווען ספר „מי הים״.

## 4. באַראווקע.

אין באַראַוויקא איז דאָ איינציקע בתי מדרשים, אירע רבנים זיינען געווען דרבּ ר׳ משה חיים פון באַציינקעוו, הרב ר׳ אלחנן פון באַראַוויקע איז אוועק געפאָרן אין מאָהילעוו. הרב ר׳ אברהם זלמן בר׳ משה הכהן זערדין געלערנט אין אייישישאָק, ווילנע און אין קאָוונער כולל, געווען אַ רב אין באַראַוויקע, און אין יאָר תרס״ד אנגענומען געוואָרן פאַר א רב אין שווערזנאַ. ער איז אַ איידעם פון הרה״ג ר׳ יהודא ליב זאהאריא געווען אַ רב אין ליגמיאַן וויסאָקאָ-ליטאָווסק אין ברעסלאַוו. אויף זיין אָרט אין ברעסלאַוו איז יעצט זיין זון הרב הגאון ר׳ אבא יעקב געווען אַ רב אין לוזקי. הרב ר׳ קלמן צבי פורת פון דווינסק, אין מלחמה צייט געווען אַ רב אין קאָזלאָוו (פון אַ שרייבן מהנכבד מענדל בר׳ ליפמאַן לייבאָוויץ ריגא).

## 5. גאַלדינגען.

אין יאָר 1786 זיינען נאָר אין גאָלדינגען קיין אידן ניט געווען, ווייל אין יענעם יאָר אַ דאַנק דעם פּראָיעקט פון פאָן רעקקע, וועלכער האָט פאַר-לאַנגט פון זעמסטווא, עס זאָל געגעבן ווערן אידן רעכט צו לעבן אין גאַנצן לאַנד, זיינען דאָן די גאָלדינגער בירגער אַרויסגעגאַנגען מיט אַ פּראָטעסט קעגן דעם געזעץ, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ פּריווילעגיע, ניט צו האַלטן און דולדן אידן אין זייער שטאָט. דאָך געפינען מיר מיט 10 יאָר שפּעטער בּאַ דער רעגיסטראַציע אין גאָלדינגען אין יאָר 1797 — 10 אידן, און מיט 4 יאָר שפּעטער, אין 1801 יאָר, האָבן שוין דאָרטן געלעבט פיל אידן, געלעבט אַ געמיינדע-לעבן און אויך געגרינדעט אַ חברה קדישה און אַ פּנקס.

אין יאָר תר״ה 1845 איז דורך ר׳ ברוך בן אהרן געמאַכט געוואָרן אַ צווייטער פּנקס איבערגעשריבן פון אַלטן, דער פּנקס איז געמאַכט אין אַ זעלטענעם סדר און זייער שיין, אין אַלטן פּנקס זיינען פאַרשריבן געוואָרן אַמטן פון קויף, שבירות, תקנות, געמיינדע-חשבונות און א. וו., אויך פּריוואַטע חשבונות פון רב ווערן דאָרטן געפונען.

## אירע רבנים.

א) הרב ר׳ יהודה ישראל איזראעלסאָן, דער ערשטער מורא הוראה, געשטאָרבן ליעך תקפ״ה*) (1825) זיין זון ר׳ אברהם יעקב**) איז געשטאָרבן י׳ אייר תר״ה (1845)***)

ב) הרב ר׳ אהרן בהרב אלחנן אין אַלמַן גאָלדינגער פנקס פון 10 טעג אין אלול תקפ״ו (1826) איז פאַרשריבן, אַז עס איז באַשטימט געוואָרן, מען זאָל דעם רב און דעם חזן צאָלן שכירות ביידן גלייך ניט מער פון אַנדערטהאַלבן רובל אַ וואָך. דער רב און דער חזן זיינען פאַרפּליכטעט צו זאָרגן, זיי זאָלן האָבן אַ פּאַס פון דער קורלענדער רעגירונג. כדי מען זאָל פאַר זיי ניט דאַרפן צאָלן שטראָף. צייט האָט מען זיי געגעבן ניט שפּעטער ווי ביז שבועות. נאָכהער איז פאַרשריבן פון צווייטן טאָג חול המועד פסח פון זעלבן יאָר, אַזוי ווי די רעגירונג האָט באַפוילן, אַז דער רב און דער חזן מיט זייערע פאַמיליעס מוזן פאַרלאָזן קורלאַנד, איז געבליבן אַף דער פאַרזאַמלונג צו געבן דעם רב און דעם חזן 10 רובל יעדערן רייזע־קאָסטן און זיי זיינען פאַרפּליכטעט אויעקצופאָרן פון אונז ניט שפּעטער ווי די רעגירונג האָט באַשטימט; זיי טאָרן זיך ניט אויפהאַלטן אפילו אַ שטונדע לייגנער.

צוליב די וויכטיקייט ברייננגן מיר דעם טעקסט ווי עס איז פאַרשריבן אין פנקס: „י׳ אלול תקפ״ו בזה״ל. גם עלה במוסכם רובם ככולם שלא ליתן יותר שכירות מיו״ד אלול דהאי שתא שנת תקפ״ו לרב — ארוחצ״, רובל כסף וגם לש״ץ לא יותר, כי עם ארוחצ״י רובל כסף בכל שבועה ושבועה ושניהם שוים. ומחויבים הרב והש״ץ לראות שיהי׳ להם פאס מהערעגירוגג

---

*) אזוי האָב איך געהערט פון זיינע אייניקלעך; אַנדערע האָבן מיר געזאָגט אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען רב אָדער דיין אין גאָלדינגען; און אלס באווייז דערציינט, דאָס אַף זיין מצבה איז ניטאָ דער טיטל „הרב״. אָבער דאָס איז ניט קיין גענוגענדער באווייז: אין יענער צייט געפינען מיר אסך תשובות פון רבנים אָנע דעם טיטל „הרב״, אזוי ווי אין ספר „גדולת מרדכי״. תשובה ל ב: להמופלג מ׳ אליעזר מ״ין דק״ק אבעל״

**) אין פנקס פון חברה קדישא איז פארשריבן „שנת תקפ״ד נתקבל לח״ק לכל דבר שבקדושה הרבני מ״ה אברהם יעקב בטה״ר יהודא ישראל״.

***) זיינע זין זיינען ר׳ יחיאל מיכל, דער פאָטער פון הרב ר׳ ברוך יעקב איזראעלסאָן (אין די רבנים פון קאנדוי), און ר׳ ישראל איזראעלסאָן. זיינע טעכטערס קינדער זיינען: ר׳ חיים ישראל בלומענטאל ז״ל, הר״ר יהודא בלומענטאל אין טוקום, און הרב ר, אהרן בלומענטאל.

בקורלאנד בכדי שלא יהי׳ לאלופי הקהל על זה לשלם קנס ויהי׳ להם הרחבות זמן ליתן תשובה לאלופי אסיפה עם הים מרוצים או לא עד שבועות הבע״ל דהאי שתא שנת תקפ״ו לא יאוחר.״ 11 №.

„ביום א׳ ב׳ דחה״מ פסח עלה במוסכם אלופי אסיפה דפה קהלתנו ק״ק גאָלדינגען מחמת שהי׳ בעפעל מן הרעגירונג כפי האוכז מאדונינו הקיסר יר״ה להרב דפה קהלתנו והש״ץ דפה קהלתנו שמחויבים לנסוע ממחנינו דפה למקומם הראשון הם ונשיהם וכל אשר להם. עלה במוסכם אלופי אסיפה הנ״ל להיות להם מעיר לעזור על הוצאת הדרך ליתן להם מקופת הקהל להרב דפה עשרה רובל ולהש״ץ עשרה רו״ב ומחויבים לנסוע ממחנינו לים המוגבל מן הרעגירונג ולא יאוחרו אפילו שעה אחת כדי שלא יהיה לאלופי אסיפה הזק הקנס המגיע עבורם לפי האוכז.״

ווי עס איז דייטליך צו זען, איז ר׳ אהרן געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן גאָלדינגען. נאָכהער איז ער געווען אַ קורצע צייט א רב אין בויסק ווי עס איז צו זען פון זיין אונטערשריפט אין בויסקער פנקס.

לערך תקצ״ב (1832) איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר א רב אין ריגא, וואו ער איז געווען ביז זיין טויט אין יאָר תרי״א (1851). ער איז געווען אַ תלמיד פון הגאון רבינו חיים אין וואלאזשין. געדרוקט געוואָרן פון אים א ספר „מנחת אהרן״ אף שחיטה און טריפות. זיין פרוים איידעם איז געווען דער באַוואוסטער רב ר׳ יעקב אליהו רייזלין, נאָך אים רב אין ריגא. (א זון פון הרב ה״ג ר׳ אביגדור, רב אין קרייצבורג).

ג) הרב ר׳ זאב וואלף ליפקין בהרב ר׳ אריה ליב פון זאגער, קאָוו-נער גוב. (זיין פאָטער איז געווען א דיין אין ניי-זאגער). פריער האָט דער באַוואוסטער גאון ר׳ וואלף געלערנט מיט בחורים אין זאגער און לערך תק״ץ (1830) איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין גאָלדינגען. אין גאָלדינגער פנקס איז פאַרשריבן, ווען מען האָט אים אָנגענומען, און אויך איז פאַרשריבן, אַז חול המועד פסח תק״ץ איז אף דער אסיפה באַשטימט געוואָרן, אַז דעם רב און דעם חזן זאָל מען צולייגן שבירות 60 קאָפּ. א וואָך.

״נתקבל לח׳ ה״ה הרב ה׳מאוה״ג החריף ובקי וכו׳ בקש״ת מו׳ה זאב וואלף במו״ה ארי׳ ליב זצ״ל ראב״ד דקהלתנו יצ״ו ואשתו הצנועה והחסידה מרת לאה במוהר״ר יצחק״.

און ווייטער שטייט אין פנקס פאַרשריבן: „ביום הנ״ל עלה במוסכים אלופי אסיפה להוסיף להרב המה״ג דפה מ״ה זאב וואלף בר׳ ארי׳ ולהש״ץ הרבני מ״ה יהודא במ״ר יוסף מדי שבוע בשבוע על שכרתם המגיע להם מאלופי אסיפה ששים קאפ.׳ ליתן להם מיד הנאמן מדי שבוע בשבוע״.

פון גאַלדינגען איז ער אָנגעקומען פאַר א רב אין טעלז. וואו ער איז געווען לערך 20 יאָר ביז זיין טויט 5 טעג אין סיון תרי"ח (1858). ער איז דער מחבר פון „הגהות על הרמב"ם", „בן אריה" אף „אורח היים" און אף „חושן משפט" און אָף די טורים, געדרוקט אין ווילנא צוזאַמען מיט די טורים, אין יאָר תר"ס. אויך האָט ער געשריבן הגהות און באַמערקונגען אף רב אלפס, געדרוקט צוזאַמען מיט ש"ס און אלפס. עס האָט מיר דערציילט הגאון ר' הלל מילקאווסקי (אַ תלמיד פון הגאון ר' ישראל סאַלאנטער באַוואוסט מיטן נאָמען ר" הלל סאלאנטער אַפן נאָמען פון דער שטאָט, וואו ער איז געווען א רב, פון דאָרט אָנגעקומען פאַר א רב אין פּאָנעוועזש, שקלאוו, האסלאוויעץ און אמטיס-לאוו. אויסער זיין גרויסקייט אין תורה איז ער געווען אַ זעלטענער חכם, און עסקן אין כלל-זאַכן ובפרט אין די אנגעלעגענהייטן צו פאַרשטאַרקן די תורה און טראַדיציעס. צוויי מאָל איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין רבנים קאָמיסיע באַם אינערן-מיניסטר אין פּעטערבורג, געשטאָרבן כ"ג סיון תרס"ג.), אַז אין דער צייט ווען ר' ישראל האָט געלערנט באַ דעם באַרימטן גאון ר' הירשעלע סאַלאַנטער, און ר' הירשעלעס פרוי האָט ניט געוואָלט, אַז ר' ישראל זאָל קומען באַ איר אין הויז, האָט זי א מאָל געזאָגט צו איר מאַן ר' הירשעלע „ווי לאַנג וועסט דו לערנען מיט דעם מלמד'ס זון, וואָס איז פאַר מיר צו לאסט" (ר' הירשעלעס פאָטער איז דאַן געווען מלמד אין זאַגער). ר' ישראל וועל-כער איז נאָך דאַן געווען גאַנץ יונג, האָט דאָס געהערט, און ניט קוקענדיק וואָס ער איז געווען א גרויסער עניו, האָט ער ניט פאַרשוויגן אַפן בזיון פון זיין פאָטער און האָט געענטפערט: „עס איז מעגליך אַז דער מלמד קען מער פאַר אַן אַנדער רב", ר' הירשעלעס פרוי איז מיט דעם ענטפער געבליבן שטאַרק ניט צופרידן, און זי האָט פאַרבאָטן ר' ישראל'ן קומען באַ איר אין הויז, אָבער דער זעלטענער צדיק ר' הירשעלע פלעגט אַריינגעמען ר' ישראל'ן דורכן פענסטער בשעת אַלע פלעגן שלאָפן, צו לערנען מיט אים. אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ לאַנגע צייט; אין יענער צייט האָט ר' וואָלף, ר' ישראלס פאָטער, איינגעטראָפן אין סאלאנט; עס איז זעלבסטפערשטענדלעך, אַז ער האָט באַזוכט ר' הירשעלן, און פאַרברייננגענדיק מיט אים איין עטלעכע שעה אין לערנען, האָט ר' הירשעלע אריינגערופן זיין פרוי און מיט התפעלות געזאָגט: „זע דו האָסט פאַריבל געהאַט אַף ישראל'ן, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז זיין פאָטער קען לערנען מער ווי אַן אַנדער רב, ער האָט אָבער געזאָגט אמת—ער קען טאַקע לערנען מער פון מיר!". צוליב די גרויסקייט און צדקות פון ר' הירשעלן, האָט ער נאָך מיין מיינונג אַזוי געזאָגט, אָבער אין דער אמת'ן איז די גרויסקייט פון ר' הירשעלן איז אַפילו אין אַ גאַנצן ספר: ניט צובאַשרייבן, ער איז געווען אַ זון פון באַ-

וואוסטן גאון ר׳ אהרון בּרוידא, און אייניקל פון גרויסן גאון ר׳ אברהם בּרוידא, דער מחבּר פון „אשל אברהם" זיינע בּרידער זיינען: הגאון ר׳ בּנימין בּרוידא: רב אין גראדנא: הגאון ר׳ דוב בּער, רב אין זאבּלודאווא; הגאון ר׳ אריה ליב בּרוידא, רב אין קאַליווריע, סובּאַלק. גובּ. און הרב הגדול ר׳ יוסף בּרוידא.

די התמדה און די פלייסיקייט פון ר׳ הירשעלן איז געווען זעלטן; נאָך זיין לערנען איז ניט געווען קיין אָרט פאַר קשיות ותירוצים. דער געלערטער און שרייבּער י״א דעמאַנט בּן הרב ר׳ דב בּער, רב אין פּילטן און זידיק, שרייבּט מיר פאַלגענדעס: „אין יענער צייט פלעגן קומען צו די רבּנים מיט דין תורות אידן און אפילו קריסטן, און נאָך די גרויסקייט פון דער סומע און וויכטיקייט פון שטרייט, פלעגן קומען אַפן בּאשטימטן אָרט מער אָדער ווייניקער רבּנים. דאָס פּסק־געלט פאַר דין תורות אין זיין שטאָט פלעגט מיין פאָטער צוטיילן אָרימע. נאָר אַז מען פלעגט אים רופן אין א אַנדער שטאָט פלעגט ער דאָס געלט פאַרבּרויכן. עס איז געווען אַ טאָג, און מיין פאָטער איז גערופן געוואָרן אין סאַלאַנט צו א דין תורה און האָט מיר אויך מיט־גענומען, דאָרטן זיינען צוזאַמען געקומען גרויסע רבּנים, הויכע און שיינע, ווי ר׳ שבּתל וועקשנער, ר׳ שמואל אביגדור, ווי מיר זיינען אריינגעקומען אין בּית המדרש, איז צום פאָטער צוגעקומען א נידעריקער מענטש, א הינקעדיקער אויף איין פוס, אָנגעטאָן זומער צייט אין אַ וויסן פעלצל, מיט א הילצערנער ליולקע אין האַנט, און האָט געגעבּן מיין פאָטער „שלום". וואָס האָסטו צו טאָן מיט אַזאַ מענטשען?" האָבּ איך געפרעגט דעם פאָטער, שטיל! האָט מיין פאָטער גע־זאָגט „דאָס איז דאָך ר׳ הירשעלע סאַלאַנטער!" איך ווער אָבּער נאָך מער אין כעס און האָבּ ווייטער געפרעגט: „נו איז דערפאַר איז אים זיין פוס הינקעדיק?"—„יא", האָט מיר דער פאָטער געענטפערט: „ווייל ער האָט 30 יאָר געלערנט שטיי־ענדיק". איך בּין אַלט געווען סך הכל 10 יאָר און איך האָבּ מיר ניט גע־קענט פאָרשטעלן. אז כא אַזאַ גאון, וואָס פאַר זיין נאָמען האָבּ איך געציטערט פון ווייטן, זאָל ניט לייכטן זיין פּנים? אָדער לכל הפחות ער זאָל זיין גרויס און שטאַרק! און נאָך מער איז געווען וואונדערלעך די דערציאונג אין יענער צייט אַז איך פלעג הערן זאָגענדיק „יענער מענטש איז אַ פּראָסטער עם הארץ", און דאָך פלעג איך זען, אז ער איז א הויכער האָבּ איך מיר ניט געקענט פאָרשטעלן, ווי קען א מענטש זיין הויך און לעבּן מיט א קאָפּ פּוסט פון תורה.

די רבּנים האָבּן זעך מפלפל געווען אין תורה; איך האָבּ געוואָלט פאַר־שטיין, וואָס זיי ריידן, אָבּער אומזיסט— איך האָבּ גאָרנישט פאַרשטאַנען. נאָר איינס האָבּ איך געזען, און מיין גאַנץ לעבּן וועל איך עס ניט פאַרגעסן: אין דער

צייט, ווען די רבנים זיינען זיך מפלפל געווען אין תורה, און א גאַנצער באַרג מיט שאלות ותשובות ליגן אױפן טיש — איז האַסטיק ארויסגעלאָפן ר׳ הירשעלע פון זיין צימער מיט א אָפענעם ירושלמי אין האַנט, און מיטן האַנט ער געוויזן אין ירושלמי און לאַנגזאַם געזאָגט: „זעט, דערמיט ווערן פאַרענטפערט מיט אַ מאָל אלע אייערע קשיות!" זיי האָבן אַריינגעקוקט אין ספר, און אַלע זיינען געבליבן שטיל, און דער מיט האָט זיך זייער שטרייט פאַרענדיקט."

איך האָב געהערט פון הגאון ר׳הלל סלנטר, אַז איינמאָל ליגנדיק קראַנק אױפן בעט, האָט אים איינער געפרעגט אַ קשיא, איז ער קראַנקערהייט אַרונטער געלאָפן פון בעט, צו צום אַלמער ספרים אַרויסגענומען אַ ספר און געקוקט אין אים, און ניט געפילט, אז פון זיין קראַנקן פוס רינט בלוט.

נאָך זיין חתונה האָט איינער פון די איינוואוינער פון שטאָט, וואו זיין שווער האָט געלעבט אַוועקגעליען זיין נדן און צוריק ניט אָפגעגעבן. אין אַ צייט וואו ער איז געווען זייער געדריקט, האָט ר׳ הערשעלעס פרוי געשיקט איר מאַן איינמאָנען דעם חוב; וויענציק דאָרטן איניקע טעג, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אהיים. אַף די פראגע פון זיין פרוי, צי ער האָט דאָס געלט באַקומען, האָט איר געענטפערט: „איך האָב ביז יעצט גאָרניט געוואוסט אַז ער איז אַזאַ גרויסער למדן", איך האָב מיט אים גערעדט אין אַ סך ענינים און שטאַרק געבליבן צופרידן פון זיין לערנען".

עס האָט מיר דערציילט אַ באַוואוסט:ר רב, אַז אַמאָל לערנענדיק מיט א בחור אין בית־המדרש, האָט ר׳ הירשעלע געפרעגט אַ קשיא האָט דער בחור געזאָגט: „אפשר קען מען אַזוי לערנען?" און פון בחורס ענטפער איז ר׳ הירשעלע געקומען צום אמתן פשט, און פון יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן רופן דעם בחור, „רבי", ווי דער דין זאָגט, אַז מען לערנט פון צווייטן אפילו איין אות דאַרף מען אים רופן „רבי", דער בחור האָט זיך געפונען פארשעמט און געבעטן ר׳ הירשעל׳ן ער זאָל אים ניט רופן „רבי", אָבער ר׳ הירשעלע האָט אים ניט אויפגעהערט צו רופן „רבי", אין דער בחור איז געווען געצוואונגען אַוועקצופאָרן פון סאַלאַנט. א מאָל האָט מען ביי זיין פרוי צוגעגנבט א לעפל, די פרוי האָט חושד געווען איר דינסט, א יתומה, וועלכע איז געווען ביי זיי אין הויז, אין האָט געשריען אַף איר; האָט איר מאַן געזאָגט: „ביז ווי לאַנג וועסטו שטורמען און שרייען? דו ביזט איר חושד, גיי מיט איר צו א דין תורה". האָט אים די פרוי געענטפערט איך קען דאָך דיר, דו וועסט דאָך ניט פסקענען די דין תורה". האָט ער איר געענטפערט: „אודאי וועל איך ניט פסקענען, גיי צום דיין". די פרוי איז דערמיט געווען צופרידן. באַם ארויסגיין פון שטוב צו גיין צו דער דין תורה,

טוט זיך ר' הירשעלע אָן זיין פעלצל און גרייט זיך אויך צו גיין, אַף די די פראגע פון זיין פרוי וואוהין ער גייט, האָט ער געענטפערט: „זי איז דאָך א יתומה און דאַרף האָבן יוער עס זאָל פאַר איר טענה'ן. גיי איך פאַר איר ריידן". דאָס איז עטוואָס פון זיינע צדקית און מידות.

ר' וואָלפס פרוי איז געווען א אויסגעצייכנטע צדקניות. איר אייניקל הרב ר' יצחק ליפקין רב אין קראז, האָט מיר געשריבן, אַז זי האָט פאַר־שטאַנען פיל תלמוד, און פיל לעגענדעס זוערן וועגן איר דערציילט. פון זייערע קינדער, וועלכע מיר זיינען באַוואוסט, איז דער באַוואוסטער גאון, דער זועלטענטר צדיק ר' ישראל ליפקין, געלערנט באַם גאון ר' צבי הירש סאַ־לאַנטער און באַם גאון ר' יוסף זונדל פון סאַלאנט. באַ אים האָט ער געלערנט מידות און מוסר*) נעמענדיק א פרוי, די טאָכטער פון הרב יעקב הלוי, איז ער אייניקע יאָר געווען אין סאַלאַנט און לויט דער עצה פון זיין רבי'ן ר' היר־שעלע איז ער אַוועקגעפאָרן אין ווילנא, וואו ער איז געוואָרן ראש ישיבה אין דער ישיבה פון ר' מיילא. אין ספר „עיר ווילנא" פון ר' הלל נח מגיד' זייט 138' ווערט געבראכט דער כתב, ווען מען האָט אים אָנגענומען פאַר אַ ראש ישיבה; געשריבן י' אלול ת"ר (1840), וואָס האָבן אים געגעבן די פירער און גבאים פון ווילנא אַף אַ צייט פון 5 יאָר און מען האָט אים באַשטימט שכירות 4 רובל א וואָך, און די וואָך פון יום־טוב — 8 רובל; אויך א דירה באַ דער ישיבה, די טיר פון וואוינונג זאָל זיין צום בית־המדרש פון דער ישיבה ר' מיילא.

נאָכהער איז אַנטשטאַנען אַ מחלקה צווישן אים און הגאון ר' מרדכי מעלצער, אויך א ראש ישיבה אין דער אויבנדערמאָנטער ישיבה, און צוליב

---

*) אין דער הקדמה פון „התבונה", וועלכע ער האָט ארויסגעגעבן אין מעמל תרכ"א, דערמאָנט ער זיין רבי'ן אין פאָלגנדע ווערטער: ויצקתי מים על ידי מורי הרב ר' יוסף זונדיל היושב בירושלים תובב"א ועד כה לא הגעתי לקרסוליו הוא היה סולם מוצב ארצה טרוד בטרדת המסחר לבקש טרפו כדרך בע"ב אשר מחיתם כבר לפניהם, וראשו מגיע השמימה בטרדה גדולה מדי לחיי נפשו, משפט למודו היה בעיון הצריך למעשה. למד הגמרא כולה הב"י וכל האחרונים בעיון וביותר העיון הגדיל בביאורי הגר"א ז"ל יבשלטר הסעיף שלחן ערוך או הענין עם כל אביזרייהו. היה הציור לפניו, כמו שבא הדין לפניו למעשה ועיין וחקר היטב משפטו, עד שהעמידו לפסק נצב ואז חזר פעמים רבות עד שהיה בידו כמונח בקופסה, כל למודו בתנ"ך, ג"ם, ומדרשים, וזהר היה יסוד לחפש ידיעת המעשה וכו', ועל כן אלה גודל היגיעה לישר המדות ולחובת הלבבות וכו'."

די גרויסע צדיקות פון ר׳ ישראל׳ן האָט ער מוחל געווען און האָט נעגרינדעט א ישיבה אין פאָרשטאָט זאַרעטשיע, אין ווילנא, וואו ר׳ חיים באַסקעס האָט אים אונטערשטיצט מיט אַלעס, וואָס ער האָט נויטיק געהאַט. דאָרטן זיינען פון אים אַרויסגעקומען תלמידים, באַוואוסטע גדולים און צדיקים.

אין יאָר תר״ו (1846), ווען ר׳ משה מאָנטעפיורע איז געווען אין ווילנא, האָט ער אויך באַזוכט די ישיבה פון ר׳ ישראל׳ן.

נאָך זייענדיק אין ווילנא האָט ער אופגערופן די יוגנט אין האָט באַשטימט א הויז, וואָס עס זיינען געקומען מענטשן הערן זיינע מאַראַל (מוסר). האָבן געלערנט „חובת הלבבות״, „מסלת ישרים״ און דורך זיין עצה אין יאָר תר״ד געדרוקט געוואָרן דאָרטן דער ספר „חשבון הנפש און דער ספר „גרן נכון״. אויסבעסערונג פון מוסר און מידות לרשב״ג.

אין יאָר תר״ח (1848) ווען עס איז געווען אין ווילנא די חלירע, האָט ער פיל גערעט, מען זאָל מיט אַלע מעגלעכקייטן העלפן איינער דעם אַנדערן, האָט מתיר געמאַכט פאַר קראַנקע מחלל שבת צו זיין, און ערב יום־כפור שנת תר״ט האָט ער געלאָזט אויסקלעפן אין אַלע שולן מודעות, מען זאָל פאַרקירצן דעם פיוט, מען זאָל גיין שפּאַצירן. (זע וועגן דעם אין ספר „עיר ווילנא״). ער האָט יעדן אירן ליב געהאַט אָן א שיעור. איך געפין פאַר נויטיק צו איבערזעצן, וואָס מיר האָט געשריבן דער געלערטער רי״א דעמאַנט:

„פון אַלע גאונים און רבנים׳ וועלכע איך האָב געקאָנט, האָבן מיר מערער צוגעצויגן די צוויי גרויסע גאונים, וואָס האָבן באַלויכטן די וועלט: ר׳ ישראל סאַלאַנטער און מלבים (דער קעמפּענער). דער ערשטער איז 4 יאָר געווען מיין רבי, מיין ערציער, ביז זיין אָפּפאָרן נאָך קאָוונאָ; דער צווייטער האָט מיר אַנדעקט אַלע זיינע געהיימניסע. זיין ערשטער און לעצטער פאַרפאָלגער איז געווען דער קאָזיאָנער ראַבינער, וועלכער האָט אַף אים אָנגערעט שלעכטס פאַר די באַאַמטע און דאָס פאָלק. און גאַנץ ריכטיק האָט מיר געזאָגט ה׳ פירקאָוויץ: „זייט וויסן, אַז די 2 ראַבינער־שולן זיינען 2 גאָלדענע קעלבער״, (פון ירבעם בן נבט). איך וויל דאָ דערציילן איינינעס וועגן ר׳ ישראל סאַלאַנטער, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען און מיינע אויערן געהערט: מיר זיינען געזעסן אין א האַלב־רונד פאַר ר׳ ישראל׳ן, וועלכער האָט פאַר אונז גערעט וועגן א זייער שווערן ענין אין תלמוד. פּלוצלונג האָט זיך לויז געמאַכט די טיר, און דער בילדונגס־מיניסטער אוואַראָוו מיט ר׳ הירש קאַצענעלנבויגן זיי־נען אַריינגעקומען; זיי האָבן געוואַרט אַף ר׳ ישראל סאַלאַנטער. וועלכער האָט נאָכהער פאָרקומענדיק פאַרן מיניסטער, רואיק אויסגעהערט דעם פאָרשלאָג פון

קאַצענעלנבויגן *), אַז דער מיניסטער וויל אים באַשטעטיקן פאַר א פּאַרוואַל־טער פון דער ראַבינער־שול אין ווילנא און געבן אים די מעגלעכקייט צו לעבן בכבוד. ר' ישראל סאלאנטער האָט מיט זיין חכמה אַרויסגעמאַכט זיך פון צו זאָגן יאָ אָדער ניין.

אַ צייט שפּעטער איז ר' איצעלע וואָלאָזשינער געפאָרן פון פעטער־בורג **); קומענדיק אין ווילנא, האָט ער באַזוכט ר' ישראל סאלאנטער אין זארעטשיע וואו מיר האָבן געלערנט; געפינענדיק אונז לערנענדיק, איז ר' יצחק וואלאזשינער געשטאַנען מיט גרויס כבוד וואונדערענדיק זיך אַף די טיפ־קייט און שאַרפזיניקייט פון ר' ישראלס לערנען, ביז ר' ישראל האָט געענדיקט זיין שיעור, און מיר זיינען אַלע אופגעשטאַנען; נאָכדעם ווי זיי האָבן איינער דעם צווייטן געגעבן שלום זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אין א באַזונדערן חדר און פעסטגעמאַכט די טיר, מיר האָט זיך זייער און זייער געוואָלט הערן די רייד פון די חכמים, זיי האָבן אָבער גערעדט זייער שטיל, און איך האָב געקענט הערן פון ר' ישראלס מויל נאָר פאָלגנדע ווערטער, וועלכע ער האָט הויך אַרויסגערעדט: „ר' יצחק, גייט אַוועק פון דעם וועג; עס איז א צייט. וואָס מען וויל מבטל מאַכן אונזער תורה און מיר דאַרפן זיך אָפּפערן און ניט נאָכגעבן פון דאָס קלענסטע ביז דאָס גרעסטע, דער געדאַנק פון דער רעגירונג איז צו אַסימילירן דעם נייעם דור".

אַפן דריטן טאָג איז ר' ישראל סאלאנטער אַוועקגעפאָרן אין קאָוונאָ. דאַן איז אים קלאָר געוואָרן, אַז עס אוז א צייט צו בויען דאָס אידישע הויז פון מוסר און מידות, און ער האט זיך דערצו אָפּגעגעבן, און האָט געגרינדעט

---

*) געבאָרן אין ווילנא ־תקנ"ו' געשטאָרבן ט"ז אדר תרכ"ח (1868). ער האָט מחבר געווען ביאורים אַף „מדרש רבה", אַפן ספר „מורה נבוכים", וועלכן ער האָט געקענט אויסווייניק אַף די ספרים „נתיבות עולם", „תפארת צבי". 18 יאָר אַז ער געווען אינספעקטאָר אַף די רבנים־סעמינאַריע אין ווילנא. (זע ווענן אים באַריכות אין „עיר ווילנא" פון זייט 228—233).

**) דאָס איז דער גרויסער באַוואוסטער גאון, וועלכער איז געפאָרן אין פּעט־טערבורג צוזאַמען מיט דעם ליובאַוויטשער רבי'ן ר' מענדעלע און מיט נאָך א באַ־וואוסטן מענטשן אין יאָר תר"ד. געשטאָרבן אין איוועניץ כ"ו אייר תר"ט. זיין איינ־ציקער זון איז געווען הרב ר' אליהו זלמן, זיינע איידעמס זיינען: הגאון ר' אליעזר יצחק בהגאון ר' הלל פון גראדנא (זע „נחלת אבות", אות א, סיאן ק"ז); דער גרויסער גאון ר' נפתלי צבי יהודה וואָלאזשינער; הרב ר' שמואל לאנדוי און הרב ר' זלמן משה בר' לוי יפה פון ראגאווא.

אין קאָוונא א בית המדרש פאַר לערנער און האָט מיט זיי 9 שעה אין טאָג געלערנט תורה און גוטע מידות. ער האָט געהאַלטן פּייערדיקע דרשות מען זאָל ליבן די תורה און אמונה, מען זאָל ערליך האַנדלען, ליב האָבן אַרבעט. זיין אונטערהאַלטער אין קאָוונאָ איז געווען דער אָרטאָדאָקסישער גביר ר׳ הירש נאוויאזער. *)

צוליב זיין קראַנקהייט איז ער געפאָרן קורירן זיך אין האַלבערשטאַט, און די באַוואוסטע גבירים הירש האָבן אים מיט אַלעס אויסגעהאַלטן. אומעטום וואו ער איז געקומען, האָט ער פאַרשטאַרקט די תורה און אמונה. זיינע דרשות, וועלכע זיינען ארויסגעגאַנגען פון זיין ריינע האַרץ, האָבן איינגעפלאַנצט גוטע מידות, ליבשאַפט צו גאָט און צו אונזער תורה, ליבע און הומאַניזמוס צום מענטשן.

זיינע לעצטע יאָרן האָט ער געלעבט אין פּאַריז — פראַנקרייך. אויך דאָרט האָט ער געגרינדעט חברות פאַר תורה. זייענדיק 73 יאָר אַלט, האָט ער פאַרלאָזן פּאַריז און געקומען אין קעניגסבערג, וואו ער איז געשטאָרבן כ״ה שבט תרמ״ג. קיין רבנות האָט ער אין זיין גאַנצן לעבן פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט אָננעמען.

זיין טויט האָבן באַקלאָגט אַלע אידן. הספדים אַף אים זיינען געדרוקט געוואָרן אין ספר „כבוד ישראל״ פון הרב ר׳ דוד שלמה סלאַשטש, רב אין אָדעס, אין ספר „יורה ומלקוש״ און אין „קדוש ישראל״. זיינע תובה איז געדרוקט אין „התבונה״ 12 העפטן, מעמל תרכ״א, „אמרי בינה״, 4 חלקים געדרוקט דורך זיין טאָכטערס זון ר׳ דוד סידערסקי אין ווארשוי. „עץ פרי״ , ווילנא תר״מ, „אבן ישראל״, ווארשוי תרמ״ג; געדרוקט דורך הרב ר׳ זלמן הירשאָוויץ, „אור ישראל געדרוקט זיין תלמיד הגאון ר׳ יצחק בלאַזער רב אין פעטערבורג.

זיינע קינדער, וועלכע זיינען מיר באַוואוסט, זיינען: הרב ר׳ אריה ליב אדלער — רב אין בערעזינאָ און אין חאַראָשץ, אן איידעם פון באַוואוסטן גאון ר׳ יום טוב ליפּמאַן, רב אין ביאַלאָסטאָק; ב). הרב ר׳ יצחק ליפּקין — רב אין קראָז און יאַנאָוועָ; ג). דער געלערנטער ד״ר ליפּמאַן ליפּקין, געשטאָרבן אין פעטערבורג תרל״ה און ד). הער אַדלער אין קאָוונאָ. ר׳ ישראלס איידעם איז דער באַוואוסטער גאון ר׳ אליהו לייזער, רב אין ווילנאָ, דער שווער פון הגאון ר׳ חיים עוזר גראָדזינסקי.

דער צווייטער זון פון הרב ר׳ וואָלף איז געווען ר׳ ידידה ליפּמאַן

---

*) זע איבער אים „נחלת אבות״ אות ה׳ סימן ל״ב.

ליפקין, א מופלג גדול, א באַרימטער קונסט־מאָלער. פיל יאָרן נאָך זיין פאָ־
טערס טויט האָט ער אָפּגעצייכנט זיין פאָטער. געשטאָרבן אין גאָלדינגען 19
טעג אין אלול תרל״ה. פון זיינע קינדער זיינען: הרב הגאון ר׳ אריה ליב
ליפקין, געבאָרן אין זאַגער אין יאָר ת״ר. געלערנט בא זיין פאָטערס פאָטער
אין טעלז, גענומען א פרוי, די טאָכטער פון זיין פאָטערס ברודער ר׳ יצחק
ליפקין. וויענדיק 30 יאָר אַלט איז ער אָנגעקומען פאַר א רב אין פּאַפּעלאַן,
נאָכהער אין קרעטינגען, צולעצט אין וויעקשנע, וואו ער איז, וויענדיק א רב
לערך א יאָר געשטאָרבן, כ״ז תשרי תרס״ג: פון זיינע תורה איז גע־
דרוקט געוואָרן באַמערקונגען און דערקלערונגען אף גאַנץ ש״ס. אין זיין ווי־
דעם „בן אריה״ אף רמב״ם און טורים; „דברי ידידי״ אף שיר השירים;
„אמרי נועם״ אף ברכות און שבת און אַנדערע פון ווילנער גאון, מיט זיינע
ביילאַגן: „אור היום״ „כללי התחלת חכמת אמת״ — אָן זיין נאָמען, גע־
דרוקט דורך דעם שוחט פון מאַרימפּאָל ר״ אַלטשולער; „ברייתא דשמואל הקטן״
מיט זיין דערקלערונג; „שבילי המאורות״, „אגדת מהר״ל״ געדרוקט דורך הרב
שראגא מאיר לייזעראָוויץ. איבערדעם זיינען נאָך פון אים געבליבן 18 ספרים־
מאַנוסקריפּטן, ר׳ זאב וואָלף ליפקין פון טאַלסן און הרב ר׳ סנדר ליפקין
אין שאַוול. דער דריטער זון פון ר׳ וואָלף, איז הרב ר׳ יחיאל מיכל בהגאון
ר׳ וואָלף, געשטאָרבן אין סאַלאַנט, און 4) ר׳ יצחק ליפקין אין זאַגער
געשטאָרבן דאָרטן לערך תרמ״ז.

ד). הרב ר׳ מנחם מענדל איזראַעלסאָן. (זיין ביאָגראַפיע — און די
רבנים פון מיטוי).

ה). הרב ר׳ משה יצחק בר׳ משולם זלמן הלוי, א תלמיד פון באַ־
וואוסטן גאון ר׳ אליהו ראַגאָלער. אין זיין יוגנט איז ער געוועזן רב אין סאַס־
מאַקן, און פון דאָרטן איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר א רב אין ליבוי און
לערך תר״ט — פאַר א רב אין גאָלדינגען, און אין יאָר 1850 — אין קרע־
טינגען. (זיין אונטערשריפט און זיינע פסקים ווערן א סך מאָל געפונען אין
גאָלדינגער פּנקס: פון יאָר תר״ט, תר״י, תרי״א און תרי״ב. נאָך 15 טעג
אין חשון תרי״ג געפינט זיך די אונטערשריפט פון הרב הגאון ר׳ זלמן היר־
שאָוויץ. מען זאָגט, אַז וויענדיק רב אין קרעטינגען, פלעגט ער פיל מאָל קו־
מען אין גאָלדינגען און זיך חתמענען אַף פּסקים. און אזוי איז דייטלעך צו
זען פון פּנקס אַז הושענה רבא יאָר תר״י התמעט ער זיך: „פה גאָלדינגען
החנה קראָטינגה״.) פאַנעוועזש, פלוגיאַן, אַגוסטאָוו. נפטר געוואָרן תר״ל (1870)
געוועזן באַוואוסט און זיין צייט פאַר א גדול בתורה אין א וועלטענער חכם. נאָכ־

געלאָזן אַ סך מאַנוסקריפּטן הידושים בתורה*) ער איז דער מחבר פון הגהות צו די ש״ס וועלכע האָט זיך געדרוקט אין שטעטין. זיין השגה און זכרון איז געווען וואונדערבאַר: ער פלעגט לאָזן אַרויסזאָגן א סך מענטשן מיט אמאָל זייערע טענות און אַ צייט שפּעטער איידער ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין פסק, פלעגט ער ווידערהוילן זייערע טענות ניט פאַרפעלנדיק אין וואָרט. דער וועלט גאון ר' אליה קאַלישער האָט אים אויך פיל מכבד געווען.

פון זיינע איידעמס זיינען: הגאון ר' דובער ליפשיץ (אין די רבנים פון ווינדוי) הרב הגאון ר' נחום שרגא בר' דוד רעוועל. געבאָרן אין ראססיין. געווען רב אין לינקאָווע, פ־ען נפטר געוואָרן ה' אייר תרנ״ו (1896) נאָכגעלאָזן א ספר פאַרטיק צו דרוקן „כנפי נשר" שו״ת און חידושים**) און הרב הגאון ר' אבתריאל אהרן בר' הלל געווען רב אין סאפאטקין און אגוכטאוו; געדרוקט אַ ספר „כתר המלך" אפן רמב״ם.

ו) הרב דגאון ר' שניאור זלמן בר' אברהם הירשאָוויץ. געלערנט אין אנטיקאָליע אין דער ישיבה פון הגאון ר' יצחק שירווינטער. געווען א רב אין ראגאָווא, לערך תרי״ג אנגעקומען פאַר אַ רב אין גאָלדינגען וואו ער איז געווען מער ווי 50 יאָר. נפטר געוואָרן ד' סיון תרס״ד (1904). געדרוקט א ספר „אבן ישראל" פון הגאון ר' ישראל סאלאנטער צוזאַמען מיט זיין ספר „אבן בחן" אויך איז פון אים געדרוקט באַמערקונגען אַף רב אַלפס נאָכגעלאָזן אַ סך מאַנוסקריפּטן אַף פאַרשידענע תורה־ענינים אין ספר „עטרת יצחק" איז פאַראַן פון אים צוויי שאלות ותשובות ווען ער איז געווען רב אין ראגאָווא. פון זיינע זין איז הרב ר' יוסף הירשאָוויץ. געשטאָרבן ב' אב יאָר תרמ״ה אלט 38 יאָר.

ז) הרב ר' שלום בר' יהושע אנגענומען געוואָרן אין גאָלדינגער חברא קדישא יאָר הר״ט (1849) אזוי איז פאַרשריבן אין גאָלדינגער חברא קדישא פינקס.

דער באַוואוסטער גרויסער רב ר' שלום ראַבינאָוויץ, איז געווען אַ תלמיד בא רבינו הגאון ר' חיים וואָלאָזשינער. געווען פיל יאָרן רב אין יאַנישקי קאָוונער גובערניע אין יאָר תר״ז (1857) איז ער געווען אין ווילנא אַף דער

---

*) דער מחבר פון „תפארת ישראל" דערמאָנט אים אייניקע מאָל און שרייבט אַף אים „הקשה לי אדם קשה כברזל הרב הגאבד״ק קראטינגען

**) בא מיר געפינט זיך דער „ברכי יוסף" באַשריבן מיט זיינע הגהות. זיין זון איז הרב הגאון ר' דובער ד״ר רעוועל אַ וועלטענער עלוי. יעצט דער רעקטאָר פון רבנו יצחק אלחנס סימענאַר „ישיבה) אין אמעריקא.

פאַרזאַמלונג פון די רבנים וועגן אויסוויילן רבנים צו פאָרן אין פעטערבורג וועגן שאלות וואָס זיינען שייך צו אונזער אמונה. נפטר געוואָרן כ״ד אב תרכ״ב אין יאָר תרל״ג איז געדרוקט געוואָרן אַ טייל פון זיינע פיל תורה „דברי שלום ואמת״ וועלכע עס האָט געזאַמלט זיין ברודער הרב ר׳ בײנעש דיין אין טאַוריג*).

ח) הרב ר׳ אברהם שמואל ב״ר נפתלי דוביצקי, געבאָרן אין ווילנא געווען רב אַף זיין שווערס אָרט אין סאַסמאַקן, נאָכהער אין פרויענבורג, און פון יאָר תרס״ה א רב אין גאָלדינגען, אין יאָר 1922 אַוועקגעפאָרן אין אַמע־ריקאַ, איז אַ רב אין מאָנטרעאַל — קאַנאַדאַ.

ט) הרב ר׳ אליקום הערצפעלד געבאָרן אין גריווע, יאָרן לאַנג געווען א מגיד אין גאָלדינגען, יעצט דאָרטן אַ רב.

הרב ר׳ דובער בר ישראל נאַכימאָווסקי געבאָרן אין יאָר תרל״ד געווען אַ איידעם פון הרב הגאון ר׳ חיים מאיר גדין געווען א קאַנדידאַט אַף גאָלדינגער רבנות אַף דעם אָרט פון זיין פרום זיידע הגאון ר׳ זלמן הירש־שאָוויץ, נאָר צוליב פאַרשידענע סיבות האָט ער די שטעלע ניט אָנגענומען, געשטאָרבן כ׳ שבט תרפ״ז.

## 6. גראָבין.

ווי איך האָב געהערט, איז דער ערשטער רב דאָ געווען ר׳ העסל, און לערך תקע״ט איז דאָרטן אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב ר׳ זאב גואָלף רובינסאָן בהרב ר׳ ראובן. (ר׳ ראובן האָט געהאַט נאָך 5 זין און 2 איידעמס: הרב ר׳ שמואל אייבעל, באַוואוסט אין פוילן מיטן נאָמען ר׳ שמואל לאַמזער. אין גאָלדינגער פנקס האָב איך געפונען פאָלגנדעס: אָנגענומען אין חברה קדישא ה״ה דרבני המופלג ר׳ שמואל במהו״ה ראובן בשנת תקס״ט.—הרב צבי הירש; אין פּילטענער חברה קדישא פנקס פון חול המועד פסח תקס״ה איז ער אונטערגעשריבן: „נאום צבי הירש במוחר״ר ראובן״. ער איז געווען באַ־וואוסט מיטן נאָמען ר׳ צבי הירש גאָלדשמיד. אפן נאָמען פון זיין פאָטער, גע־לעבט אין פילטן און קאַנדוו. א רב האָט מיר דערציילט, ער האָט געזען

---

*) ווי זיינען קינדער פון הרב ר׳ משה יהושע ניישטאַטער א איידעם פון זעלטענעם גרויסן גאון און צדיק ר׳ זאַלמעלע וואָלאָזשינער, ר׳ יהושע פלעגט זאָגן אַ שיעור „יורה דעה״ אין וואָלאָזשן און נאָכהער אין ווילנא. האָט ער געזאָגט פאַר גרויסע לומדים ״אלפס״ געשטאָרבן אין ווילנא י״א אייר תרי״א (זיין ביאָגראַפיע באריכות אין עיר ווילנא זייט 571).

בײ זײן אײניקל אין פילטן ד׳ קאָרעספּאָדענץ װעלכער ר׳ הירש האָט געפירט מיט הגאון ד׳ אַבּעלע פּאָסװעלער. (פון זײנע זין איז געװען ר׳ יהושע גאָלד־בּערג. שוחט אין גאָלדינגען, געשטאָרבּן ה׳ תשרי לערך תרמ״א); ר׳ יצחק; ר׳ יעקב מפּאַדאמען און ר׳ ישראל. באַװאוסט מיטן נאָמען ר׳ ישראל פונעד. זײנע אײדעמס זײנען: הרב ר׳ אליהו בר׳ יוסף הערצבערג, רב אין פילטן, און ר׳ משה דער פאָטער פון הרב הגאון ר׳ יקותיאל זיסל, געבּאָרן כ׳ כסלו תקע״ו, געװען אַ קורצע צײט אין װאָלאזשין, געלערנט אײניגע יאָר צוזאַמען מיט די גאונים ר׳ מרדכי עליאשבערג און אלכסנדר משה לפידות, נאָכהער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין קליקאָל, דאָרטן איז ער געװען רב 40 יאָר ביז זײן טויט ז׳ תשרי תרנ״ז. נאָכגעלאָזן „שאלות ותשובות״ „חידושים על גפ״ת״. זײ זײנען געבּליבּן בײ זײן אײנציקן זון הרב הגאון ר׳ יצחק ראובן איליאַן, רב אין ריגע, מחבר פון „שדי יצחק״, געשטאָרבּן אין תרע״ה, (1915). ר׳ װאָלף רובינסאָן איז געװען רב אין גראָבּין לערך 60 יאָר; געשטאָרבּן אין יאָר תרל״ט. פון זײנע אײדעמס איז המופלג ר׳ יצחק אײזיק בערנהײם.

ב) הרב ר׳ חיים מאיר גרין אַ אײדעם פון הגאון ר׳ זלמן הירשאָװיץ געװען רב אין גראָבּין פיל יאָרן, געשטאָרבּן י״ז כסלו תרע״ב. זײן זון איז הרב הגאון ר׳ אליה אהרן גרין רב אין ײאָלקאָװישקי. זײנע אײדעמס זײנען הרב הגאון ר׳ ישראל ליטװין און הרבנים הג׳ ר׳ יוסף ראַבּינוביץ, ר׳ ירחמיאל בענימינסאָן און ר׳ דובער נאַכימאָװסקי אין גאָלדינגען.

ג) הרב ירחמיאל בענימינסאָן געװען רב אף זײן שװערס אָרט ביז אַרױסשיקונג די אידן פון קורלאַנד, געװען אַ רב אין שצעדרין יעצט אַ רב אין שזלאבין אױכער װאָס ער איז געװען אַ גדול בתורה איז ער אויך אַ װעלט־ענער בעל מדות. יעצט איז אַ רב אין גראָבּין הרב ר׳ ליב פרידבערג.

# 7. גריװע.

די שטאָט שטײט שױן מער פון 200 יאָר. אידן האָבּן אין איר געלעבּט גלײך װי זי איז אױפגעבּױט געװאָרן, אָבּער פירן אַ געמײנדע־לעבּן האָבּן זײ ערשט אָנגעהױבּן מיט לערך 100 יאָר צוריק. די ערשטע אידן, װאָס האָבּן זיך דאָרט באַזעצט, זײנען געװען פאַמיליע װיאַכטעל. װעלכע זײנען געקומען פון יאַקאָבשטאָט. זײ האָבּן געלעבּט אין אַלט גריװע.

דער אלטער בית הקברות איז געבױט געװאָרן אין גריװע מיט 200 יאָר צוריק.

אין יאָר תקצ״א (1881) איז דורך ר׳ יעקב בר׳ אברהם יאַקאָבסאָן און ר׳ שמריהו העלער אױסגעבױט געװאָרן לעבּן אלטן בית־הקברות, אַ נײער.

די ערשטע יאָרן האָבן די גרייוער אידן ניט געוואוסט פון פאַר־שידענע שעקטעס—אַלע האָבן געדאווענט אין נוסח. נאָר ווי עס האָבן זיך דאָרטן אָנגעהויבן באַזעצן אידן פון אַנדערע ערטער, האָט זיך אָנגעהויבן דער אונטערשיד. אָבער דאָך האָבן אַלע די חסידים מיט די מתנגדים געלעבט בשלום, די חסידים ווי די מתנגדים האָבן זיך געהאַט פאַר זיך אַ באַזונדערן מנין, געלעבט נאָך אירע באַרינגונגען און האָבן מחלוקת ניט געפירט.

די גרייווער אידן דערציילן אז פריער זיינען בא זי געווען פאַר־שידענע חברות, וואָס פאָדערן זיך בא אידן, אָבער נאָכהער, אַז זייער לאַנגע איז ערגע־געוואָרן, איז נאָר פאַרבליבן הברה קדישא, אַראַנק די גבאים, ובפרט דעם שמש ראשון.

אין יאָר 1878 האָט דער קייזער אלעכסאנדער II דערלויבט די אידן צו גרינדן אַן עדה. (евр. общество)

## אירע רבנים.

א). הרב ר׳ מיכאל יעקב זעליגמאַן,*) געווען דאָרטן רב אַ ך יאָרן. געשטאָרבן 10 טעג אין תמוז תר״ח.** ער איז געווען אַ זון, פון הרב הגאון ר׳ ישראל, וועלכער איז געווען רב אין אשווע. סעבעזש דריסא וויטעבסקער גוב., אַ זון פון הרב ר׳ זעליג, רב אין אשווע. (ער איז געווען אַ שרייבער און דיין בא זיין פריינד הגאון ר׳ רפאל האַמבורגער. ער האָט זוכה געווען צו זען דעם ווילנער גאון בא ר׳ רפאלן, ווען דער גאון איז געגאַנגען אין גלות. ר׳ זעליג איז געווען אַ זון פון ר׳ יעקב חאַטינאַער, אשוואָגער פון הגאון ר׳ יקותיאל זיסקינד הכהן, אב״ד מדינות ליפלאַנד, רב אין אשווע. דער

*) געווען אַן איידעם פון הרב הגאון ר׳ ליב אין טעלז, בהגאון ר׳ אב־רהם רב אין דריסאָ אין טעלז. (דער צווייטער זון איז געווען ר׳ אבינדוד מרגליות, א נכבד גדול, געלעבט אין טעלז. סוף יאָרן אוועקגעפאָרן אין ארץ ישראל, וואו ער איז געשטאָרבן אין תרמ״ב. זיינע קינדער זיינען גרויסע לומדים: ר׳ צבי און ר׳ אברהם מרגליות, געשטאָרבן תרס״ז). הגאון ר׳ אברהם איז געווען אַן איידים פון הרב ר׳ זאב וואָלף אלטשולער פון ליוצין דער מחבר פון פיל ספרים. (זע אין זיין ספר „אבן פנה״ אָף מגילת רות).

**) דער צווייטער זון פון ר׳ מיכאל יעקב איז הרב הגאון ר׳ דוב בער זעליגמאַן, געווען אַ רב אין דאנקערע פון יאָר תרל״ה ביז זיין טויט ר״ח ניסן תרע״ז. זיינע קינדער זיינען הסופלג ושלם ר׳ אברהם דוד זעליגמאַן אין רינע. און הנכבד ר׳ ליב נתן זעליגמאַן אין פריל.

פאטער פון גרויסן גאון ר׳ רפאל, רב אין אלטונה און האמבורג, דער מחבר פון ספר „תורת יקותיאל״. פריער האט צו ליפלאַנד געהערט אַ גרויסער טייל פון וויטעבסקער גוב. אין דעם אַפּמאַך, וואָס דער לעצטער אָרדנס־מייסטער פון ריגאַ קעטלער האָט געשלאָסן מיטן פירשט ראַדזיוויל אין נאָמען פון פוילין אין יאָר 1559 איז געזאָגט, אַז ער גיט איבער פוילן פון גרענעץ ליטע בּאַ דער שטאָט דרויאַ פון ביידע זייטן דווינע, די פעסטונגען דינאבורג און אַז. וו., אויף דעם ספר „אבן פנה״, וועלכער איז געדרוקט אין תקנ״ד (1794) התמט זיך דער מחבר: „רב אין ליוצין און אין קרייז במדינת ליפלאַנד״. אַזוי חתמט ער זיך אויך אין זיין ווערק „המשה חלוקי אבנים״, און אין ספר „חבל יהודא״ ווילנא תק״ס 1800 חתמט זיך דער מחבר „מ״מ ומ״ץ דק״ק דענאַבורג ומדינת ליפלאַנד״. ווי איך האָב געהערט איז ר׳ יקותיאל זיסקינד הכהן געווען אַ רב אין דרויאַ.)

ב). הרב ר׳ חיים דוד בהרב ר׳ מיכאל יעקב זעליגמאַן, געווען רב אויף זיין פאָטערס שטעל געשטאָרבן כ״ז אלול תר״ט, 24 יאָר אַלט. זיין זון איז געווען הרב ר׳ ישראל זעליגמאַן אין לוצין, מחבר געווען און געדרוקט אַ ספר „יד ישראל״ און „מעין גנים״. געשטאָרבן אין לוצין י׳ שבט תרס״ח, נאָכגע־לאָזן אַ גרויסן ספר מיטן נאָמען „אוצר המספרים״, אַ גרויסן לעקסיקאָן, וועל־כער אנטהאַלט אַלע ספרים, וואָס ווערן דערמאָנט אין ש״ס בבלי ירושלמי א. אַז. וו. ער האָט אויך נאָכגעלאָזן אַ ספר „מגלות יוחסן״ איבער די פאַמיליעס פון די גאונים זעליגמאַן, ציוני, דון יחייא און אַנדערע.

הרב ר׳ חיים דוד איז געווען אן איידעם פון הרב הגאון ר׳ נפתלי ציוני, לערך 50 יאָר געווען רב אין לוצין. געשטאָרבן 71 יאָר אַלט ג׳ אייר תרט״ז, זיין פאָטער איז געווען הרב הגאון ר׳ דוד ציוני. רב אין לוצין, גע־שטאָרבן ב׳ ניסן תקע. ר׳ נפתלים זין זיינען: הרב הגאון ר׳ אהרון זעליג ציוני, רב אין וואַרקליאַן און נאָכהער 20 יאָר אין לוצין, אין תרל״ה האָט ער געדרוקט אַ ספר שו״ת וחידושים בשם ציוני, 2 טיילן, געשטאָרבן דאָרטן אין, תרנ״ז, 65 יאָר אַלט; פון זיינע איידעמס זיינען דער באַוואוסטער גאון ר׳ אליעזר דון־יחייא, רב אין לוצין, מחבר געווען און געדרוקט די ספרים „שו״ת״. „אבן שתיה״;—און הגאון ר׳ בנימין אייזנשטאַט (אַ זון פון גאון בעל הפתחי תשובה, זע אין מיין ספר „נחלת אבות״ אות א׳) געווען יאָרן לאַנג רב אין אוטיאַן אויף זיין פאָטערס שטעל; געשטאָרבן אין שבט תר״פ, 73 יאָר אַלט. אויף זיין שטעל איז געבליבן רב זיין זון ה״ג ר׳ אברהם צבי אייזנשטאַט. ר׳ בנימין האָט נאָכגעלאָזן פיל מאַנוסקריפּטן אין חדושי־תורה שו״ת ודרושים. (זע ווענן אים אין אַפריקאַנער וואָכנבלאַט פון 1921).

ר׳ אהרן זעליגס. אייניציקער זון איז געווען הרב הגדול ר׳ רפאל ציוני,

ר"מ אין לוצין, געשטארבן דארטן אין תרנ"ז 65 יאר אלט; דער צווייטער זון פון ר' נפתלי איז הרב הגאון הצדיק ר' יצחק ציוני, רב אין קרעסלאוויע און רעזשיצע, מחבר געווען ספר „עולת יצחק", שו"ת, געשטארבן כ"ה שבט תר"ם 75 יאר אלט; זיינע זין זיינען: הרב ה"ג ר' דוד ציוני, געווען רב אין לוגא און נאכהער אפן פאטערס שטעל-אין רעזשיצע, געשטארבן חדש חשון תרס"ד; (זיין זון איז הרב זעליג ציוני, רב אין הארדאק); הרב ה"ג ר' בן ציון צי.ני, רב אין קאזאן, ר' איצעלעס איידעמס זיינען הרב הגאון ר גרשון ראווינסאן (אין די רבנים פון פאלאנגען); הרב הגאון ר' יהושע ראובן ברוידא (א זון פון הרב הגאון ר' חיים צבי ברוידא, רב אין אלט-זאגער, א מחבר פון פיל ספרים, געשטארבן אין ארץ ישראל), רב אין סעבעזש, געשטארבן דארטן 43 יאר אלט אין חדש אדר שני תרע"ט, נאכגעלאזן א חבור אפן רמב"ם, און שו"ת „דברי מלכיאל" זיינען פאראן צו אים תשובות; און הבדל לאויט הרב הגאון בן ציון דון יחייא, רב אין מאריענהויזן יעצט אין לוצין. (איבער הרב הגאון ר' זאב וואלף אלטשולער און די גאונים ר' נפתלי און ר' אהרן זעליג ציוני—זע אין ארטיקל פון זייער אייניקל, דעם איבענדערמאנטן הרב ר' בן ציון דון יחייא, אין זשורנאל: „Еврейская старина" פון דובנאוו 1912 וועגן לוצין און איר קרייז, 3 באנד, זייט 263—274).

ר' יחזקאל יאנאווער. דער באוואוסטער חסיד ר' יחזקאל יאנאווער איז געבארן געווארן בא עלטערן מתנגדים, פיל צייט איז ער געווען באם רבי'ן הגאון ר' מנחם מנדל ליובאוויטשער דער רבי האט אים מקרב געווען און האט אים געשיקט לערנען חסידות בא הרב ר' אליהו יוסף מדרי-בין, נאכן רבי'ס טויט איז ער געפארן צו זיין זון הרב ר' יהודא ליב און שפעטער צו זיין אייניקל הרב ר' שניאור זלמן אין קאפוסט, ער איז געווען זיין משולח לערך 20 יאר ביז תרמ"ה. נאכדעם איז ער קראנק געווארן, איז ער געזעסן אין גריווע, און דער רבי פון קאפוסט האט אים מיט אלעם נוי-טיקעס אויסגעהאלטן. געשטארבן ראש השנה תרנ"א. (בית רבי).

הרב ר' משה ישראל דער באוואוסטער רב און חסיד ר' משה ישראל. איז געווען א זון פון באוואוסטן חסידישן רב ר' מרדכי, רב אין לעפעל. ער איז געווען א משולח אף די כולל-געלט אין ארץ ישראל באם ליובאוויטשער רבי'ן ר' מענדעלע. און נאכהער בא זיינע קינדער די רבי'ס.

זיי האבן פיל געטאן פאר די אנטוויקלונג פון חסידות אין גריווער געמיינדע: בא ר' יחזקאל יאנאווער פלעגן קומען יונגעלייט וועמענס ציל עס איז געווען צו ארבעטן פאר די אנטוויקלונג פון חסידות אין גריווע.

ד). הרב ר, ישכר בער ראבינאוויטש. זייענדיק אייניגע יאר אין

גריוויע. איז ער אויעקגעפאָרן אין אין ארץ ישראל.

ה). הרב ר' יהושוע בר, משה באסאָוו פון מאהיל. גוב. א גדול בתורה.

ו). הרב ר' ברוך זאב מינקין, געבאָרן אין שוויענציאַן, יאָרן לאנג געוועז אין גריוויע, ראש ישיבה און רב. פון אים זיינען ארויסגעקומען פיל תלמידים, גדולים בתורה.

זיין זון איז געווען הרב ה"ג ר' רפאל ראובן, געווען 4 יאָר רב אין רימישאן, געשטאָרבן יונג אין סיון תרס"ו. נאכגעלאָזן אסך מאַנוסקריפּטן אין הלכה און אגדה. ר' ברוך וואָלפס איידעמס איז הרב הגאון קאָרסאָוויקער רב. זיין ברודער איז הרב ה"ג ר' דוד מינקין רב אין דובענע.

## אירע בתי מדרשים און מנינים.*)

לערך אין יאָר תר"ח (1848) איז אין אַלט גריוויע דורך די גבאים ר' יהושע בר' מנחם מענדל שלאכטמאן אין דורך ר' שמריהו בר' אליעזר העלערמאַן אויסגעבויט געוואָרן א בית המדרש, אין יענעם יאָר איז אויך אויסגעבויט געוואָרן דער אלטער מנין דורך די גבאים ר' אליעזר און ר' ישעיהו בר' ירמיהו גראזמאַן.

לערך אין יאָר תרכ"ז איז דורך ר' יצחק פייגין אויסגעבויט געוואָרן דער נייער מנין.

דער מנין אין ניי גריוויע, וועלכער הייסט ר' יחזקאלס מנין, איז געגרינדעט געוואָרן דורך ר' ליב פעדערמאַן און ר' שלמה ארנאוויטש.

# 8. דאַבלען.

זייער אַן אַלטע שטאָט, נאר ניט קוקנדיק וואָס אידן האָבן שוין דאָרטן געלעבט, זיינען די מעטריקן דאָרטן איינגעפירט געוואָרן נאָר אין תרכ"ח (1868). יעצט לעבן דאָרטן נאָר געציילטע פאמיליעס.

## אירע רבנים.

א) הרב ר. חיים במהר"ר צבי אברהם וואָלפערט**). געווען דאָרטן רב אייניקע יאָר, יעצט א רב אין ליבוי. אַן איידעם פון באַוואוסטן רב און צדיק ר' דוד רעגינסבורג.

*) א בית המדרש, וואו חסידים דאַווענען, הייסט מנין.

**). זיין פאָטער איז געווען א חזן און שוחט אין פרויענבורג, א זעלטענער פרומער איד, עסקן אין מצות, נפטר געוואָרן ער"ח אלול תרע"ט.

ב). הרב ר׳ אייזיק לעווינסאָן, יעצט אין אַמעריקע.

ג). הרב ר׳ יקותיאל זלמן הלוי בהרב ר׳ צבי הירש, רב אין לינקאויע*)׳ אַן איידעם פון הרב הגאון ר׳ אריה ליב ליפקין, רב אין וויעקשנע. נאָך זיין שווערס טויט האָט ער פאַרטרעטן זיין שטעל אין וויעקשנע לערך 3 יאָר. נאָר צוליב פאַרשידענע טעמים האָט ער אָנגענומען די שטעל אין דאַבלען. יעצט איז ער מורה הוראה אין לינקאָויע.

אין דאבלן איז אויך פאַראַן אַ בית-הקברות, חברה קדישא און אַ געמויערטער פיינער בית-המדרש, אין דעם האָבן זיך פיל מתעסק געווען ר׳ יעקב יצחק בר׳ נתן נטע ברוידא שטאַמט פון אַ מיוחסדיקע גאונישע פאַמיליע געקומען אין דאבלן יאָר תר״ל׳ געהאַט אַ גרויסן געשעפט, און כמעט זיין גאנצן לעבן עוסק געווען אין תורה וגמלות חסדים, געשטאָרבן אין ריגא בא זיין זון ר׳ ליב (לעאפאלד) ברוידא אין יאָר תר״פ 1920; און זיין איידעם ר׳ צבי בר׳ ברוך דיסענציק, געבאָרן אין בויסק, געלערנט אין וואלאזשען, אויסער וואָס ער איז אַ מופלג אין תלמוד איז ער אַ אידישער משכיל און אַ מצוין מיט מעלות טובות, פון יאָר תר״פ איז ער אין מיטוי, און איז עוסק במסחר גדול.

# 10. האזנפאט.

וועגן די אידישע וואוינרעכט אין האזנפאָט און איר קרייז האָבן מיר שוין באַריכות געשריבן אין אונזער אַרטיקל איבער פילטן און האזנפאטער קרייז.

די ערשטע אידישע געמיינדע אין קורלאַנד איז געווען האזנפאטער. נאָך אין יאָר 1751 האָבן אידן באַקומען ערלויבנים צו גרינדן אַ געמיינדע און בויען א שול.

אין יאָר 1783, האָט דער סיים באַשטעטיקט, אַז די קויפלייט אין פילטן דאַרפן צוגעשריבן ווערן צו קויפמאַנשאַפט פאַריינען אין האזנפאָט; און די ערלויבנים איז געגעבן געוואָרן ניט נאָר פאַר פילטענער אידן, נאָר אַלע אידן, וואָס געפינען זיך אין הערצאָגטום.

דורך דעם הויכן באַפעל פון 2 סענטיאַבר 1763 זיינען די אידן, וואָס וואוינען אין פילטענער קרייז, געצוואונגען געווען צו באַטייליקן זיך אין די

*) דער באוואוסטער רב ר׳ צבי הירש איז געווען א זון פון באוואוסטן גאון און צדיק ר׳ זאלמעלע זאגערער, א תלמיד פון ר׳ חיים וואלאזשינער, געווען רב אין זאגער און וועקשנע, געשטאָרבן תרי״ח (1858). (זע „נחלת אבות״). הרה״ג הירש איז געשטאָרבן 3 טעג אין שבט תרע״ט.

אָפּגאַבן, וואָס זיינען ארופגעלייגט געוואָרן אױף די האָזנפּאָטער אידן*)

האָזנפּאָטער געמיינדע־פּנקס איז געמאַכט געוואָרן אין תקמ״ב (1782), נאָר נאָך מיין מיינונג איז דער פּנקס שוין פריער געווען.

דער פּנקס איז געשריבן געוואָרן מיט אַן אָרדנונג, מיט אידישע בוכ־שטאַבן און די דייטשע שפּראַך, געמישט מיט העברייאישע ווערטער; פאַר יעדן מיטגליד אַ באַזונדערן בלאַט, וויפיל ער האָט באַצאָלט און וויפיל ער איז שולדיק. אין פּנקס זיינען פאַרצייכנט 140 מיטגלידער מיט פאַמיליעס, און 41 בחורים, וועלכע האָבן געלעבט אין האָזנפּאָט.

אין האָזנפּאָטער קרייז האָבן געלעבט 21 אידן.

דאָס רוב פון די איינוואוינער זיינען געווען האַנטווערקער. איניקער איינינגע מעל הענדלער, 7 מלמדים און איינינגע, וואָס האָבן געהאַט אומבאַשטענ־לעכע איינגנטימער. יעדן יאָר פלעגן פאָרקומען פון די מיטגלידער וואַלן אױף גבאים פון חברה קדישא, וועלכע זיינען גלייכצייטיק געווען גבאים פון שול; יעדן חודש האָבן זיי געמוזט געבן אָפּרעכענונג פון דער הכנסה און הוצאה; די הכנסה איז באַשטאַנען פון פאַרקויפן מצות עליות און אז. וו.

די גבאים האָבן געצאָלט שכירות דעם רב 6 גולדן אַ וואָך, און פּנקס ווערט געפונען, אַז נאָכדעם האָט מען געהעכערט דעם רב שכירות אױף נאָך 100 גילדן א יאָר. (אין צאָלן שכירות דעם רב האָבן גענומען אַן אָנטייל אויך די אידן וואָס לערנען אין קרייז). אַ פרייע וואוינונג, וועלכע האָט געקאָסט 52 גולדן א יאָר. אױף יום טוב פלעגט ער באַקומען אויסער זיינע שכירות נאָך אַכט גולדן, און נאָך אַנדערע הכנסה פאַר דרשות, רגל־געלט און אנדערע. די שכירות מיט אַלע איבעריקע הכנסות האָט באַטראָפן דורכן יאָר 525 גולדן.

דריי פאַרשידענע אָפּגאַבן האָבן געצאָלט די אידן פון האָזנפּאָט און קרייז: 1). אָפּצאָל פאַר די אדליגע גוט־באַזיצערס.**). די אָפּגאַבן האָבן גע־צאָלט ניט נאָר די האָזנפּאָטער געמיינדע, נאָר אויך די אידן, וואָס וואוינען אין פּילטענער קרייז.***) אָרימע זיינען פון די אָפּגאַבן געווען פריי;

---

*) ה׳ י. העססען ברייננט א דאָקומענט פון לאַנד־מיניסטער אז די אידן, וואָס לעבן אין פּילטענער קרייז טאָרן ניט קויפן קיין אתרוגים אױף סכות אין אַן אַנדער אָרט, אויסער האָזנפּאָט.

**) מיר האָבן שוין געשריבן, אז פריער איז דער אָפּצאָל געווען 600 ראשאל א יאָר און נאָכהער איז ער פאַרקלענערט געוואָרן אױף 400 א יאָר.

***) מיר האָבן שוין געשריבן אז דעם אָפּצאָל האָבן טאַקסירט די פירער פון האָזנפּאָטער איד. געמיינדע צוזאַמען מיט די פירער פון די מנינים פון קירשפּיל.

2). אָפּגאָבּן פאַרן שטעטשן בורג-מייסטער פאַר זיינע גוטע באַציאונג צו אידן; די אָפּגאָבּן זיינען געצאָלט געוואָרן לויט די עקאָנאָמישע פאַרהעלט-נישע פון יעדן מענטשן, אויך פון דעם אָפּגאָבּן זיינען אָרימע פרײ. און 3). אָפּגאַבּן אַף פלייש פון יעדער בּהמה*). די הכנסה איז געגאַנגען פאַר די גע-מיינדע און אַלע אָן אויסנאַם האָבּן געמוזט צאָלן דעם אָפּגאַבּ. אויסער דעם אָפּצאָל, איז דער שול שמש געגאַנגען אַלע מאָנטיקן און דאָנערשטיק פון הויז צו הויז מיט אַ פושקע, און יעדער פלעגט אַריינוואַרפן אין איר אַ קליינע נדבה. נאָך אַ הכנסה האָט געהאַט די אידישע געמיינדע פון פאַרקויפן מצות, עליות און אַנדערע פאַרשידענע מנהגים.

סך הכל האָבּן אַלע הכנסות פון האזנפּאָט אויסער דעם קרייז באַ-טראָפן 2157 גולדן אַ יאָר;

אָפּגאָבּן פאַר די אדליגע גוט-באַזיצערס—244 ראטל און $8^1/_4$ שילינג וואָס באַטרעפט 1026 גולדן מיט 15 גראָשן.

| | | | |
|---|---|---|---|
| קוואַרטאַל-געלט פאַרן בורג-מייסטער . . | 168 | גילדן מיט $31^1/_2$ | גראָשן. |
| נדבות פון שול . . . . | 365 | „ „ $19^1/_2$ | „ |
| קאַראַבקע . . . . . | 550 | „ | |
| פון צדקה-פושקע . . . . | 46 | „ | |
| | 2157 | גולדן. | |

אין יאָר ת״ר (1840) האָבּן עמיגרירט נאָך חערסאָנער גוב. פון האזנפּאָט אַליין 618 מענטשן.

## אירע רבּנים.

א). הרב הגאון ר' אהרן בּר' יוסף הלוי הורוויץ, נאָך מיין מיינונג איז ער געווען דער ערשטער רב אין האזנפּאָט. ער איז אָנגענומען געוואָרן נאָכן באַקומען די ערלויבּנים צו גרינדן אַ געמיינדע און אַ שול. ווי עס וויזט אויס, איז ער פריער געווען רב אַף האזנפּאָט און שקוד, און זיין וואוינאָרט איז געווען אין שקוד, ווייל אין שקידער קהל'שן פּנקס ווערט געפונען זיין אונטערשריפט פון תקכ״ב (1760) און ווייטער, אין וועלכן ער חתמ'ט זיך „אהרן הליי הורוויץ חופ״ק שקיד והאזענפּוט", און נאָכהער איז ער געוואָרן רב אין האזנפּאָט אַליין, ווייל אין שו״ת פון „נודע ביהודה" ווערט געפונען

*) די הכנסה פון די פלייש-אָפּגאָבּן האָט באַטראָפן 550 גילדן א יאָר.

פון אים א תשובה פון יאָר תק"ל 1770 און שרייבט זיך „רב אין האָנפּאָט". דערפון פאַרשטייט זיך, אַז פריער איז ער געווען אין שקוד, און אין האָנפּאָט איז קיין רב ניט געווען, און אַזוי ווי שקוד איז נאָענט פון האָנפּאָט, האָט מען בּאַ אים געפרעגט שאלות און דין תורות אויך פון האָנפּאָט, און נאָכהער האָט ער זיך בּאַזעצט אין האָנפּאָט*)

ר' אהרן איז געבּאָרן גטוואָרן אין ליטע, פיל צייט געווען אין קעניגסבּערג, פּראַג, געווען אַ גרויסער גאון און געלערנט אייך אין אַנדערע וויסענשאַפטן, ווי עס איז צו זען פון די תשובות צו אים אין שו"ת „נודע ביהודה", חלק אבה"ע, סימן ה' וואו ער שרייבט אַף אים: „להרב המאוה"ג אב"ד דק' האזין פוט"; דאָרטן סימן ס' פון יאָר תק"ל: „להרב הגדול המופלא ומופלג החכם השלם מו"ה אהרן אב"ד דק' האזין פוט"; דאָרטן סימן צ: „הנני נותן את בריתי שלו' לכבוד אהובי ואוהבי נאמני ידידי וחביבי הרב הגדול החכם השלם המופלג בתורה ובמעלות ומדות נ"י פ"ה ע"ה כבוד ק"ש מוהר"ר אהרן הלוי". פון די אַלע טיטלען וואָס צו יענער צייט איז דאָס געווען זעלטן, און פון פריינדשאַפט, וואָס דער „נודע ביהודה" האָט אים געוויזן, איז צו זען, אַז אויך אין יענער צייט איז ר' אהרן געווען פון די אויסגעצייכנטע גדולים.

פון האָנפּאָט איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ מורה הוראה און ראש בית דין, דיין אין בּערלין.

ווי עס איז צו זען, איז אויסער אים אין גאַנץ קורלאַנד דאַן קיין אנדער רב ניט געווען, ווייל אַף זיין הסכמה אַפן ספר „חיי הנפש ונצחיותיה" פון הרב החכם ר' יהודא איש הורוויץ חתמ'ט ער זיך: „אהרן בר' יוסף הלוי הורוויטץ חוב'ק האזינפוט ומדינת קוי-לאַנד."

אין יאָר תקל"ז איז ער שוין מער אין האָנפּאָט ניט געווען, ווייל אין זיין הסכמה אַפן ספר „חקי-חיים פון יאָר תקל"ז חתמט ער זיך: „דער ערשטער פון דעם בּית דין איז בּערלין".

---

*) נאָך אים איז געווען רב אין שקוד ר' צבי הירש ז"ק (זרע קודש) בהרב ר' יצחק ז"ק, רב אין פאַסוואַל, בהגאון ר' חיים ז"ק, רב אין בירז און קרייז, בהגאון ר' שלום, רב אין בירז און קרייז, בהקדוש ר' ישראל פון ראַזינאַיער קדושים, וועלכער איז געהרגט געוואָרן דעם צווייטן טאָג ראש השנה אַף קדוש השם אין יאָר ת"ק (1740). ר' הירש איז געשטאָרבּן תקמ"ח. ער איז דער פאָטער פון הרב ר' יצחק, וועלכער איז געווען רב אַף זיין אָרט אין שקוד בּיזן יאָר תקס"א, און הרב ר' מיכל פון האָנפּאָט דערמאָנט אים זיינע שאלות צו רבינו עקיבא איגר אין שו"ת רע"א, סימן קכ"א.

פון אים איז געדרוקט געוואָרן א ספר אף חדושים בסוגיות הרא״ש און אַ ביסל שו״ת אין פראַנקפורט אם אָדער תק״ל, אויך זיין הסכמה אפן ספר „מרפא לנפש״, געשטאָרבן אין בערלין תקל״ט (1779). ווייל אין דער הסכמה פון בערלינער בית דין אפן ביאור פון ר׳ משה מענדלסאָן אין יאָר תקל״ט שרייבן זיי: „אויך הרב המאוה״ג ר׳ אהרן אבד״ק האזינפוט האָט געוואָלט מסכים זיין אַפן דרוקן וכו׳, נאָר ער איז געשטאָרבן״. אויך איז פון אים געדרוקט געוואָרן א „הגדה של פסח״ מיטן נאָמען „מעלה בית חורין״ עם פירוש מטה אהרן על חד גדיא, ביאַליסטאָק, תקס״ו.

ב). הרב ר׳ יוסף כלב בר׳ משה. ווער ער איז און פון וואַנעט ער קומט,—איז מיר ניט באַוואוסט. נאָר מען מאַכט אים אין האזנפאט הזכרה צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע רבנים, וועלכע זיינען געווען אַמאָל אין האזנפאט.

ג). הרב ר׳ יוסף שלמה בר׳ מנחם; אָנגעקומען דאָרטן פאַר אַ רב ט׳ סיון תקל״ט (1779). אין האַזנפאטער פנקס איז זיין אָנקומען פאַרשריבן מיט פאָלגנדען לשון: לויט הפנקס פאליא ב׳ נאמר באריכות ההעתקה משטר רבנות מאדונינו המאיר הגדול אב״ד ור״מ כמוהר״ר יוסף שלמה נרו, אשר נתקבל בקהלתנו לרב ט׳ סיון תקל״ט: איז נור שכירות 5 זהובים כל שבוע, אבל הרב הזה אינו מספיק לו לפי כבודו, בהסכם כל האסיפה הוספנו עוד א׳ זהב בשבוע לאב״ד נרו מלבד הפרטים: דירה, ושליש רגלים, וכסף דרשות כמו בהעתקה״. דער אינהאַלט פון דעם אין קורצן איז, אַז לויט דעם קאָנטראַקט, וואָס איז איבערזעצט געוואָרן, באַקומט דער רב שכירות 5 גולדן א וואָך. נאָר אַזוי ווי דאָס קלעקט ניט פאַר אים נאָך זיין כבוד נאָך, איז מיט דער איינשטימונג פון דער גאַנצער פאַרזאַמלונג אים צוגעלייגט געוואָרן נאָך א גולדן אַ וואָך, אויסער אַ דירה, רגל געלט, דרשות, ווי אין קאָנטראַקט.

ווי עס איז צו זען און פנקס איז ער געווען אויך אין יענער צייט אַ גאון און זייער באַליבט געווען באַ דער געמיינדע, ווי עס איז צו זען פון פנקס, וואו עס איז געשריבן: „ניט קוקנדיק וואָס רבינו איז באַ אונז געקומען פאַר שבועות, דאַרף מאַכן מיר דעם חשבון פון אסרו חג של פסח״. ווייטער שטייט אין פנקס; אַז די איד. באַפעלקערונג אין האזנפאט האָט גרויסע פאַרדרוס, דען עס זיינען געקומען שלוחים פון ווילקאָמיר און דרויא און ווילן צונעמען זייער רב אין ווילקאמיר אָדער דרויאַ. און אין פנקס איז פאַרשריבן „היות כאשר באו שלוחים מווילקאמיר ודרויא, ורוצים ליקח מאתנו את אדוננו מורנו ורבנו הרב המאור הגדול הגאון וכו׳ ואין אנחנו יודעים מה לעשות וכו׳ פעלנו אצלו שיהיה אצלנו עד ימי הנוראים ואז כאשר יתקבצו הבע״ב מהסביבה אזי נעשה אסיפה מה לעשות״. דער אינהאַלט דערפון איז: ״אַזוי ווי עס זיינען

געקומען שלוחים פון ווילקאמיר און דרויא און ווילן צונעמען פון אונז אונזער רבי, און מיר ווייסן ניט וואס מיר זאלן טאן, האבן מיר אף אים געווירקט, ער זאל פארבלייבן ביז ימים נוראים, און דאן וועלן צוזאמענקומען די בעלי־בתים פון קרייז און מיר וועלן באשליסן, וואס מיר האבן צו טאן".

און אזוי איז טאקע געווען; דען צווישן ראש השנה און יום כפור א״ז אין פנקס פאלגענדעס פארשריבן: "שמחה וששון לנו, היות כאשר עשינו אסיפה יחד עם אנשי הסביבה ונגמר אצלנו להוסיף לאדמו״ר סך מאה זהובים לשנה ב׳ זהובים בכל שבוע ונשאר אצלנו הגאון וכו׳. דער אינהאלט: "א גרויסע פרייד איז בא אונז: אזוי ווי מיר האבן געמאכט אן אסיפה און עס איז באשלאסן געווארן אים צולייגן 100 גולדן א יאר—2 גולדן א וואך—פאר־בלייבט בא אונז ווייטער אונזער גאון.

פיל מאל ווערט נאך דערמאנט זיין נאמען אין פנקס; ער איז פיל יארן געווען רב אין האזנפאט און איז דארטן געשטארבן. אן איבערזעצונג פון דעם אופרוף, וואס ער האט געשיקט ענדע תקמ״ח אין פילטענער קירשפיל האב איך געבראכט אין מיין ארטיקל וועגן די געזעצן איבער פילטן, איך האב געהערט, אז ער איז געווען דעם ווילנער גאונס א תלמיד און האט געהאט א גרויסע ידיעה אין קבלה און נסתר; ער האט נאכגעלאזן א חיבור אף תרי״ג מצות מיט אן ערקלערונג אף יעדן דין און דין על פי נגלה פון די ראשונים ביז די אחרונים, וואס זיינען געווען אין זיינע צייטן; און יעדן דין על פי קבלה, אף דעם ספר זיינען געשריבן געווארן פיל באמערקונגען אין הוספות פון זיין טאכטערס־זון, הרב הגאון החכם ר׳ מנחם מן, רב אין ווידז. דער ספר איז געגנבט געווארן בא ר׳ שלמה׳ן בהרב ר׳ מענקע ווידזער, ווען ער איז געפארן דעם ספר דרוקן.

זיינע איידעמס זיינען הרב ר׳ ברוך דון יחייא, (הרב ר׳ ברוך דון יחייא איז געווען דער ערשטער אין דער פאמיליע, וועלכע האט זיך אנגע־הויבן חתמנען מיט דעם פאמיליענאמען "דון יחייא". זיינע אייניקלעך הרב ה״ג ר׳ יהודה ליב דון יחייא און הרב ה״ג ר׳ בן ציון דון יחייא שרייבן מיר, אז זיי האבן געהערט פון זייער פאטערס פאטער הרב הגאון ר׳ שבתי דון יחייא, רב אין דריסע, אז דעם פאמיליענאמען "דון יחייא" האט ער מקבל געווען פון זיינע עלטערן, און דאס זייער פאמיליע שטאמט מגולי ספרד. מען קען משער זיין, אז זיי קומען ארויס פון די ספרדישע מיוחסישע פאמיליע „אבן־יחייא". (זע וועגן דער פאמיליע אין ספר "דברי הימים לבני יחייא" פון הרב החכם ר׳ אליקום כרמולי׳ פראנקרייך. תר״י, און אין ספר "האשכל". אות א׳, אבן יחייא, ווארשא 1888). דער פאטער פון ר׳ מענקע (ר׳ מענקעס זון איז געווען

ר׳ חיים רפאל אין ווידז, דער פאטער פון הרב משה דון יחייא, מורה הוראה אין חאלמא, פסקאָווער גוב.

(דער ברודער פון ה״ג החכם ר׳ מנחם מן (מענקע ווידזער) איז געווען הרב ר׳ דוד, אַ גרויסער למדן מיט גוטע מעשים, פון די אָנגעזעענע אין דיסנאַ. זיין זון איז געווען הרב ר׳ חיים אין דיסנאַ, אייך אַ גדול בתורה. ער איז דער פאָטער פון די 5 זעלטענע קינדער: 1). הרב הגאון ר׳ שבתי דון יחייא, פון די גרויסע חסידישע רבנים, און איידעם פון הגאון ר׳ נפתלי ציוני פון לוצין (דערמאָנט אויבן). 60 יאָר געווען רב אין דריסע, געשטאָרבן דאָרטן פסח תרס״ז, 90 יאָר אַלט. 2). הרב ה״ג ר׳ צבי הירש דון יחייא׳ געווען יאָרן לאַנג רב אין אושאַץ, וויטעבסק. גוב. געשטאָרבן דאָרטן 75 יאָר אַלט לערך תרס״ה; 3). הרב ה״ג ר׳ שלמה יצחק, רב אין אוללאַ, וויטעבסק. גוב. געשטאָרבן דאָרטן אין תרס״ט, 70 יאָר אַלט. אַף זיין שטעל איז רב אין אוללא זיין זון הרב ה״ג ר׳ משה דון יחייא; 4). ר׳ יהושע זעליג, אַ מופלג בתורה און אַן עוסק בצרכי צבור אין לוצין. געשטאָרבן דאָרטן אין שבט תר״פ. 63 יאר אַלט. (זיין איידעם איז געווען הרב הגדול ר׳ ישראל זעליגמאַן, זע אויבן). 5). הרב ה״ג ר׳ דוד, געווען ראש ישיבה אין פּאָלאָצק, געשטאָרבן דאָרטן לערך תרנ״ח. 70 יאָר אַלט. הרב ר׳ שבתי דון יחייא׳ איז דער פאָטער פון הגאון ר׳ אליעזר דון יחייא. אַן איידעם פון הגאון ר׳ אהרן זעליג ציוני, פון תרל״ו—אַ רב אַף זיין שווערס אָרט אין לוצין. ער איז דער מחבר פון ספר „אבן שתיה״, שו״ת ווילנא, תרנ״ג, און אַ כתיבת יד נאָך אַ גרויסן ספר שו״ת און נאָך כתבים חדושי תורה און דרוש. זיין איינציקער זון איז הרב הגאון ר׳ בן ציון דון יחייא, (אַן איידעם פון הגאון הצדיק ר׳ יצחק ציוני פון רעזשיצע), אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין מאריענהויזן. תר״ס. און אין יאָר תרפ״ו אַף זיין פאָטערס שטעלע פאַר א רב אין לוצין.

ער האָט מיר אויך געשיקט די קורצע ביאָגראַפיע פון דער פאַמיליע. די איידעמס פון הרב ר׳ אליעזר זיינען: 1) ר׳ ישראל ציוני א מופלג בתורה וחכמה, סופר און פובליציסט, געווען באַשטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער אָרטאָדאָקסישער ניו־יאָרקער צייטונג „דער טעגלעכער מאָרגן זשורנאַל״ און אין וואָכנבלאַט „דער אַמעריקאַנער״; געשטאָרבן אין אַמעריקאַ. 2). הרב ה״ג ר׳ שמריהו ב״ץ (בהרב ה״ג חיים ב״ץ רב אין פופיאַן), רב אין וויזון, מלחמה־צייט אין יאָר תרע״ו—פאַר א רב אין ווישני—וואָלאָצק; אין תרע״ט צוריק־געקערט אין וויזון, און אין אלול תרע״ט געשטאָרבן דאָרטן 43 יאָר אַלט;

3). הרב ה״ג חיים מנחם מנדל נחמקין, רב אין ראזענאָווסק, די ברידער פון הרב הגאון ר׳ אליעזר דון יחייא זיינען: 1). הרב ה״ג ר׳ חיים

דון יחייא. רב אין וויזון, שקלאיו און אַף זיין פּאַטערס שטעל אין דריסאַ; געשטאָרבן 73 יאָר אַלט תרע"ג. (ער איז דער פאָטער פון הרב הגאון ר' יהודא ליב דון יחייא, אַן איידעם פון וועלט-גאון ר' שלמה הכהן פון ווילנא, געווען אַ רב אין וויעטקע און אַף זיין פּאַטערס אָרט רב אין דריסאַ; דער מחבר פון ספר „בכורי יהודא." שו"ת און דרושים), און הרב ה"ג ר' מנחם מנדל דון-יחייא, רב אין קאפּושט, געשטאָרבן אין טבת תר"פ, 80 יאָר אַלט. (זיינע זין זיינען די חכמים און סופרים ר' שמואל דון-יחייא, אין ריגא, און ר' אהרן זעליג דון-יחייא אין לאָנדאָן, זיין איידעם איז הרב ה"ג ר' חיים נתן יודין, רב אין האלאָוטשין, מאָהילעווער גוב.).

ר' יוסף שלמה'ס צווייטער איידעם איז געווען הרב ר' יחיאל מיכל בר' אריה.

ד). הרב ר' יחיאל מיכל בר' אריה. אין האָזנפּאַטער פּנקס איז פאַרשריבן, אַז נאָך זיין שווערס טויט איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ דיין נאר אַף איין יאָר, און זיין שכירות איז געווען 4 גולדן אַ וואָך, אין נאָכן יאָר מוז ער אַרוסגיין פון רב'ס דירה. נאָכן יאָר איז פארשריבן פּנקס: „אזוי ווי עס איז נאָך ניט אָנגענומען געוואָרן קיין רב אב"ד בלייבט נאָך אַף אַ צייט הרבני ר' מיכל הנ"ל".

אַף אַ צוואה פון 19 טעג אין אב תקנ"ח האָב איך געזען זיין אונטערשריפט און חתמט זיך ניט אַלס רב און ניט מורה הוראה. ווי עס שיינט איז נאָכהער דאָרטן אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב. ווייל אין תשובות רבינו עקיבא איגר, סימן קכ"א. איז פאַראַן פון אים אַ שאלה ותשובה און עס שטייט „שאלה מכבוד הרב ר' מיכל אב"ד ור"מ דק'ק האָזנפּאַט".

ער איז אויך געווען אַ חכם אין וועלט זאַכן; אין אלעקסאַנדער דעם ערשטנס צייטן איז ער געווען אין פּעטערבורג. ער איז יאָרן לאַנג געווען אין האָזנפּאַט; זייענדיק קראַנק איז ער געפאָרן זיך היילן אין ליבוי. וואו ער איז געשטאָרבן אין תקצ"ה. (נאָכגעלאָזן נאָך זיך אַ מאַנוסקריפּט, אַ הספד אַף הגאון רבינו חיים אין וואָלאָזשין.

ה). הרב ר' יצחק; צוליב מחלקות, וואָס זיינען געווען אין האָזנפּאַט, האָט ער פאַרלאָזן האָזנפּאַט און אָנגעקומען פאַר אַ רב אין איינע פון די פּוילישע שטעט.

ו). הרב ר' יהושע זעליג בר' מנחם מנדל הכהן פון פּילטן; אַ תלמיד פון הגאון רבינו חיים וואלאָזשינער און נאָכ'ער צוזאַמען געלערנט מיט זיין שוואָגער ר' יהושע זעליג אַשכנזי.

ווען אין יאָר תקס"ה איז געגרינדעט געווארן דער פּילטענער פּנקס,

צווישן די געחתמטע אויך פאראן ער און זיין פאטער. זיין פאטער איז געווען א נגיד און א גוט־באזיצער, און ר׳ יהושע זעליג האט אויך געפירט געשעפטן און האט געהאט א הויף אין גאלדינגער קרייז.

ווי עס איז צו זען פון זיין צואה האט אים גאלדינגען אויך געוואלט נעמען פאר א רב. לערך תקצ״ט (1839) איז ער אנגעקומען פאר א רב אין האזנפאט, וואו ער איז געווען ביזן יאר תרי״ב, און דאן איז ער מיט זיין פרוי אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל און איז דארטן געשטארבן חמשה עשר באב תרי״ג, און איז מקובר געווארן אפן הר הזתים. פון אים איז געדרוקט גע־א צואה צו זיינע זין און טעכטער; צווישן אנדערעס, וואס ער זאגט אן זיינע קינדער, איז אויך, זיי זאלן לערנען דקדוק.

פון זיינע זין איז המופלג ר׳ אורי הכהן, געשטארבן תרמ״ה,*) און המופלג ר׳ אברהם פון גאלדינגען**) זיין איידעם איז הרב ר׳ שמואל ליכטענ־שטיין, געשטארבן אין זיין יוגנט ח׳ תשרי תר״ח.

ז). ר. יצחק זאב בר׳ יהושע אראנאוויץ, פריער א רב אין לויקאווע. און לערך תרי״ב אנגענומען פאר א רב אין האזנפאט. געשטארבן לערך אין יאר תרל״ו***)

ח). הרב ר׳ אברהם בהגאון ר׳ יחיאל העלער. ****). געווען רב אין

---

*) זיינע 7 טעכטער האט ער פארהייראט פאר לומדים. זיינע זין זיינען די נכבדים ר׳ מנחם מגדל כהן ריגא; געשטארבן ראש חדש סיון יאר תרע״ט; און ר׳ פייטל כהן פון ריגא.

פון זיינע אייניקלעך איז אויך הר״ר אפרים יונה כהן אין ווידיק.

**) אין גאלדינגער פנקס פון ט״ו תמוז תרל״ז איז פארשריבן, דאס עס איז דערהאלטן געווארן פון הגביר המופלג ר׳ אברהם בהרב ר׳ יהושע זעליג בארע געלט און ווערטזאכן אף א סומע פון 1000 רובל אף עולמות און צדקה.

***) זיין איידעם איז המופלג ר׳ משה אליהו דאמיע אין ליבוי, געשטארבן כ״ט חשון תר״פ, בהרב ר׳ נתן, רב אין ווארנע, און איידעם פון הרב ר׳ אהרן שיאל בהרב ר׳ עזריאל, רב אין ווארנע.

****) ער איז געווען א זעלטענער גאון. (זע וועגן אים אין מיין ספר „נחלת אבות״ און אין „עיר ווילנא״ פון ר׳ הלל נח מגיד). זייענדיק לערך 21 יאר אלט אין יאר תקצ״ו. איז ער אנגעקומען פאר א רב אין האלישק און נאכהער אין וואל־קאווישק, סובאלק און פלונגיאן, וואו ער איז געשטארבן 11 טעג אין כסלו תרכ״ב׳ אלט 47 יאר. געדרוקט געווארן פון אים ספר „עמודי אור״, שו״ת, „קינה לדוד,״ „אור ישרים על הגדה של פסח״, „עוטה אור על שיה״ש״, איסער דעם איז ער געווען

האזנפאט ביז ת״מ״א און פון דאן מורה הוראה אין ליבוי. דער מחבר פון שו״ת ספר „יפה נוף״, 2 חלקים; „ש״ות ודרוש״, געדרוקט תרס״ז. געשטארבן אין יאר תרפ״ג

ט). הרב ר׳ צבי הירש נוראק פון יאר תרמ״ד—תרנ״ט. (זע אין די רבנים פון מיטוי).

י). הרב ר׳ יוסף בר׳ שאול ראבינאוויץ, אן איידעם פון גראבינער רב; געשטארבן אין זיין יוגנט, יח׳ כסלו תרס״ד.

יא). הרב ר׳ משה יאקאבסאן, א געבארענער אין טאלסן; אנגעקומען פאר א רב אין תרס״ה, אין יאר תרע״ב אוועקגעפארן אין ארץ ישראל.

יב). הרב ר׳ אליעזר זאב בר׳ אברהם צבי שיין, געבארן אין לאמזע געלערנט אין לאמזער ישיבה אין יאר תרע״ב געוויילט געווארן פאר א רב אין האזנפאט.

## אנגעזעענע מענטשן אין האזנפאט.

א). הרב ר׳ דניאל בר חיים קליף, ה׳ וואונדערבאר שרייבט, דאס ער איז געוועזן א רב אין האזנפאט, אבער דאס איז א טעות: ער איז דארטן קיינמאל ניט געוועזן קיין רב, ניט קיין מורה הוראה; אזוי איז דייטליך צו זען פון פנקס, וואו ער ווערט אייניגע מאל דערמאנט. אין יאר תקמ״א פרשה חוקת, האט ער געקויפט שלשי פאר 6 גראשן, און אזוי איז אין די יארן תקמ״ב, תקמ״ג, תקמ״ד, שבת תשובה האט ער געקויפט אחרן פאר 18 גראשן, א חלק אתרוג פאר 12 גראשן; פון דאס איז צו פארשטיין, אז ער איז קיין רב ניט געוועזן, דען א רב קויפט ניט קיין שלשי, ניט א חלק פון אתרוג.

אין האזנפאט איז ער, ווי עס שיינט, געקומען פון מיטוי, ווי עס איז צו זען פון מיטוישן חברה קדישא פנקס, וואו עס איז פארשריבן אין יאר תקל״א (1771), און פון זיין זיין ספר „ערונה קטנה״ געמאכט אין „האזנפאט במדנת קורלאנד בשנת בא יבא אליהו ומלך המשיח לפ״ק (תקל״ב)״.

אין האזנפאט איז ער געוועזן לערך 15 יאר, ווייל אין יאר תקנ״ז האט ער געדרוקט זיין ספר „ערוגה קטנה״ אין האמבורג, אין דער פאר־רעדע אין זיין ספר ברייננט ער זיין רבי׳ן און לערער ר׳ שמשון קארלסרוא.

---

אן אויסגעצייכנעטער דרשן און אויך גוט געקענט די דייטשע שפראך, אין וועלבע ער ווען ער האט געהאלטן א רעדע אין ליבאווישע שול פארן קיסר אלעקסאנדר II. איז נאך געוועזן טראנספאלנער, און פאר נאך גרויסע מענער, וועלבע האבן איבּ געדרוקט פאר זיין רעדע. („עיר ווילנא״).

ה׳ וואונדערבאַר שרייבט, דאָס ער איז געבאָרן געוואָרן אין תפ״ט (1729) אין אַמסטערדאַם, וואו ער איז געשטאָרבן אין תקנ״ד. 1794 נאָכגעלאָזן אַ זון, וועלכער איז געווען שטאָט־ראַט און ד״ר אין אראלער גוב. געשטאָרבן דאָרטן אין יאָר תר״ו (1846).

ד״ר פרידנטאַל, ראַבינער אין נירענבורג, פריער אין דאַנציג, האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט פאַרפאַסט אַ ווערק איבער ר׳ דניאל קליף.

ב) ד״ר אהרן טאָביאַס, געבאָרן אין פוילן, געווען אַ גרויסער ד״ר־כירורג, לאַנג געווען אין האַנפּאָט, געשטאָרבן דאָרטן אין יאָר 1782. נאָכגע־לאָזן אַ סך מאַנוסקריפּטן איבער פאַרשידענע אנגעלעגנהייטן אין מעדיצין און כירורגיע, (ה, וואונדערבאַר).

ג) ד״ר אברהם בערנהאַרד, געווען אין האַנפּאָט. (זע וועגן אים אין „די געלערנטע פון מיטוי״).

ד). ד״ר דוד אַבראַמסאָן, געבאָרן און דאַנציג 1740. געלערנט אין קעניגסבערג און אין יאָר 1775 געווען ד״ר אין האַנפּאָט, סוף יאָרן צוריק־געקערט אין זיין געבורט-שטאָט, וואו ער איז געשטאָרבן. געדרוקט געוואָרן פון אים אַ ווערק: „Beobachtung eines Arztes am Krankenbette siner Patienten, Kenigsberg 1785," (ה׳ וואנדערבאַר).

ה). ד״ר לאַבמאַן, געבאָרן אין פּרייסן, פריער געווען אין ליטע און פון דאָרטן געקומען אין בויסק, מיר שיינט, ער ווערט אויך דערמאָנט אין האַנפּאָטער פּנקס. זייענדיק אין בויסק איינגע יאָר, פאַררייזט איז רוסלאַנד. פון אים איז געדרוקט אַ בראָשורע—אַן ענטפער וועגן אידישע רעכט אין קור־לאַנד׳ און נאָך אַ בראשיורע אין מעדיצינישע אנגעלעגנהייטן.

ו). ר׳ פנחס אייכל בר׳ משה אברהם, אַן איידעם פון גביר ר׳ חיים פון האַנפּאָט און אַ ברודער פון שרייבער יצחק אהרן אייכעל. אין יאָר 1797 איז ער געווען ראטמאַן אין האַנפּאָטער געריכט. אין אַ צוואה פון 1798 וואָס איך האָב געזען, ווערט ער פיל מאָל דערמאָנט.

ז). יצחק אהרן אייכעל, געבאָרן 1756, געשטאָרבן 1804. ער איז געווען א תלמיד פון מענדעלסאָן, ער איז דער מחבר פון דער איבערזעצונג פון „תפלת ישראל" און „דברי קהלת" און אַנדערע, געווען בײַ זיין ברודער אין האַנפּאָט. (זיין ביאָגראַפיע אין דער „געשיכטע פון אידן" פּראָ־פעסאָר גרעטץ).

ח). ר׳ חיים בר׳ שמעון; געווען א למדן און אַ נגיד, געהאַט אין האַנפּאָט אַ גרויסע פאַמיליע זיין זון ר׳ שמריהו אַ בחור אַ גביר, האָט געלאָזן אַ צוואה צו פאַרטיילן זיינע קרובים און צדקה נאָך זיין

טויט זיין גאַנצן פאַרמעגן, וועלכער האָט באַטראָפן מערער פון 7 טויזנט ראַטל. אלבערטס (אַ גרויסער פאַרמעגן אין יענער צייט).

זיינע איידעמס זיינען געווען הראש והקצין ר' דוד בר' שלמה און דער ריכטער ר' פנחס אייכעל און זיין טאָכטערס טאָכטערס מאַן איז געווען ר' משה איטינגן. אַלע זיינען געווען פון די געערטע אין שטאָט דאַנציג אין יענער צייט.

דאָ ברענג איך אין קורצן די צואה פון דבחור שמריהו בר' חיים, געשריבן אין העברייאיש אין יאָר תקנ"ח (1798), ווען ער איז געלעגן קראַנק, מיט דער איינשטימונג פון זיין פאָטער חיים בהר"ש, די צואה אַנטהאַלט 22 פונקטן און אַ ביילאַגע פון 3 פונקטן. פון זיין פאַרמעגן, וואָס האָט באַטראָפן 7000 ראַטלס, גיט ער אַוועק זיין פאָטער 400 ראַטל אַלבערטס. וועלכע ער האָט אים געהאַט געגעבן צום האַנדלען, און די איבעריקע פאַרטיילט ער צווישן פריינט, ברידער, שוועסטער און אַז. וו. אויך אַ גרויסן טייל אַף צדקה: פאַר די האַזנפאָטער קהלה — 750 ראַטל אַלב.; פאַרן שטאָט-אוהר— 100 ראַטל אַלב.; פאַר קריסטלעכע אָרימע — 50 ראַטל אַלב.; אַף תלמוד-תורה — 10 ראַט. אַלב.; אַף קויפן נייע משניות — 5 ראַט. אַלב.; אַף פלונגיאַנער. סאַלאַנטער. ריטעווער און סיאָדער בת-מדרשים — צו 5 האַלבע ראַט. יעדן-יעדן; 10 מענטשן זאָלן לערנען אין טאָג פון זיין יאָרצייט. דאָס איבעריקע וואָס בלייבט פון די 7000 ראַט. אַלב. זאָל מען מאַכן אַ קרן קימת און אויב עס איז מעגליך, זאָל מען עס פאַרלייען דער לאַנדשאַפט, אין פאַל ניט, זאָל מען עס פאַרלייען דער שטאָט קעגן אַ וועקסל אַף $6_0/^0$ אַ יאָר, און דעם ריווח פון קרן קימת, זאָל מען צוטיילן אין טאָג פון זיין יאָרצייט לומדים-אָרימעלייט, וואָס זאָלן לערנען משניות און זאָגן נאָך אים קדיש; פון דעם ריוח זאָל מען אויך אין טאָג פון זיין יאָרצייט קויפן 4 פונט וואַקס אַף אַ יאָרצייט-ליכט, און פון די איבעריקע וואַקס זאָל מען מאַכן הבדלה-ליכט און קליינע ליכטלעך פאַר די שול.

פאַר אַפעקונעס אַף דעם צואה האָט ער באַשטימט 4 מענטשן זיין פאָטער און זיינע 3 שוואָגערס: ר' משה איטינג,*) ר' דוד בר' שלמה און ה' פנחס בר' אברהם אייכעל; נאָך זייערע יאָרן זאָל די האַזנפאָטער גע-

---

*) פראָפעסאָר-ראַבינער ר' דוד זימסאָן פון קאָפּענהאַגן האָט מיר געשריבן דאָס זיין פרויס פאָטערס פאָטער ר' יחזקל בר' יצחק עטינגער איז געקומען פון קורלאַנד. (ווי ער האָט געהערט, ווייל ער איז געשטאָרבן פריצייטיק, און זיינע זין און טעכטער זיינען דאַן נאָך געווען קליינע). געבאָרן געוואָרן תקנ"ו (1796)

מיינדע אויסקלייבן אַנדערע 4 אַפּעקונעס אונטערשריבן: יום ד׳, 19 טעג אין אָב תקנ״ח. אויך אַלע 4 אַפּעקונעס האָבן זיך אונטערגעשריבן, דאָס זיי זיינען מסכים צו זיין אַפּעקונעס.

די צוואה איז באַשטעטיקט פון ר׳ יחיאל מיכל במוה״רר אריה ליב (געווען רב אין האַזנפּאָט). נאָכהער ט״ז חדש אדר ראשון תקנ״ט האָט ער צוגעגעבן, אַז די גאַנצע ירושה, סיי באַרעס געלט, סיי סחורה, זילבער און גאָלד אָדער אַנדערע זאַכן זאָל נעמען זיין שוואָגער ר׳ משה עטינגער אונטער זיין באַוואָרונג. און דאָס זאָל ווערן פאַרזיגעלט מיטן זיגל פון יעדן אַפּעקון. און קיינער טאָר ניט טאָן קיין זאַך מיט דער ירושה אָנע דעם ווילן פון די אַנ־דערע דריי אַפּיקונעס. אויך זאָגט ער שטאַרק אָן, מען זאָל שטעלן שיינע מצבות אויפן קבר פון זיין פאַרשטאָרבענעם פעטער ר׳ ליב בהר״ש און אויפן קבר פון זיין שוועסטער שרה און אויך אויף זיין קבר; די הוצאות זאָל מען נעמען פון זיין ירושה׳ אויך זאָגט ער אָן, דאָס אין טאָג פון זיין קבורה זאָל מען האַזנפּאָטער אָרימע פאַרטיילן 72 גולדן. וויפיל עס באַטרעפט דאָס וואָרט „חסד״.

## 11. ווינדוי.

דער ערשטער איד אין ווינדוי איז געווען ר׳ יקותיאל קויפּמאַן ליפּ־שיץ, וועלכער האָט געלעבט מיט 150 יאָר צוריק.

חברה קדישה איז דאָ געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תקצ״א (1881).

ביקור־חולים אין יאָר תרי״ג (1853).

מעטריק־ביכער זיינען איינגעפירט געוואָרן פון יאָר תרי״ד (1854)׳ (אַ שרייבן ה׳ הײלפּערין צו ד״ר יפה ריגא)׳

### אירע רבנים.

א) הרב ר׳ אליהו בן הגאון ר׳ דוד יחזקאל (אין „די רבנים פון מיטוי).

ב) הרב ר׳ מרדכי אורי סאַמונאָוי במהו״ר אהרן, געבאָרן אין שוועקסנא, קאָוונער גוב. אין תקס״ט זיין מוטער חוה איז געווען אַ טאָכטער פון באַוואוסטן גביר ר׳ יוסף שוועקשנער. נאָך פון זיין יוגנט איז אין אים געווען איינגע־וואָרצלט אַ ליבע צו תורה און יראה און ער איז געווען אַ זעלטענער שקדן. נאָכדעם איז ער געוואָרן אַ איידעם פון ר׳ גרשון בערמאַן אין קרעטינגען. נאָך זיין חתונה איז ער אַוועקגעפאָרן לערנען אין איישישאָק און דאָרטן גע־

לערנט 6 יאָר מיט אַן אויסערגעוויינלעכער התמדה, לערך יאָר ת״ר (1840) איז ער אָנגעקומען פאַר א רב אין שאַבילן, וואו ער איז געווען 7 יאָר. און נאָכהער — פאַר א רב אין ווינדוי. און אין יאָר תרט״ז (1855) — פאַר אַ רב אין מיטוי, וואו ער איז געווען ביז תרי״ט (1859). זייענדיק אין מיטוי האָט ער זיך געסטאַרעט פאַרן בילדונגס־מיניסטער צו באַפרייען די אידישע קינדער פון צו גיין אין די שולן שבת און יום טוב. (זע אין אונזער אַרטיקל וועגן דעם מצב פון רעליגיע אין קורלאַנד). און דער בילד.־מיניסטער האָט אין זיין באַפעל פון 18־טן אַפּריל 1857 אונטער № 265 דערפילט זיין ביטע און באַפרייט די אידישע קינדער פון באַזוכן אום שבת און יום טוב די שולן, נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן אייניקע פון מיטוי געבעטן, מען זאָל ערלויבען זייערע קינדער באַזוכן די שולן אום שבת, און דאָס זיי זיינען אומצופרידן מיט דער ביטע פון הרב סאַמונאָוו. אַף דערויף איז אַרויסגעגאַנגען נאָך א באַפעל פון מיניסטער, אין וועלכן ער שרייבט, אַז לויט דעם פּראָטעסט און ביטע פון מיטוי איז ער מבטל זיין ערשטן באַפעל. ווען דער באַפעל איז אָנגעקומען, איז שוין הרב הגאון ר׳ מרדכי אורי סאַמונאָוו געווען רב אין ווינדוי, און אַז ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער יאָמערלעך געוויינט. זייענדיק רב אין מיטוי, האָט ער געזאָרגט צו פאַרשטאַרקן די רעליגיע און טראַדיציעס אין כלל און פרט. פיל מאָל האָט ער גערופן צו זיך איינצלנע מענשן און גערעט מיט זיי וועגן מאָראַל און געווירקט אַף זיי צו פאַרלאָזן זייערע שלעכטע מדות.*) איבער געוויסע טעמים האָט ער פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט מיטוי. און אין תרי״ט צוריקגעקערט אין ווינדוי. געשטאָרבן ט״ז סיון תרכ״ד (1864).

זיינע זין זיינען: א) דער גרויסער מופלג ר׳ גרשון סאַמונאָוו פון פילטן; ב) הגאון ר׳ אהרן, געווען רב אין גראַ׳עוואָ. אָנגעקומען אין ווילנאַ פאַר אַ שטאָט־מגיד און מורה־הוראה, נאָר נאָכהער האָט ער זיך אָפגעזאָגט פון דער שטעלע. און איז אָנגעקומען פאַר אַ רב אין חאַרקאָוו. ער איז דער מחבר פון ספר „אהלי אהרן״, אין וועלכן עס איז אויך געדרוקט א ביסל חדוש, תורה, וואָס עס האָט איבערגעלאָזן אין הלכה און אגדה זיין פאָטער; ג) און ר׳ משה סאַמונאָוו, די לעצטע צייט געלעבט אין אַנטווערפּן.

זיין איידעם איז המופלג גדול בתורה ר׳ דוד קלאַצאָוו אין טוקום

---

*) זיין זון הרב הגאון ר׳ אלי אהרן האָט מיר געשריבן. אַז די תלמדים פון הגאון ר׳ ישראל סאַלאַנטער דערציילן, אַז ער האָט מיט זיי געלערנט תורה און גוטע מדות, האָט ער זיי געשטעלט פאַר א מוסטער דעם צדיק הרב ר׳ מרדכי אורי.

און זיין אייניקל איז הרב הגאון ר׳ אפרים סאמונאוו רב אין ווינדוי.

ג) הרב ר׳ דוד רעגינסבורג, א שוועסטערס־זון און תלמיד פון גאון ר׳ אליהו ראגעלער.*) ער איז געווען א קירצע צייט אין ווינדוי און נאכ־הער רב אין סאד און פאפעלן; געשטארבן אין ליבוי ז׳ תמוז תרנ״ג, נאכגע־לאזן א סך מאנוסקריפטן אין תורה און הדושים אף רמב״ם׳ זיינע זין זיינען הרב ה״ג ר׳ מנחם דוד רעגינסבורג, רב אין זעמבראויא; און הרב ה״ג ר׳ אליהו שלום רעגינסבורג, רב אין בית הכנסת „מעגלי צדק" אין לאנדאן; זיין איידעם איז הרב ה״ג ר׳ חיים וואולפארט.

ד) הרב ר׳ דוב בער זאב וואלף בהרב ר׳ חיים ליבשיץ,**) זייענדיק נאך גאנץ יונג, האט מען אן זיין שארפן, טיפן גראדן שכל דערקענט, דאס ער וועט זיין א גרויסער מענטש, דער באוואוסטער גאון ר׳ משה יצחק האט אים צוגענומען פאר אן איידעם. און נאך גאנץ יונג איז ער אנגעקומען פאר א רב אין שאבילן; סוף תרכ״ד — פאר א רב אין ווינדוי, און אין תרכ״ו — פאר א רב אין סרעדניק אף זיין פאטערס שטעל. מחבר געווען און געדרוקט דעם ספר „באר חיים" אף תפילה; „שיר החיים אף פרק שירה"; „מעין חיים", 2 הלקים; „שו״ת און דרשות"; „רוח חיים" אף קהלת און אנדערע. געשטארבן אין תרס״א, 74 יאר אלט. ער האט זוכה געווען צו זען בא זיין לעבן קינדער און קינדס־קינדער, גאונים, גדולים בתורה, זיין זון איז דער באוואוסטער גאון ר׳ הלל אריה ליב ליבשיץ,***) זייענדיק נאך גאנץ יונג, איז ער אנגעקומען פאר א רב אין פאפעלאן, און אין 2 יאר ארום — פאר א רב אין די גרויסע שטאט פלונגיאן אף דער שטעטל פון זיין מוטערס פאטער, אין תר״ם איז ער אנגעקומען פאר א רב אין סובאלק, און אז דער גרויסער גאון ר. זלמן פראדקין, דער רב פון לובלין, האט פארלאזן די שטאט, איז ער אנגעקימען

*) זע אין תולדות אליהו" אין די ביאגראפיע פון ר׳ אליהו קאלישער (ראנאלער),

**) א זון פון הרב הצדיק ר׳ אליעזר, א תלמיד פון ווילנער גאון, 7 יאר געווען רב אין זעטל, און שפעטער 33 יאר רב אין סרעדניק; געשטארבן תרכ״ו זיינע איידעמס זיינען, הרב ה״ג ר׳ צבי הירש ראלבע, רב אין שאבילן, און הרב ה״ג ר׳ אברהם הכהן, רב אין ציקעשאק, דער פאטער פון הרב הגאון ר׳ אריה לייוונשאל, פון יאר תרנ״א רב אין פילאדעלפיא אמעריקא"

***) זיין פרוי איז פון גרויסן יחוס,—א טאכטער פון ר׳ יעקב ר׳ גאטילס פון ראססיין, דרייצן דורות גרויסע גאונים, און דער זעקסטער דור פון די גאונים בעל כנסת יחזקאל און מהר״ם פאדאווא.

פאַר א רב אין די גרויסע אידישע שטאָט לובלין. זייענדיק דאָרטן רב 16 יאָר, איז ער נפטר געוועןן אין די בעסטע יאָרן, ז׳ חשון תרס״ח. אויסער זיין גרויסקייט אין תורה האָט ער אויך געקענט איינגע אייראָפּייאישע שפּראַכן און בפרט די דייטשע שפּראַך, ווי עס איז צו זען פון זיינע אויסגעצייכנטע איבער-זעצונגען אין „ירכתי הלבנון" מיטן נאָמען: „האלי״ה מפלונניאן".

זיינע זין זיינען הגאון ר׳ יחזקאל ליבשיין (זע אין די רבנים פון בויסק); הרב הגאון ר׳ אליעזר, רב אין זדונסקאַ-וואליא; און הרב הגאון ר׳ יעקב. (זע אין די רבנים פון טאַלסן); דער צווייטער זון פון ר׳ דוב בער איז הרה״ג ר׳ יחיאל ליבשיץ אין ווילנא, און זיין איידעם איז געווען הרב ה״ג ר׳ ישראל מהרב ה״ג ר׳ יצחק יונה קאַפּלאַן, רב אין סרעדניק אַף זיין שווערס אָרט.

ה). הרב ר׳ בנימין בהרב ר׳ זלמן מארקווע, געבאָרן אין גאָלדינגן*) אין תרכ״ז (1867) אָנגעקומען פאַר אַ רב אין ווינדוי, וואו ער איז געווען 10 יאָר. זייענדיק קראַנק, איז ער געפאָרן קורירן זיך אין לייפּצינג, וואו ער איז געשטאָרבן ט׳ אב תרל״ז. זיין זון איז דער געלערטער ד״ר יוסף מארקווע.

ו) הרב ר, יהושע פאַלק בר׳ שמעון הלוי הורוויץ; געווען ראש ישיבה אין אשמענא, נאָכדעם מגיד און מורה הוראה אין אנטאָקאָל, פאָרשטאָט פון ווילנא. אין ת״רל אָנגעקומען פאַר אַ רב אין טראָק, און אָנפאַנג תרל״ח— פאַר אַ רב אין ווינדוי געשטאָרבן דאָרטן אין חדש סיון הרנ״ז, 61 יאר אַלט. ער האָט נאָכגעלאָזן א חיבור אַף תכונה (אַסטראָנאָמיע), פאַרטיק צום דרוקן.

ז) הרב ר, אפרים בה״רר גרשון סאמונאָוו געבאָרן אין פילטן, גע-לערנט אין וואָלאָזשינער ישיבה באַם וועלט-גאון ר׳ נפתלי צבי יהודא בערלין, און איז אַן איידעם פון זיין זון הגאון ר׳ חיים בערלין.

## 12. טאַלסן.

טאַלסן איז פון די נייע שטעט, וואו אידישע געמיינדעס האָבן זיך געגרינדעט. דער בית המדרש איז דאָרטן געבויט געוואָרן לערך תרי״ד (1854).

---

**) זיין פאָטער איז געווען פיל יאָרן שמש אין דיין אין גאָלדינגען. אין גאָלדינגער פנקס געפינט זיך פיל מאָל זיין אונטערשריפט אַף פסקים. געשטאָרבן תרל״ז. אין פנקס ווערט אויך געפונען דער חשבון וויפיל הרב ר׳ בנימין האָט ער-האלטן פון זיין פאָטערס ירושה.

## אירע רבנים.

א) הרב ר׳ יעקב בהרב ר׳ אפרים הלוי, אן איידעם פון הרב ר׳ ישראל, רב אין זיימעל, געבארן אין פאקראי, געווען פון די ערשטע אין טאלסן, פריער געווען דארטן א שוחט און נאכהער א מורה הוראה לערך 60 יאר. זיינע זין זיינען: הרב ר, יקותיאל אפריימסאן, דיין און ראבינער אין בויסק, און המופלג ר׳ מרדכי אפריימסאן, שוחט אין מיטוי, וועל־כער איז געשטארבן י״ט אלול תרמ״ב.

ב) הרב ר׳ משה יהושע בר׳ דוד לייבאוויטש, פריער רב אין יעלאק און נאכהער 30 יאר אין טאלסן, א גרויסער שקדן, זיין זון איז המופלג הר״ר אליהו לייבאוויטש אין טאלסן און נאכדעם איינגעפארן אין ארץ ישראל, וואו ער איז געשטארבן.

ג) הרב ר׳ מרדכי בהרב ר׳ אליעזר ליפמאן ליכטענשטיין, געלערנט באם וועלט־גאון ה׳ יוסף דוד בער בריסקער, אין יאר תרמ״ג איז ער אנגע־קומען פאר א רב אין קאנדרוי, און אין תרנ״ב—פאר א רב אין טאלסן, גע־שטארבן 49 יאר אלט ערב שבועות תרנ״ו.

ד) הרב ר׳ יעקב ליבשיץ בהגאון ר׳ הלל, סוף תרנ״ו אנגעקומען פאר א רב איז טאלסן, און אין תרס״ו—פאר א רב אין קאנין; א זעלטענער שקדן בתורה.

ה) הרב ר׳ יצחק אייזיק בר׳ יהודה־ליב הירשאוויץ, אן איידעם פון באוואוסטן גאון ר׳ לייזער גארדאן פון טעלז, געווייהלט געווארן פאר א רב אין טאלסן אין תרס״ז; ער איז דער מחבר פון ספר „מטיב הגיון״. יעצט איז ער רב אין ווערזשבלאווא.

ו) הרב ר׳ אברהם שמואל לייזנבערג. (אין די רבנים פון טאסמאקן).

# 13. טארזיק.

טארזיק געפינט זיך 20 ווארסט פון דווינסק. זייענדיק נאך א קינד האב איך געהערט, אז זי איז געווען א גרויסע שטאט און שפעטער איז זי חרוב געווארן, די לעגענדע דערציילט, די סיבה פון איר חורבן: ווען דער גאון בעל שאגת אריה איז געגאנגען אין גלות, איז ער געגאנגען דורך טארזיק, און ניט קענענדיק איס, האבן די טארזיקער אידן אים מבזה געוועזן, און אנ־דערע זאגן, אז מען האט אים איך געשלאגן, דעריבער איז זי חרוב געווארן, און געבליבן וויסט ביז היינטיקן טאג.

אין יאר תרנ״ט, זייענדיק ניט וויט פון טארזיק, בין איך דארטן צו־

געפאָרן און באַזוכט דעם בית־הקברות, אַף וועלכן איך האָב געפונען מצבות פון יאָר תקפ״א, וועלכע איך האָב געקענט דורכלייענען. דער בית־הקברות איז ניט קיין גרויסער. אויך האָב איך דאָרטן געפונען אַן אַלטע שול ניט קיין גרויסע, וועלכע איז מיט איניגע יאָר צוריק איבערגעבויט און פאַרריכט געוואָרן.

דער נייער פנקס איז דאָרטן געמאַכט געוואָרן אין תרי״ט (1859). די תקנות לויטן, אַז יעדער מיטגליד פון חברה קדישא, וועלכער לעבט צו לאַנד, איז מחויב צו קומען אין טאַרזיק ט״ו כסלו צו פאַסטן און זאָגן סליחות, ווי דער מנהג איז בײַ אלע אידן. אין פנקס זיינען פאַרשריבן די נעמען פון די מענטשן, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אין חברה קדישה פון יאָר תקפ״א און ווייטער, שריפטן, וואָס זאָלן עדות זאָגן, אַז טאַרזיק זאָל פריער זיין געווען אַ גרויסע שטאָט, האָב איך ניט געפונען.

אין יאָר תרנ״ט האָבן דאָרטן געלעבט נאָר 4־3 אידישע פאַמיליעס. אויך אין טאַרזיק גופא האָב איך געהערט די לעגענדע וועגן דעם גאון'ס קללה. דער שמש האָט מיר דערציילט, אַז זיין אַלטער פאָטער, וועלכער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, האָט אים דערציילט, אַז ער געדיינקט נאָך די פונדאַמענטן פון די גרויסע מויערן, וועלכע זיינען דאָרטן פריער געווען; אויב ער האָט אַזוי געהערט פון זיין פאָטער, קענען מיר גלויבן. נאָר נאָך מיין מיינונג איז די סיבה, וואָס אין טאַרזיק איז פאַראַן אַ שול און אַ בית־הקברות, זייער איינפאַך: ווי עס איז באַוואוסט, האָבן פריער פיל אידן געלעבט אַפן לאַנד: און אַזוי ווי פון גרענעצן קורלאַנד ביז גריווע, איז טאַרזיק העלפט־וועג, דאַריבער האָבן די אידן אויסגעקליבן טאַרזיק פאַר אַ אָרט וואו צו קומען ימים נוראים דאַוונען, און די נעענטערע אידן — אויך שבת און יום טוב, און צו דעם צוועק האָבן זיי אויסגעבויט אַ שול און געמאַכט אַ בית הקברות.

## 14. טוקום.

מען קען רעכענען, אַז אַ סך אידן האָבן געלעבט אין די הויפן און דערפער אַרום טוקום, און ווי נאָר מען האָט דערלויבט אידן צו לעבן אין די שטעט, האָבן אַלע אָדער דאָס גרעסטע טייל אידן זיך באַזעצט אין טוקום. אויך אין דער רעגיסטראַציע פון יאָר 1797 געפינען מיר אין טוקום קיין אידן ניט, און אין יאָר 1801 געפינען מיר שוין דאָרטן אַ חברה קדישא, אַ פנקס, אַ קהילה און אויך אַ מורה הוראה.

דער פנקס, וועלכן איך האָב נעזען, איז פון יאָר תקע״ג (1813). אַזוי איז געשריבן אַפן ערשטן בלאַט: „נעשה בשנת הס״ד א״ש״ר מימי קדם שעושין עם המתים.״

עס איז קיין צווייפל ניט, אז עס איז שוין פריער געווען א פנקס ווייל אין דעם פנקס זיינען פעראן אסך פסקים און התימות פון די יארן תקס"ד ווי אויך פון יאר תקס"א, און אף א התימה פון איין פסק ווערט געפונען: „ווייל עס איז געשריבן געווארן אין אלטן פנקס".*)

אין דעם פנקס ווערן געפונען לערך 100 מיטגלידער.

## אידע רבנים.

א) דער ערשטער רב, וואס איז נאר געווען מורה צדק, ניט קיין אב"ד, איז געווען הרב ר' יוסף במהור"ר זאב וואלף כהנא בלומענפעלד. אין פנקס ווערט געפונען זיין אונטערשריפט פון די יארן: תקס"א, תקס"ג, תקס"ר תקע"ה און אנדערע; ער חתמט זיך: יוסף בלא"א זאב וואלף כהנא זצ"ל מ"ץ פ"ק טוקקום ואגפי' וסופר דח"ק הנ"ל." אין יאר תקס"ה חתמ'ט ער זיך אויך „פאמיליע בלומענפעלד". נאך בא זיין לעבן איז דארטן אנגענומען געווארן א רב אב"ד מיט דער איינשטימונג פון הגאון ר' אבעלע פאסוועלער.

ב) הרב ר' מרדכי ליכטנשטיין בה"ר אליעזר ליפמאן ליכטנשטיין,**) פריער געווען רב אין באלטרעמאניץ, אין טוקומער חברה קדישה פנקס געפינט זיך זיין אונטערשריפט פון די יארן תק"פ, תקפ"א, פ"ו, פ"ז און ווייטער, און ער חתמט זיך: "מרדכי בלא"א אליעזר ליפמאן אב"ד ומ"ץ בק' טוקקום".

איך האב געזען א פסק געשריבן פון אים אף לשון הקודש איבער־זעצט אף דייטש פון 28 טעג אין תמוז תקפ"ה (1825).

ער איז געווען רב אין טוקום 33 יאר: 62 יאר אלט איז ער גע־שטארבן אין יאר תר"ה, נאכגעלאזן א חיבור כתב יד אף „ספר התרומות", וועלכער איז פארברענט געווארן אין דער שריפה, וואס איז געווען אין יאר תרכ"ח אין טוקום. ער איז געווען פון א מיוחסדיקע פאמיליע, זיי זיינען 13

---

*) דאס מערסטע טייל ווערט געמאכט א נייער פנקס לערך איין מאל אין 50 יאר. די מיטווישע פנקס'ן זיינען געמאכט געווארן אין ת"ץ, תקל"ט, תקצ"ה. דאריבער קען מען רעכענען, אז דער ערשטער פנקס פון חברה קדישה אין טוקום איז געגרינדעט געווארן אין לערך תקכ"ה (1765), באפאר עס האבן זיך נאך באר־זעצט אידן אין טוקום; און אפשר איז ער געגרינדעט געווארן דורך די אידן, וואס האבן געלעבט אין קרייז, ווייל נייבורג, וועגן וועלכע די העסען שרייבט, אז נאך אין 1719 האבן דארטן געלעבט אידן און געהאט א קהלה, איז גאענץ צו טוקום

**) פון דער מוטערס צד איז ער אן איניקל פון ר' נתן, א ברודער פון די רבנים צדיקים ר' אלימלך און ר' זוסע מהאניפאלי.

דורות פון גרויסע רבנים.*) זיין פאָטער ר' אליעזר ליפמאַן איז אַ זון פון גרויסן גאון און זיין צייט ר' קלמן ליכטנשטיין, רב אין ביאַליסטאָק.**) זיינע הסכמות ווערן געפונען אַפן ספר „זרע אברהם" פון זיין ברודער דעם גאון ר' אברהם יקותיאל ליכטנשטיין, רב אין פלונסק***) און אפן ספר „דברי קהלת" פון זיין ברודערס זון, זיינע תורה ווערט געפונען אין ספר „זרע אברהם" פון זיין ברודער; אויסער וואָס ער איז געווען אַ באַוואוסטער גאון, איז ער געווען אויך געבילדעט אין אַנדערע חכמות.****) נאָך ר' מרדכי'ס טויט איז אָנגע־

*) זיין ברודער איז געווען הרב הגאון ר' אברהם ליכטנשטיין, געווען רב און מגיד אין לידא, זאבלודאווא, וואָלקאווישק, אניקסט, ווילקאָמיר, קרייצבורג, פראסניץ, מחבר געווען און געדרוקט דעם ספר „כנפי נשרים", דעם ערשטן מאָל געדרוקט פון מחבר אין תקפ"ט, דעם אַנדערן מאָל דורך נפתלי הערצאָג פון ניסוויעזש, און צוזאַ־ מען מיט חמשי תורה געדרוקט אין תקצ"א, צ"ד און צ"ה; „הין צדק ותיקון המידות", אַף די 8 פרקים פון רמב"ם געדרוקט אין ווילנא תקנ"ט, „אגרת הצפה", ביאַליס־ טאָק, 1806; „עמודי שמים"; „גאולת עולם"; מעשי אלפס" און נאָך אַנדערע.

**) זיין זון איז הרב ר' שלמה פון נאָווי־דוואָר, דער פאָטער פון ר' אליעזר ליפמאַן ליכטנשטיין, דער מחבר פון „שם עולם" אַף ספר ויקרא; א תלמיד פון הגאון ר' ליב צונץ פון פלאָצק.

***) דער ספר „זרע אברהם" איז אַפן ספרי. ער האָט געהאַט 3 זין רבנים גדולים; דער פאָטער ברייננט אין זיין ספר פון זיי חדשי תורה; א) הרב ר' שלמה, געדרוקט פון אים א ספר „חכמת שלמה", חידושים אין הלכה און פוסקים; „דברי קהלת", און זיין פאָטער דערמאָנט נאָך א ספר „כליל תפארת", געשטאָרבן באַם לעבן פון פאָטער ר"ח שבט תקמ"ג, 20 יאָר אַלט. ב) הרב ר' שמואל, אויך געשטאָרבן באַם פאָטערס לעבן. ג) הרב הגאון ר' משה, געווען רב אין דראָבנין, ראַצנאָוואַ, שרענצק און גאָמבין; פאַרפאַסט „שו"ת מהר"ם ליכטנשטיין", און נאָך א. ספרים. זיין הסכמה ווערט געפונען אַפן ספר „ברכת אברהם" פון זיין שוואָגער מגיד ומורה הוראה אין סוכאַטשאָוו. הרב ר' משה איז געשטאָרבן תקפ"ב.

****) זיין אייניקל הרב הגאון ר' הירש ליכטנשטיין האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט געהערט פון זיין פאָטערס ברודער, דאָס ווען עס איז געשטאָרבן דער פירשט פון פוילן אין ביאַליסטאָק, זיינען געקומען פירשטן קאַרדינאַלן און בישאָפן אים צו באַגלייטן, האָט מען מכבד געווען דעם גאון ר' קלמן מספיד צו זיין דעם קיסר, און ר' קלמן האָט זיין רעדע געהאַלטן אין לאַטייניש־ער שפּראַך, און אַלע זיינען פאַרוואונדערט געווען פון זיין רעדע. און זיינע ווערטער זיינען פאַרשריבן אין א בוך צום אָנדיינקונג.

קומען פאַר אַ רב זיין זון.*)

הרב אליעזר ליפמאַן ליכטנשטיין, זייענדיק אַלט 21 יאָר אָנגענימען געוואָרן פאַר אַ רב; אויסער וואָס ער איז געווען א גדול בתורה וביראה, איז ער געווען אַ וועלטענער בעל מדות טובות; זיינע קינדער האָט ער ערצויגן אין תורה און אמונה; אויך אין דער אידישער געמיינדע אין טוקום האָט ער איינגעפלאַנצט תורה און יראת ד׳. מען קען זאָגן אַז די השפעה און פעולה, וואָס הרב הצדיק ר׳ עזריאל ד״ר הילדעסהיימער האָט געהאַט אויף די דייטשע אידן אין דייטשלאַנד, האָט געהאַט הרב ליכטנשטיין אויף קורלענדער אידן, זייענדיק רב אין טוקום 48 יאָר, איז ער נפטר געוואָרן ז״ אייר תרנ״ו 69 יאָר אלט.

זיינע זין זיינען: הרב הגאון ר׳ מרדכי געשטאָרבן ערב שבועות תרנ״ו (זע די רבנים פון טאַלסן.); ר׳ דוד, אַ סוחר אין טוקום, געשטאָרבן אין קרעמענטשוק חודש שבט תר״פ; הרב הג׳ ר׳ שמואל העשל, דיין און מורה הוראה אין טוקום, געשטאָרבן דעם ערשטן ר״ח טאָג אייר תרנ״ט; הרב הג׳ ר׳ יעקב (זע אין די רבנים פון קאַנדוי) און הגאון ר׳ צבי הירש. זיינע טעכטער זיינען: הצנועות והחכמות הרבנית צירא דבורה, געשטאָרבן שבועות יאָר תרס״ה די פרוי פון הגאון ר׳ צבי הירש נוראָק און מרת פרומע די פרוי פון המופלג ושלם ר׳ זלמן זלמנבין אַ אייניקל פון הרב ר׳ מיכל פון ווילנער גאון׳ם פאַמיליע.**) דער שוועסטער זון פון הרב ראל ליכטנשטיין איז הרב הגאון ר׳ יו״ט ליפמאַן בר׳ בן ציון וויינבערג, געבאָרן לערך יאָר תרי״ג. געלערנט בײַ זיין מוטערס ברודער הרהג׳ ליכטנשטיין און בײַ דעם וועלט גאון ר׳ יהושע ליב דיסקין. געווען אַ רב און מורה הוראה אויף מיטויער פאָרשטאָט אין ריגא. געשטאָרבן כ״ג אדר ראשון תרע״ג.

ד) הרב ר׳ צבי הירש בהרב הגאון ר׳ אליעזר ליפמאַן ליכטנשטיין אַ איידעם פון גרויסן גאון ר׳ אליעזר שמחה ראַבינאָוויץ.***) געווען רב אין

---

*) ער האָט אויך געהאַט אַ זון, וועלכער איז געשטאָרבן אין זיין יוגנט, ה׳ תשרי תר״ח—הרב ר׳ שמואל.

**) זיין ברודער איז געווען הרב הגאון ר׳ שלמה זלמן רב אין נײַשטאָט סוגינד און אין נײַזאַגער, דער מחבר פון ספר „בית אבות“ אויף פרקים (דער פאָטער פון הרב הג׳ ר׳ אברהם רב אין שילעל, געשטאָרבן אין שיקאַגאָ, אַמעריקאַ צווייטען טאָג ראש השנה, תרנ״ד) בהרב הגאון ר׳ אליהו רב אין נײַשטאָט סוגינד בהרב ר׳ אברהם אַ ברודער פון ווילנער גאון.

***) געבאָרן אין קאָוונאָ תק״ן, בײַ זיין פאָטער הרב הגאון ר׳ מענדל רב אין קאָוונאָ. אַז ר׳ משה מאָנטיפיאָרע איז געווען אין קאָוונאָ און באַזוכט די

טוקום פון יאָר תרנ״ו, מחבר געווען ספר „הגיון לבי״ געשטאָרבן אין קרעמענ־טשוג כ״ו תשרי תר״פ.

ה) הרב ר׳ איסר שולמאן ביז יאָר תרע״ה 1915 געווען שוחט און רב אין שלאָק. אין 1918 אָנגענומען געוואָרן פאַר א ציטווייליקן רב אין טו־קום. נאָכן טויט פון הרב ר׳ צבי הירש ליכטנשטיין פארבליבן דאָרטן אַלס רב געשטאָרבן אין טוקום אדר תרפ״ו.

ו) הרב ר׳ לוי בהרב הגאון ר׳ צבי הירש ליכטנשטיין נאָך פאַר דעם לעבן פון פאָריגן רב באשטעטיגט געוואָרן פאַר א רב אין טוקום.

# 15. יאקאבשטאט.

## רבנים.

א) הרב ר׳ מרדכי בר׳ יוסף רפאל שושן עמק (ראָזנטאל אָדער טאלראָז). ער איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון 6 יאָרהונדערט צו אונזער צאָל. עס ווערט פון אים געפונען אַ תשובה אין ספר „גדולת מרדכי״.

ב) הרב ר׳ שמעון בהרב ר׳ זרח זרחי, אנגעקומען פאַר א רב אין יאקאָבשטאט לערך תקצ״ב. אין יאָר תר״א איז ער אָנגעקומען אין טאָווריק, וואו ער איז געווען ביז תר״ה, און איז צוריקגעקומען אין יאָקאָבשטאט. וואו ער איז געווען ביז תרט״ז, אוועקגעפאָרן אין ארץ ישראל, וואו ער איז גע־שטאָרבן ט׳ אלול תר״ךּ, זיין קבר איז באַם הר הזיתים.

אין יאָר תרנ״ז, האָט זיין טאָכטער מרת מרים, די פרוי פון גביר ר׳ אייזיק ראבינאָוויץ פון טעלז, ארויסגעגעבן אין דרוק איר פאָטערס ספר „נחלת שמעון״ שו״ת, וואָס ער האָט קאָרעספאָנדירט מיט די גאונים פון זיין צייט.

אין דער הקדמה פון זיין ספר ווערט געבראַכט, אַז אין איינעם פון זיינע בריוו צום וועלט־גאון ר׳ הירשעלע סאַלאנטער שרייבט ער, אז אין זיין יוגנט האָט ער מקים געווען די 48 זאכן, וואָס די תורה ווערט מיט זיי

---

קאָוונער ישיבה, וואו עס האָט געלערנט ר׳ אליעזר שמחה וועלכער האָט זיך אויס־געצייכנט מיט זיין עלווישקייט. האָט מען אים פאָרגעשטעלט פאַר ר׳ משה מאנטי־פיורן, נאָכהער האָט ער געלערנט אין איישישאָק, געווען רב אין ראגאווא, שאראָוויע, סובאלק, לאמזשע, קאלוואריע. געשטאָרבן אין לאמזשע אין תרע״א. נאָכגעלאָזן א חיבור אַף ירושלמי, פון זיינע זין איז הרב ר׳ פישל ראבינאָוויץ אין קרייצבורג, און הרב הג״ר ר׳ יעקב ראבינאָוויץ, א רב אין לאָנדאָן.

נקנה. אויסער זיין גרויסקייט אין דער תורה, איז ער געווען אַ װעלטענער חכם און לאָגיקער: זיין איידעם איז געווען הרב ר׳ שמואל מרדכי ראסקעס,*) מורה הוראה און מגיד אין שניפעשאָק. פאַרשטאָרבן פון ווילנא פון יאָר תר״ט ביז זיין טויט, א׳ אדר תרי״ט, 49 יאָר אַלט.

ר׳ שמואל מרדכי׳ס זין זיינען: הרב הגאון ר׳ אריה ליב ראסקעס, אסך יאָרן מורה הוראה און רב אף זיין פאָטערס שטעל אין שניפעשאָק, נאָכהער אייעקגעפאָרן אין ארץ ישראל;*) און דער באַוואוסטער געלערנטער הר״ר שאול פנחס ראַבינאָוויץ (שפ״ר) אין װאַרשע.

ג) הרב ר׳ מרדכי בר׳ יקותיאל זלמן הלוי, (זע די רבנים פון שיינבערג).

ד) הרב ר׳ שמואל גרשוני, 10 יאָר רב אין יאַקאָבשטאָט, נאָכהער ראַבינער אין דינאַבורג, געשטאָרבן י״ט תמוז תרמ״ח. זיינע הסכמות זיינען פאַראַן אַף פיל ספרים.

ה) הרב ר׳ יחזקאל סירקין, אַ קורצע צייט געווען רב אין יאַקאָבשטאָט, נאָכהער רב אין קאַפּוסט. מחבר געווען אַ ספר „בנין יחזקאל״ אַף ש״ס און ספר „יגדיל תורה״. געשטאָרבן כ״ט אלול תרמ״ט.

ו) הרב ר׳ מאיר מארים בר׳ משה שאַליט, זייענדיק 15 יאָר אַלט, אָנגעקומען פאַר אַ רב אין מייצאַד באַ סלאָנים, און נאָכהער אין ווישנאָוועץ און לערך תר״ט פאַר אַ רב אין שווענציאַן, יאַקאָבשטאָט, קאָברין. געשטאָרבן אין קאָברין לערך תרל״ד. אויסער וואָס ער איז געווען אַ גאון, איז ער אויך געווען אַ װעלטענער חכם. עס איז פון אים געדרוקט געוואָרן אַ ספר „ניר״ אַף תלמוד ירושלמי. (זע וועגן אים אין מיין ספר „נחלת אבות״, אות א׳ סימן ז׳.).***)

---

*) זיין זון הרב ר׳ ליב האָט מיר געשריבן, אַז זיין פאָטער ר׳ צבי הירש איז אַן איידעם פון הרב ר׳ שבתי חפין בהרב ר׳ אליהו חפין בהגאון ר׳ משה קרעמער, רב אב״ד אין ווילנא און אַן איידעם פון הגאון „בעל באר הגולה״.

**) אין זיין ווידנס ספר איז פון אים פאַראַן חדושי תורה, זיין איידעם איז הרב הגאון ר׳ מאיר, רב אין שניפעשאָק, ווילנא, ר׳ שמעונס זון איז הרב ר׳ יוסף ליב זרח. דער שווער פון הרב ר׳זלמן בער געווען מורה הוראה און שוחט אין ווישאָן באַ יאַקאָבשטאָט און דוינע נאָכהער אין אַנדערע ערטער, צום סוף אין ווילנא אין יאָר תרמ״א האָט ער געדרוקט זיין חבור „מצב הישר״ אַף זוהר בראשית.

***) זיין שוועסטערס זון איז הרב הגאון ר׳ אברהם אהרן יודעלאָוויטש געווען רב אין סעלוב, קוזניצא, קאָנסטאַנטינאָוו, שיראָוו, קאַפּוליא, מאַנשעסטער און אין בעיאָן, אַמעריקא. געדרוקט פון אים אַ ספר שו״ת „בית אב״ אַף אַלע שולחן ערוכים, און

ז) הרב ר׳ נחמן אידל מרגליות. (זיין ביאָגראַפיע — אין די רבנים פון מיטוי.)

ח) הרב ר׳ אפרים סאמונאָוו. (זע די רבנים פון ווינדוי).

ט) הרב ר׳ ישראל אולער, געווען רב אין דאלהינאָוו, האַרוזיִשאָק און א קורצע צייט אין יאַקאָבשטאַט, נאָכדעם אין לאדי.

י) הרב ר׳ יעקב בה״ר אברהם הכהן פלעקסער, ביזן יאָר תרס״ה א רב אין יאַקאָבשטאַט, נאָכדעם רב אין פרידריכשטאַט, אין קריגס-צייט א רב אין יאַראָסלאַוו, אין יאָר תרפ״ג (1923) אייעקגעפאָרן אין אַמעריקאַ.

יא) הרב ר׳ יהודא ליב שאול גינזבורג בהרב ר׳ רפאל יוסף, רב אין יאַקאָבשטאַט פון תר״ס, זיין פאָטער איז א רב אין סארקוסצינא.

הרב ר׳ יוסף בר׳ ישראל אשכנזי. געבאָרן אין שווענציאַנער קרייז. געווען ראש ישיבה אין יאַקאָבשטאַט אין דער צייט פון הגאון ר׳ שמעון זרחי. און נאָכהער מער פון 30 יאָר רב אין נאָוואָ-אַלעקסאַנדראָוויסק. אַ תלמיד פון הגאון רבינו חיים וואָלאָזשינער, מחבר געווען „אהל יוסף", „כנפי יונה" און אַנדערע ספרים*) (זע זיין ביאָגראַפיע אין „נחלת אבות", אות י׳, סימן מ״ב). געשטאָרבן י״ג אלול תרכ״ז.

זיינע זין זיינען: הרב הג׳ ר׳ משה אַשכנזי, ראש ישיבה אין יאַקאָבשטאַט: געשטאָרבן כז׳ טבת תרכ״ז; הרב ר׳ בן ציון, מער פון 25 יאָר געווען מורה-הראה אין אַלט-שטאָט דווינסק, געשטאָרבן אין יאָר תרס״ו: און המופלג ר׳ לוי יצחק אַשכנזי אין ווירז.

---

„תפוחי זהב" אַף הרי״ש אין האָט נאָך פיל ספרים אַף פאַרשידענע מקצעות מחבר געווען, זיין איידעם איז הרב הגאון ר׳ שלמה בהרה״ג ר׳ יעקב מאנר . שלאָסבערג רב אין מאַנשעסטער ענגלאַנד.

*) אונטער זיינע ספרים איז אייך פאַראַן א מאַנוסקריפט „נחלת יוסף", שו״ת, וואָס ער קאָרעספּאָנדירט זיך מיט די גאונים פון יענער צייט. אונטער זיי אייך מ.ש די גאונים ר׳ מנחם מנדל, ליובאַוויטשער רבי, ר׳ ליב זלקינד בטלן, ר׳ איצעלע שירוויִנטער.

דער ספר ווערט פיל מעל געבראַכט אין „תשובת מנחם" פון הרב ה״ג ר׳ מנחם מנדל פנחס פערעיאַזניק, (געבאָרן אין האַרוזיִשאָק, געלערנט אין טעלז, געווען רב אין איגנאַלינא און ראסיצא, געשטאָרבן פריציישיק לערך תרע״ט). איך האָב אייך געזען די מאַנוסקריפטן פון הגאון ר׳ יוסף אשכנזי, זיי זיינען שוין געווען מסודר צום דרוקן.

הרב ר׳ יוסף בהר״ר מרדכי, שאבעל געווען א שוחט אין יאקאבשטאט לערך 60 יאר. פיל מאל האט ער פארטראטן די שטעל פון א רב אין יאקאבשטאט; געווען א גדול בתורה, נאכגעלאזן א גרויסן ספר כתיבת־יד. געשטארבן אין יאר תרנ״ח, 87 יאר אלט.

# 16. ליבוי*)

## 1). חברה קדישא.

חברה קדישא, איז געגרינדעט געווארן לערך תקס״ג (1803) דורך ידידיה בן ישכר הכהן**)

אין יענע יארן, האט מען אידן ניט ערלויבט צו נאכטן אין ליבוי און די געטריידע הענדלער, וועלכע פלעגן קומען מיט זייערע סחורה אין ליבוי זיינען געווען געצוואונגען פון אוונט צו פארלאזן ליבוי. און אזוי ווי קיין אידישע גאסט־הויז צו עסן כשר איז אויך ניט געווען, האבן אידן בכלל אופגעהערט קומען אין ליבוי און ברייננגען סחורה. כדי צוצוציען דעם אידישן האנדל אין ליבוי, האבן די ליבוישע קויפלייט אין יענער צייט געסטארעט זיך די רעגירונג זאל ערלויבן פרעמדע אידן אופהאלטן אונטערן שטאט ניט איבערגייענדיק דעם בריק, און צו ערלויבן עפענען א אידישע גאסט־הויז.

א צאל אידן זיינען דאן געקומען פון אויסערן שטאט, און דאס זיינען די אידן, וועלכע האבן אין ליבוי געגרינדעט א קליינע געמיינדע און א חברה קדישא, וועלכע עקסעסטירט נאך ביז היינטיקן טאג. ביזן יאר 1817 האט זיך די חברה געפירט אנע ערלויבנים און באשטעטיקונג, לויט די תקנות וועלכע זיינען פארשריבן אין אלטן פנקס, וועלכער איז פארלארן געגאנגען,

*) גענומען פון א שרייבן צו ד״ר יצחק יפה אין ריגא, פון חכם וסופר ר׳ מרדכי מאנישעוויטש, וועלכער האט אין יאר 1885 געגרינדעט א באשטעטיקטע פריוואט שול אין ליבוי, אין דער ערשטער, וואס געמאכט דאס לערנען „פון לשון קודש דעם עיקר פון א בית ספר, ער איז אויך דער גרינדער פון דער חברה חובבי ציון אין תרמ״ה, ער האט געשריבן פיל ארטיקלען אין פארשידענע צייטונגען, און מחבר געווען לערע ביכער אין עברית, פון זיי „מראה עינים״ און הדקדוק המעשה״ אין יאר 1919 אויעקגעפארן אין אמעריקא, און דארטן געשטארבן.

**) אין ד״ רעוויזיע פון 1799 איז אין ליבוי, געווען גאר 19 אידן, אין 1885—1234, און 1850—1033, (די פארקלענערונג ערקלערט זיך מיט דער עפידעמיע אין יאר 1848) און 1897—9454 אידן, און אין 1908—7402.

אין יאָר 1867 איז די חברה באַשטעטיקט געוואָרן פון דער רעגירונג מיטן נאָמען: „Еврейское погребальное общество“.

א שפּעטערדיקער פּנקס געפינט זיך ביים גבאי פון דער חברה: איסער דעם פּנקס איז פאַראַן נאָך א פּנקס פון די שמשים פון דער חברה פון יאָר 1816, אין פּנקס איז אַפילו קיין נייס ניטא, נאָר דאָס קען מען פון אים זען דעם אידישן גייסט פון דאַן ביז יעצט: אין דער צייט ווען אַפן ערשטן בלאַט זיינען למשל פאַרן פאַרשידענע רשימות געשריבן אין לשון הקודש אָנע אָדער מיט גאַנין ווייניק פעלערן, איז אַף די שפּעטערדיקע בלעטלעך געשריבן שוין אידיש, און נאָך שפּעטער דייטש מיט אידישע בוכשטאַבן, און וואָס שפּעטער געפינען מיר אַלין מער פעלערן אין די נעמען פון מאַנסבילן אין פרויען.

## חברה „בקור חולים“.

געגרינדעט אין תקצ״ג (1833). די ערשטע גבאית איז געווען פרוי יאַקאָבי, אין איר מאַן לייב יאַקאָבי האָט מיט דער חברה פאַרוואַלטעט. דער ציל פון דער חברה איז צו געבן אָרימע מעדיצין און א דאָקטאָר אָן געלט אָדער פאַר אַ ביליקן פּרייז.

## חברה „תלמוד תורה“.

געגרינדעט יאָר תקצ״ג (1837) דורך אַ רייכן בחור שמעיה. פון אָנפאַנג האָט די חברה געאַרבעט זייער קליין: איינִיגע קינדער האָבן געלערנט אין אַ קליינעם פינסטערן קאָמער בּאַ אַמלמד, נאָר לערך תרי״ג (1853), איז דורך ר׳ הירש שומאַכער און הער יאפע אויסגעבעסערט געווערן די לאַגע: מען האָט געדוננען אַ גרויסן צימער פאַר דער „תלמוד תורה“, ווייל דער צאָל תלמידים איז גרעסער געוואָרן, אין 1898 איז געשטאָרבן דער גביר ר׳ יונתן יאַקאָבסאָן, וועלכער האָט איבערגעלאָזן אין מיטן שטאָט אַ גרויסע הויז פאַר דער תלמוד תורה; פון דאַן איז די תלמוד תורה דערהויבן געוואָרן: אין די הייז, האָבן די נדיבים פון ליבוי אויסגעבויט אַ גרויסע בית־ספר, געגומען גע־בילדעטע לערער, און דער צאָל תלמידים איז געוואָרן מיט יעדער יאָר גרע־סער, ה״ר ה״ח ר׳ מיכל עטינגער*) האָט פיל געטאָן פאַר דער תלמוד תורה

---

*) געבאָרן אין פינסק, איז פון א גרויסן יחוס, צוליב זיינע געשעפט־אַנ־געלעגנהייטן האָט ער זיך אין יאָר תרל״ט באַזעצט אין ליבוי. ער איז אן אויסגע־צייכנטער תלמודיסט און א אידישער משכיל, א גרויסער עסקן אין קהל׳שע ענינים

ער האט פיל צייט געשפענדעט אף איינקצושטעלן די תלמוד תורה אין בעס־טען אָרדנונג.

## חברה משניות.

געגרינדעט לערך תקפ"ג (1823) דורך א פראסטן פרומען אידן ר' שמשון, די חברה האט אויך געהאט א פנקס, וועלכער איז פארלארן געגאנגן.

## חברה גמרא.

געגרינדעט דורך ר' ליב מעלצער אין יאר תר"ם (1880).

## חברה שומרי שבת.

געגרינדעט אין יאר 1893 דורך דעם פרוש וועלכער האט דארט געלערנט אין בית־המדרש, און נאכהער איינקגעפארן אין ירושלים, צו דער צייט איז אזא פארין געווען נייטיק, צוליב דער געטריידע האנדל איז זייער קענטיק געווען דער חלול שבת. די מיטגלידער פון דער חברה פלעגן זיך צו אמנגקלייבן יעדן שבת, און לערנען די סדרה פון חומש און „חיי אדם".

## קראנקנקיבע

געגרינדעט אין יאר 1801 דורך פ' לעווי, מרים ראבינאוויץ, און די פרוי פון ד"ר כרמל; דער צוועק איז צו געבן ארימע קראנקע אלע טעג זופ און פלייש, די חברה האט געבראכט גרויסע נוצן דער ארימער באפעלקערונג.

## לינת הצדק.

געגרינדעט אין יאר 1901 דער צוועק צו געבן הילף אירע מיט־גלידער ווען זיי זיינען קראנק, אויף באדינען, ווען ער ליגט קראנק, כדי די פאמיליע זאל זיך קענען אפרוען.

## די שולן און בתי מדרשים

דער קורלענדער בית המדרש איז געבויט געווארן לערך תקע"ד (1815). און אין 1864 איז ער איבערגעבויט געווארן; און אין 1912 איז אף דעם ארט אופגעבויט געווארן די גרויסע קורלענדער שול.

---

אין בפרט איז קענטיק זיין ארבעט פאר די ליבאווישע תלמוד־תורה, וואו ער איז יארן לאנג געווען דער פארוואלטער.

די ערשטע שול איז געבויט געוואָרן לערך אין תקפ"ח (1828), און אויף דער אָרט איז אין יאָר תרל"ג (1873) אויסגעבויט געוואָרן די יעצטיקע באָר־שול.

בשעת די באָר־שול איז געבויט געוואָרן, איז זי דורך די גאונים ר' אליהו לידער, וועלכער איז דאַן געווען רב אין זאַגער, און דורך הרב הי"ג פון גאָלדינגען אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם ווייל אויפן שפּיץ פון דאַך איז געשטאַנען אַ קופּל מיט אַ מגן דוד, וועלכער האָט פון ווייטנס אויסגעזען ווי אַ צלם, און די בימה איז געמאַכט געוואָרן באַם ארון קודש; אויסערדעם איז די ווייבערשע שול געווען זייער נידעריק געבויט, אַזוי אַז די ווייבער האָבן זיך געזען ביז צו העלפט.

דריי יאָר אין צוליב דעם איסור די שול געשטאַנען ליידיק און פּוסט, און דער געדונגענער מנין פון די דייטשע אידן, האָט געהאַלטן אַלע טאָג באַם פונאַנדערגיין, מען דערציילט, אַז אין די הונגער יאָרן האָט מען צוגעזאָגט די מאַרק־אידן גוט צו באַצאָלן, זיי זאָלן גיין דאַוונען אין שול, נאָר קיינער איז ניט געגאַנגען.

אין יאָר תרל"ו (1876) האָבן זיך אין דעם עינין אַריינגעמישט די גאונים ר' הלל ישקלאָווער און ר' אליהו קרעטינגער*) און געמאַכט שלום: דורך זייער השתדלות האָט מען פון קופּל אַרונטער גענומען דעם מגן דוד, די בימה האָט מען איבערגעשטעלט אין מיטן, די פרויען גאַלאַריי איז אויפגעהויבן געוואָרן העכער.

דער זאַמוטער בית־מדרש איז געבויט געוואָרן אין תרל"ט (1879) דורך די זאַמוטער וואָס זיינען געקומען אין ליבוי וועגן געטריידע און קאָמיסיאָן אַנגעלעגנהייטן.

דער חסידישער מנין איז געבויט געוואָרן, דורך די חסידים אין תר"ן (1890).

---

*) דאָס איז הרב הגאון החכם ר' אלי' דוב בער לעווינסאָן, און אים האָבן זיך פאַרייאַניקט תורה וגדולה, רייכקייט און כבוד. גרויסע קהלות האָבן אים פאַרגעלייגט רבנות שטעלעס, ער האָט זיי אָבער ניט אָנגענומען, געווען אַ גרויסער סוחר געפירט גרויסע געשעפטן, געשטאָרבן י"ח אייר תרס"ח. זיין ביאָגראַפיע איז געדרוקט אין אַ באַזונדערן ווערק, פון זיינע זין איז אויך געווען המופלג ונכבד ר' אייזיק לעווינסאָן אין ליבוי, און המופלג מה"רז לעווינסאָן וועלכער זאָגט פאַר דעם שיעור גמרא אין זאַמוטער בית־המדרש.

דער בית המדרש אין ניי ליבוי איז אויפגעבויט געוואָרן אין תרנ"ו (1896) דורך די ניי-ליבווישע איינוואוינער.

## אירע רבנים

דער ערשטער רב אין ליבוי איז נאָך מיין מיינונג געווען שוין מיט הונדערט יאָר צוריק, ווייל אין דער שאלה פון הרב ר׳ מיכל פון האַנפּאָט וועלכער איז געדרוקט אין שו"ת פון ר׳ עקיבא איגר, איז געדרוקט פאָלגענ-דעס: „וכבוא האגרת לראש הקהל צוה מיד להמ"ץ דליבאוי לגייר אותה ויאח"כ לסדר קדושין עם בעל אמה הנ"ל והמ"ץ רוצה ולא רוצה רק הייה מוכרח לציית לראש הקהל עפ"י היתר הרב". און דער רב איז דאַן געווען הרב ר׳ יצחק, וואָס ביז תקס"א (1801) איז ער געווען אין שקוד. פון די רבנים וועל-כע זיינען מיר באַוואוסט, איז:

א). הרב ר׳ אברהם׳ל בויער (אָפּ נאָמען פון זיין גוט „בויען", וועל-ליגט ביי האַנפּאָט); ער איז אַ זון פון הגאון ר׳ אליהו קליקאַלער (זע וועגן אים אין די רבנים פון פילטן).

ב). הרב ר׳ יששכר.

ג). הרב ר׳ משה יצחק בר׳ משולם זלמן הלוי, אָנגעקומען דאָרט, לערך תקצ"ג. געמאַכט אַ סך תקנות צו פאַרשטאַרקן די אידישקייט. (זיין ביאָ-גראַפיע—אין די רבנים פון גאָלדינגען).

ד). הרב ר׳ צבי הירש בורנשטיין,*) געבאָרן אין פּאָלאַנגען תקע"ב געשטאָרבן אין זיין יוגנט אין ליבוי תר"ד. (זיין פאָטער איז הרב ר׳ אברהם בורנשטיין, מורה הוראה אין פּאָלאַנגען; ער איז געווען אַ גדול בתורה, אַ באַוואוסטער צדיק אין גאַנצן געגנט). זייענדיק 16 יאָר אַלט, האָט ר׳ הירש גענומען אַ פרוי פון ליוקאַווע און דאָרטן האָט ער געלערנט מיט מסירת נפש. צוליב זיין גרויס פרומקייט האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות, נאָר אין לערך ת"ר, ווען ער איז געקומען אין פּאָלאַנגען באַזוכן זיין פאָטער, האָט ער דאָרטן געטראָפן דעם אויבנדערמאָנטן הרב הגאון ר׳ משה יצחק, וועלכער האָט אים געבעטן אָננעמען זיין שטעל פאַר אַ רב אין ליבוי; אויך זיין פאָטער האָט אים שטאַרק באַפוילן, און ער האָט אָנגענומען די שטעל אין ליבוי, וואו ער איז געווען רב ביז זיין טויט.

אַך אַלע אַלטע ספרים, ווי ש"סן, משניות א. ד. ג. וועלכע ווערן

---

*) זיין ביאָגראַפיע האָט מיר געשריבן הרה"ח ר׳ יעקב מאַרק פון ליבוי יעצט אין אמעריקא.

געפונען אין קורלענדער בתי מדרשים אין ליבוי, איז פאראן זיין זיגל און אונ= טערשריפט, אז ער ערלויבט די ספרים צו לייענען.*) און אף פיל ספרים איז אויך אנגעגעבן די צייט און דער יאר פון זיין אונטערשריפט: עס קומט אויס פון תר׳—תר״ג.

ה). הרב ר׳ מענדל איזראעלסאן. (זע זיין ביאגראפיע—אין די רבנים פון מיטוי).

ו). הרב ר׳ יוסף הערצנבערג בהרב ר׳ אליהו, א געבארענער אין פילטן; געווען רב אין פילטן פון תר״ט ביז תרט״ז (1849—1856), און דאן האט ער זיך געביטן רבנות=שטעל מיטן אויבנדערמאנטן הרב ר׳ מ. איזראעל= סאן: ר׳ מענדל איז געקומען אין פילטן, און ר׳ יוסף—אין ליבוי, וואו ער איז געווען רב 25 יאר. געשטארבן מוצאי שמחת תורה לערך תרמ״ב.

ז). הרב ר׳ הלל במהור״א ז״צ הכהן ד״ר קליין. (ער איז א אידעם פון הרב ר׳ מענדל ד״ר הירש בהגאון הצדיק ר׳ שמשון רפאל ד״ר הירש, רב אין פראנקפורט אם מאין, דער מחבר פון „החורב“, „אגרת צפון“ און אנדערע)׳

געבארן אין אונגארן תר״ט (1849) געלערנט אין די ישבה פון הרב הגאון ר״ע הילדעסהיימער געענדיקט רבינער סעמענאר און הויך שול אין יאר תרמ״א אנגענומען געווארן פאר א רב און רבינער אין ליבוי: ער האט דער ערשטער איינגעפירט צו האלטן א רעדע יום טוב פאר מוסף אין דער דיי= טשער שפראך, ער האט געגרינדעט א שול פאר מיידלעך, געגרינדעט א חדר פאר אינגלעך, וועלכע האבן חשק צו לערנען תורה מיט אנדערע וויסנשאפט. געדונגען לערערס פאר אלגעמיינע בילדונג, און א ראש ישיבה צו לערנען תלמוד. אויך ער אליין האט געלערנט מיט די תלמידים תלמוד. שפת עבר און אידישע געשיכטע: געגרינדעט א שיעור גמרא פאר בעלי=בתים, געמאכט אן ארדנונג אין די ענינים פון כשרות, אין די שארן; געווען דער פארזיצער פון „חובבי ציון“ און אין אלגעמיין פיל געטאן פאר ליבוי. ד״ר קליין איז גע= ווען באליבט בא אלע שיכטן פון פאלק, אין יאר תר״ן (1890) האט דער גובערנאטאר ניט באשטעטיקט די ראבינער וואלן פון ד״ר קליין וויל ער איז אן אויסלענדער, ד״ר קליין איז געפארן אין פעטערבורג צום אינערן=מיניסטער אבער אויך דארט האט מען אים אנטזאגט. און אזוי ווי די וואלן זיינען ניט באשטעטיקט געווארן האט ער אויך פארלארן די וואינרעכט אין ליבוי, און

*) אין יענער צייט איז געווען א באפעל פון גובערנאטאר, אז די ספרים, אף וועלכע עס איז ניט פאראן דער זיגל פון רב, טאר מען ניט האלטן.

ד״ר קליין איז אויעקגעפאָרן אין בערלין, אין תרנ״א אָנגענומען פאַר אַ רב אין ניו־יאָרק אין די אונגארישע אָרטאָדאָקסישע געמיינדע „אוהב צדק״.

ח). הרב ר׳ מאיר אַטלעס, געווען רב אין ליבוי און נאכהער אין סאַלאַנט, קאָברין, און אין תרס״ה אָנגעקומען פאַר אַ רב אין שאַוויל. געשטאָרבן אין יאָר תרפ״ו. פון זיינע איידעמס איז אויך הגאון ר׳ אלחנן בר׳ בּ״נש וואַסערמאַן, געפאָרן אין בויסק. איך האָב פאַרקירצט די ביאָגראַפיע פון דעם גאון ר׳ מאיר אַטלעס, ווייל ער איז אין דער וועלט באַוואוסט.

ט). הרב ר׳ יעקב בר׳ מרדכי דינעזאָן געבאָרן אין ת״ר (1840), אַ תלמיד פון וועלט־גאון ר׳ יוסף דב בער סאָלאָווייטשיק, געווען רב אין אוזווינט און ליבוי. אין תרנ״ו האָט ער געדרוקט זיין ספר „שארית יעקב״. געשטאָרבן אין טיפן עלטער אין תר״פ, נאָכגעלאָזן פיל מאַנוסקריפּטן אין חדושי תורה.

י). הרב ר׳ אברהם בהגאון ר׳ יחיאל העלער. (אין די רבנים פון האָזנפּאָט).

יא). הרב ר׳ חיים וואָלפּאַרט. (אין די רבנים פון דאָבּלען).

יב). הרב ר׳ יהודא אידל חיים בר׳ צבי הירש ביינגעס, מורה הוראה אין ניי־ליבוי. ער איז אַ ברודער פון הגאון ר׳ זעליג ראובן; געווען רב אין באַדקי, יעצט אין קאַליוואַריע און אין מלחמה צייט — רב אין סמאָלענסק; דער מחבר פון ספר „לפלגות ראובן״׳ (אַן איידעם פון הרב הגאון ר׳ חיים צבי בּרוידא. רב אין אַלט־זאַגער); און הרב הגאון רב אין בעלסק זייער מוטער איז אַ מאָכטער פון ר׳ דוד, אַ ברודער פון גרויסן גאון ר׳ שמעון זרחי טאוויקער.

יג). הרב ר׳ חיים פישל בר׳ דוד שלמה עפּשטיין פון דער פאַמיליע הגאון רבינו „בעל נודע ביהודה״ געווען רב אין האַראַזאַוויע, סיני, סובאַלקער גוב. מלחמה־צייט אַ רב אין דאָרפּאַט; אין תרפ״א אָנגעקומען פאַר אַ רב אין אין ליבוי. אין תרפ״ג אַוועקגעפאָרן אין אמעריקע און אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב. מחבר געווען פיל ספרים, פון וועלכע עס זיינען געדרוקט געוואָרן: „מדרש החיים״ און אַ ספר אַף הלכה. געדרוקט פון אים מאמרים אין „הפסגה״ און יגדיל תורה. זיין שווער איז הרב ה״ג ר׳ ברוך נתנאל נייוויידל, מורה הוראה אין טוראַגען, אַ זון פון ר׳ יהושע ניישטאַטער. וועלכער איז אַן איידעם פון באַוואוסטן צדיק און גאון ר׳ זלמעלע וואָלאָזשינער. הרב ר ברוך נתנאל איז אַן איידעם פון הרב הגאון ר׳ אברהם הריף, רב אין פּיקעלן. (זע וועגן אים אין „נחלת אבות״, אות א׳, סימן לה).

יד) הרב ר׳ יהושע מרדכי בהגאון ר׳ איסר יעקב קלאַצקין פון די פאַמיליע הגאון מחבר ספר „חק יעקב״ געבאָרן אין יאָר תרכ״ב.

אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען א ראש ישיבה אין סלאָבאָדקע, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליינע ישיבה, נאָכהער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין סוואדישין, און אין יאָר תרנ"א פאַר אַ רב אין האראדאק מינסקער גוב. אין יאָר תרנ"ד אין ברעזי גראדנער גוב׳ אין יאָר תרע"ב אין ראססיען קאָוונער גוב., און אין יאָר תרפ"ד אין ליבוי קורלאַנד. נפטר געוואָרן אין ליבוי חודש שבט תרפ"ה, זיין פאָטערס ברודער דער וועלט גאון ר׳ אליהו קלאַצקין שליטא שרייבט אין זיין ספר חיבת הקודש, אַז דער גאון ר׳ יהושע מרדכי איז געווען אַ מעין הנובע, מחדש צו זיין, חדושים בתורה, און האָט געהאַט אָנגעשריבן פיל חבורים, חדישים עצומים אין ש"ס ופוסקים, נאָר אין קריגסצייט ווען ער האָט געמוזט פארלאָזן זיין שטאָט זיינען די אַלע חבורים פארלאָרן געוואָרן, און פון פיל עגמת נפש און פאַדרוס האָט זיך זיין שוואַכער געזונט פאַרערגערט און ער איז געפערלעך קראַנק געוואָרן, אין ספר „חיבת הקדש" פון זיין פעטער דעם גאון, איז געדרוקט איניגע חידושים פון איט. (ער איז געווען אַ איידעם פון באַוואוסטן גאון ר׳ צבי הירש בהרב ה"ג ר׳ העריץ מהריפית געווען אַ רב אין לייענהאָף, איישישאָק, וואלקאַווייסק סובאלקער גוב., קרייצבורג, געשטאָרבן אין ליפעצקי). זיין איידעם איז הרב הג" ר׳ דוב אריה בהרב ר׳ ישראל איסר הייט. פארטראָטן איניגע יאָר אין ליבוי זיין שווערס אָרט, און יעצט אַ רב אין אַמעריקאַ (זע איבער זייער פאַמיליע אין די רבנים פון שימבורג).

טו). הרב ר׳ יהודא ליב קאַנטער בהרב ר׳ יוסף, געבאָרן אין ווילנאַ תר"ח, געשטאָרבן אין ריגא תרע"ה, געוויילט געוואָרן פאַר אַ ראַבינער אין אין ליבוי נאָך ד"ר קליין, אין יאָר תרס"ד געוויילט געוואָרן פאַר אַ ראַבינער אין זיין געבורטס שטאָט אין ווילנא; אין תרס"ט — פאַר אַ ראַבינער אין ריגא. (איך האָב פארקירצט זיין ביאָגראַפיע, ווייל זי איז געדרוקט אין „ספר הזכרון" און אנד. ספרים.).

טז). הרב ר׳ אהרן דב בער ד"ר נורק, בהגאון ר׳ צבי הירש, ערצויגן געוואָרן ביי זיין פאָטער און ביי זיין מוטערס פאָטער הרב הגאון ר"ל ליבמנשטיין אין טוקום. געלערנט אין טעלזער ישיבה און אין פראַג: געענדיקט פילאָסאָפישע אָפטיילונג און אריענטאַלישע שפראַכן אין בערלינער אוניווערסיטעט. ער האָט אויך געענדיקט די ראַבינער געמיינדע סעמינאר בא הרב הגאון ר׳ עזריאל ד"ר היילדעסהיימער אין בערלין.

אין תרס"ז איז ער אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ ראַבינער אין ליבוי; אין דער ערשטער לעטישער גרינד. פאַרזאַמלונג איז ער געוויילט געוואָרן אַלס דעפוטאַט.

הרי"ר מרדכי בר׳ צבי הלוי לייוונשטיין, געבאָרן אין ליבוי אין יאָר

הקע״ז (1817). ווייענדיק נאָך אקליינער קינד, איז ער ארויסגעפאָרן מיט זיין פאָטער אין ווילנא, וואו זיין פאָטער איז געווען חזן. צו פיר יאָר האָט ער פאַרלאָרן זיין פאָטער, און ווען זיין באַרימטער ברודער ר׳ יואל דוד איז געוואָרן חזן אין ווילנא (דער ווילנער בעל בתיל) האָט ער אים גענומען אונטער זיין שוין און אים געגעבן לערנען אין פאַרשידענע ישיבות, אויך געלערנט בא הרב ה״ג ר׳ משה שירוויענטער, אַברודער פון הגאון ר׳ איצעלע שירוויענטער. נאָכהער איז ר׳ מרדכי געוואָרן חזן אין מערעטש, ווילנער גוב., ער איז אויך געווען חזן ביזן יאָר 1857 אין אנדערע שטעט. ביז ער איז אנגענומען געוואָרן פאַר א חזן אין ליבוי, ווייענדיק חזן 35 יאָר, כדי צו קענען פאַרלאָזן די שטעלע אלס חזן, וועלכע איז אים געפאַלן שווער, האָט ער אָנגעהויבן פאַרנעמען זיך מיט געשעפט. ווייענדיק 70 יאָר אַלט, האָט ער זיך גענומען פאַרפאַסן זיין ווערק, „נפש הנר״ אף וועלכן ער האָט פיל געאַרבעט מער אלס 20 יאָר; ביז דער לעצטער שעה פון זיין לעבן האָבן אים געדינט אלע חושים. געשטאָרבן ט״ו כסלו תרע״ג, 96 יאָר אלט. ער האָט אויך נאָכגעלאָזן א מאַנוסקריפּט.

ר׳ יואל דוד לעווענשטיין־סטראַשונסקי (די צווייטע פאַמיליע האָט ער נאָך זיין שוויגער־פאָטער), געבאָרן אין ליבוי הקע״ה 1815 באַקאַנט אין דער וועלט אונטערן נאָמען „דער ווילנער בעל הבית׳ל, ווייל ווייענדיק 13 יאָר אַלט איז ער שוין געווען חזן אין ווילנא. דער וועלטענער „בעל הבית׳ל״ איז באַוואוסט אין דער גאַנצער אידישער וועלט. וועגן זיין גאוניש אין מוזיק ווערט פיל דער־ציילט. געשטאָרבן אין וואַרשוי י״ז תמוז תר״י (1850), 35 יאָר אַלט. זיין ביאָגראַפיע איז געדרוקט אין פאַרשידענע זשורנאַלן און צייטונגען, צווישן זיי אויך אין „תלפיות״.

ר׳ אליהו עליאשבערג*), געקומען אין ליבוי פון פינסק, פיל יאָרן געווען אן אויסגעוויילטער פון דער געמיינדע אין מאַגיסטראַט און אין די בערזע

*) ער איז א זון פון גביר, דער באַוואוסטער נדיב אין זיין צייט, ר׳ שמואל, וועלכער איז געגאַנגען אין די וועגן פון זיין פאָטער דער באַוואוסטער צדיק און גביר ר׳ ליפּע איוויניצער, און איידעם פון גרויסן גאון ר׳ שמואל, דער לעצטער אב״ד אין ווילנא. (די ביאָגראַפיע פון זייער גרויסער פאַמיליע — אין די ספרים „אנשי שם״, „עיר ווילנא״ „קריה נאמנה״, און אנדערע). ער אויך ווי זיין פאָטער איז איינע פון די ערשטע עמודים וועלכע האָבן געשטיצט די וואָלאָזשינער ישיבה, וואָס איז נאָענט בא איוויניע. דער באַוואוסטער גאון ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער פלעגט אָפט קומען אין איוויניע צו פאַמיליע עליאשבערג, זיינע גוטע פריינט, און קומענדיק אין תרי״ט, איז ער דאָרטן געשטאָרבן.

קאמיסיע און אין דער פאַרוואַלטונג פון האַנדל־שול, וועלכע איז דערעפנט גע־וואָרן אין ליבױ אין 1901.

זיין אַרבעט פאַר דער געמיינדע איז געווען זייער גרויס, און די רע־גירונג אָנערקענענדיק זיין נוצבאַרע אַרבעט, האָט אים באַשאָנקן מיט אַ גאָלדע־נעם מעדאַל.

אין געזעץ פון 21 יולי 1893, אַז אידן, וועלכע האָבן געלעבט אין קורלאַנד ביזן 80־סטן יאָר, האָבן רעכט צו בלייבן אױף זייערע ערטער, האָט אויך ה׳ עליאַשבערג אַסך געאַרבעט.

אין יאָר 1891, ווען אידן וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייער וואוינרעכט אין ליבױ, און ביז לערך 1200 מענטשן האָבן געמוזט פאַררייזן נאָך אַמעריקא האָט ער געטריבן צו באַראָן הירש צו געבן די ארויסגעשיקטע הוצאות. דער באַראָן נאכן נאָכפרעגן זיך אפן משתדל הער עליאַשבערג בײַ די גרויסע מענטשן פון פעטערבורג, האָט ערפילט זיין בקשה.

ד״ר ניסן בר׳ יוסף קאצענעלנסאָן, געבאָרן אין באַברויסק, מינסקער גוב. אין יאָר תרכ״ב 1862, געשטאָרבן אין ליבױ סוף 1923׳ ביז 18 יאָר האָט ער באַקומען זיין ערציאונג אין דערהיים מיט אידישע למודים; פון 18 ביז 20 יאָר האָט ער זיך באשעפטיקט אין זיין פאָטערס געשעפטן, נאָך דער מסחר איז אים ניט געפעלן געוואָרן און האָבנדיק גרויס חשק צו לערנען חכמה און וויסנשאפט, איז ער אַוועקגעפאָרן אין בערלין, און אין יאָר 1882 איז ער אופגענומען געוואָרן אין אַהויכשול און אויך געאַרבעט אין אינסטיטוט פון באַרימטן פראָפעסאָר העפמהאָלץ, אין 1887 האָט ער געענדיקט זיין שטו־דיום און באַקומען דעם טיטול ד״ר פילאָזאָף, אין יענע צייט האָט אים דער אויבנדערמאנטער פראָפעסאָר אים צוגענומען פאַר זיין אַסיסטענט, נאָך צוליב פאַמיליע אָנגעלעגנהייטן האָט ער צוריקגעקערט קיין רוסלאנד און האט אָנגעהויבען צו האַנדלען, ער האָט זיך אָבער ניט באַגנוגנט מיטן האַנדל אַליין,— תמיד איז ער געווען געגרייט לטובת הכלל, ובפרט פאַר ציונית, וואו ער איז געווען אַ גוטער פריינט מיטן זעליגן ד״ר מתתיתהו הערצל. ער איז געווען דער פאָרזי־צענדער פון דירעקטאָריום פון אידישן קאָלאָניאַל באַנק. אין די ערשטע רוסישע דומע איז ער געווען אויסגעוויילט אַלס דעפוטאַט, און פאַרן אונטערשרייבן דעם באַוואוסטן ווייבאָרגער אופרוף, איז ער געזעסן 3 מאָנאַט.

## 17. מיטױ.

עס זיינען געווען צייטן, ווען אידן אין מיטױ איז געווען ערלויבט צו וואוינען, נאָר אין איין גאַס וועלכע רופט זיך די דאָבלענעשע גאַס ,נאָך אויך

יעצט רופען די אידן „די אידישע גאַס״).

לערך יאָר 1787, אין אָנפאַנג רעגירונג פון יאָהן פון בירען, איז בּאַ אים געווען אַ אידישער ראַט־געבער ליפּמאַן לעווי (זע אין מיין אַרטיקל וועגן די אידן אין קורלאַנד) אים איז איבערגעבן געוואָרן דער גאַנצער מאָנאָפּאָל פון האַנדל, און דאָס איז געווען די סיבה וואָס מען האָט צוגענומען אַלע מסחרים בּאַ אידן, און זייער לאַגע האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט.

אַן אויסנאַם איז געווען איין איד מאיר קרעסלאַוו, וועלכער האָט בּאַקומען ערלויבניש צו האַלטן אַ גאַסט־הויז מיטן נאָמען: „האָטעל די יערוזאַליב״

## שולן און בתי־מדרשים.

די ערשטע שול איז געבויט געוואָרן אין תקמ״ד (1784) פאַר דאָס געלט פון ר׳ קלמן באָרקוס. דער ערשטער שטיין פון פונדאַמענט איז געלייגט געוואָרן אין טאָג פון פאַרלאָבונג פון זיין טאָכטער מיט ד״ר עלריך. אויך איז דאָרט אויסגעבויט געוואָרן אַדירה פאַרן חזן און אַבית־הטבילה. נאָכהער איז די שול איבערגעבויט געוואָרן דורך ר׳ שמואל בר׳ יהודא לייב פרידליב אין יאָר: „גדול יהיה כבוד הבית הזה אמן (תרכ״ד). און אַף זיין נאָמען הייסט זי פרידליבס שול.

ב). בית־הכנסת פון הרב ר׳ ישראל פרידמאַן, יעצט רופט זי זיך זאַלצמאַנס שול. אַפן נאָמען פון ר׳ לייב זאַלצמאַן. פאַר דער מלחמה איז זי דורך די השתדלות פון ר׳ זלמן בער בר׳ אברהם קלייט*) איבערגעבויט געוואָרן און שוין כמעט געווען פאַרטיק, נאָר לײדער פאַר דער צייט, וואָס אידן זיינען געווען אַרויסגעשיקט פון מיטוי, זיינען נאָר געבליבן פון דער שול די ווענט און דער דאַך, אויך פיל ספרים, וועלכע האָבן געהערט צום שול, אין די הויז בּאַ דער שול, וואו די רבנים האָבן געלעבט, זיינען הרוב געוואָרן. דורך די גרויסע טרחה פון ר׳ אפרים גוטמאַן און אַנדערע איז די רבנים הויז צורעכטגעמאַכט געוואָרן פאַר אַ מנין צו דאַוונען און לערנען.

ג). בית־המדרש אין וואַסער־גאַס. פריער האָט ער זיך גערופן ביקור־חולים בית המדרש. אַפן זעלבן אָרט איז יעצט די גרויסע שול אין דער בית המדרש, וועלכע זיינען געבויט געוואָרן לויטן פּלאַן פון ראַבינער פוכער איז מיטוי און אַזוי ווי אַפן דאַך איז פאַראַן אַ קופּל מיט אַ מגן־דוד, איז געקומען

*) אויך אין יאָר 1919 איז אַף זיינע קאָסטן געמאַכט געוואָרן עלעקטרישע באַלייכטונג אין גרויסע שול אין בית המדרש, געשטאָרבן 48 יאָר אַלט ז׳ ניס. תר״פ (1920).

דער באַוואוסטער גאון און צדיק ר' אלי' לידער און געוואַלט אסר'ן די שול, נאַר עס איז געקומען א באַפעל פון גובערנאַטאַר, דאַס אַן די ערלויבנים פון ראַבינער פוכער טאַר קיינער ניט דרשנה'ן אין שול*)

ד). זאלצמאַנס מנין, וועלכן דער גביר ר' ליב זאלצמאַן האָט מנדב געווען פאַר אַ מנין, דער מנין איז געשטאַנען יאָרן לאַנג און אין אים איז פיל געדאַווענט געוואָרן און איינינע מאָל אויסגעלערנט געוואָרן ש"ס. (הר"ר זלמן אבראַמסאָן אַ מופלג גדול בתורה האָט דאָרטן יאָרן לאַנג, געזאָגט דעם שיעור גמרא, געשטאָרבן אין ריגה 11 טעג אין תמוז יאָר תרפ"ה) דער מנין האָט אויך געהאַט זייער פיל ספרים, נאָר אין מלחמה צייט איז חרוב געוואָרן דער מנין מיט אַלעם וואָס אין אים האָט זיך געפונען.

ה). חסידישער מנין, מיט איינינע יאָר פאַרן קריג, האָבן איינינע חסידים געדונגען אַ הויז פאַר אַ חסידישן מנין, וואו עס ווערט געדאַוונט חסידישער נוסח; סוף יאָר תרע"ט איז דורך די השתדלות פון ר' חיים אליעזר בר' שמריהו וויעקסלער (געשטאָרבן כ' אדר יאָר תרפ"ז 1927) געדונגען געוואָרן אַ מנין און באַשטעטיקט פון רעגירונג.

## אירע רבנים.

א). הרב ר' שמואל בן אלהנה**) תאומים (אשכנזי), געבאָרן אין

---

*) אין יאָר תרפ"ה (1925) איז די גרויסע שול און דער בית־המדרש רעמאָנטירט און באַפוצט געוואָרן אויף די קאָסטן פון פאַמיליע האָף, פיל האָט אין דעם געאַרבעט ד"ר ראובן האָף.

**) דער גרויסער גאון ר' שמואל ווערט אויך דערמאָנט אין „ספר הדורות" און "שם הגדולים", ה' וואַנדערבאַר שרייבט, אַז ער איז געווען רב אין אַלטונא, האַמבורג און וואַנדסבעק און פון דאָרטן—רב אין מיטוי; אָבער מיין מיינונג איז ניט אזוי: אײַסער וואָס עס איז ניט גלויבליך, אַז אַ רב זאָל פאַרבייטן אזעלכע גרויסע אידי. קהלות צו יענער צייט אויף אַקליינע איד. געמיינדע ווי מיטוי דאַן עס זיינען מיר נאָך באַוואוסט אַלע רבנים, וועלכע האָבן באַטרעטן רבנות־שטעלעס אין די אַלע 3 קהלות פאַר דעם גאַנצן לעבן פון הגאון „מקום שמואל": פון 1670 ביזן יאָר 1767 למשל, פון ת"ל ביז ת"ב איז געווען דאָרטן רב הגאון ר' הלל אשכנזי, דער מחבר פון „בית הלל"; פון ת"ב ביז תס"ו—הגאון ר' משולם זלמן מירלש; תס"ו ביז תס"ט—הגאון בעל חכם צבי; פון תע"א ביז תק"ט—הגאון כנסת יחזקאל, און נאָכהער הגאון ר' יונתן פרענער. אויך דער מקום שמואל אליין דערמאָנט ניט אין זיין ספר „מקום שמואל", אַז ער איז געווען אַ רב אין איינע פון די 3 שטעט, ווי עס ווייזט

אלטונא, געשטאָרבן אין מיטוי שמחת תירה תק״ב (?), יאזוי שרייבט ה׳ וואונ דערבאַר, נאָר נאָך מיין מיינונג איז דאס א פאַרזען, ווייל אין ספר „קמח פסח" פון זיין זון, איז פאַראן פון אים א תשובה וועגן א מנקת, וואו ער חתמט זיך: „חונה פה מיטאווא"; זיין אייניקל הרב ר׳ דוד שרייבט, אז די תשובה וואָס איז געדרוקט אין ספר „קמח פסח" האָט זיין זיידע געשריבן, ווייל דער, וואָס האָט ביי אים געפרעגט, איז געווען אין האַמבורג, וואו דאן איז געווען רב דער באַוואוסטער גאון ר׳ יונתן פּרעגער, און האָט בּאַ ר׳ יונתן אויך געפרעגט די זעלבע שאלה, און ער האָט אַנדערש געפּסקנט, דאַריבער האָט דער „מקום שמואל" געגעבן זיין תשובה שריפטליך; או אַון ר׳ יונתן פּרענער האָט דערזען די תשובה, האָט ער מיט אים מסכים געווען. און ווי עס באַוואוסט איז ביזן יאָר תק״ט געווען אַ רב אין האַמבורג דער „כנסת יחזקאל". דאריבער איז מיין מיינונג אַז ר׳ שמואל איז געשטאָרבן ניט תק״ב, נאָר תק״ב, און אַזוי ווי אַף דער מצבה, וועלכער ה׳ וואודערבאַר האָט געזען, איז געשטאַנען תק״כ און א „כ" איז ענלעך צו אַ „ב", האָט ער געשריבן תק״ב). אַלט 84 יאָר. מחבר געווען און געדרוקט ש״ות „מקום שמואל":

אויך הרב ר׳ נתן נתע ב״ין פון ניי־זאַגער און הראש והמנהיג ר׳ רפאל בר׳ יוסף פון לינקאָווע האָבן אים געהאָלפן דרוקן זיין ספר. (זאגער און לינקאָווע זיינען אין מיטוישן געגנט).

---

איז זייענדיק אין זאמוט, (ר׳ הלל נח מגיד שרייבט אין זיין ספר „עיר ווילנא", אז ר׳ שמואל איז געווען רב אין איינגע שטעט פון זאמוט) און זייענדיק קראַנק, איז ער געקומען קורירן זיך אין מיטוי, וועלכע איז געווען די הויפטשטאָט פון הערצאָגטום אין וואו עס זיינען געווען די בעסטע דאָקטוירים, און איז פאַרבליבן אין מיטוי פאַר א רב ביז זיין טויט. ווי לאַנג ער איז געווען אין מיטוי איז מיר ניט באַוואוסט. אין מיטווישן חברה־קדישא פנקס פון ת״ץ ווערט ער ניט דערמאָנט. נאָך מיין מיינונג קומט דער „מקום שמואל אין מ.טוי אַף פסח, זיין זונס זון ר׳ דוד, שרייבט דאָרטן, אז זיין זיידע האָט נאָכגעלאָזן אחיבור אַף גאַנץ ש״ס מיטן נאָמען „תלמיד קטן", ווי עס ווייזט אויס, האָט זיין אייניקל ר׳ דוד געלעבט אין מיטויי אויך נאָך זיין זיידנס טויט, ווייל אין דער הקדמה פון ספר וואָס איז געדרוקט אין תרכ״ג 1963 שרייבט ר׳ דוד, אז המופלג ונדיב (און נאָך אַנדערע גרויסע טיטלען) ר׳ דוב בער פון "גיטאווי„ מדינת קורלאַנד האָט אים געהאָלפן דרוקן זיין ספר „קמח פסח.

ער איז א תלמיד פון די גרויסע גאונים חכם צבי ר' אַברהם ברודא, דער מחבר פון „אשל לאברהם", און ר' משה, רב אין האמבורג*). אין „מקום שמואל" דערמאָנט ער זיין מחותן הרב ה"ג ר' עזריאל, רב אין קאָוונאָ, אויך דערמאָנט ער פיל מאָל הגאון ר' יצחק אייזיק, רב אין פּומפּיאַן**). זיין זון איז געווען הרב ר' פסח; זיינע תורה ווערט געבראַכט אין זיין פאָטערס ספר „מקום שמואל"***) זיין איידעם איז געווען הרב ר' פנחס שמערינגער. (זיין זון איז געווען הרב ה"ג ר' משה אבד"ק לאהוסק, דער שווער פון הרב ה"ג ר' הירש הלוי, דער זיידע פון הרב ה"ג ר' אליהו זאב הלוי לעווין פון קארלין, דער פאָטער פון די באַוואוסטע רבנים: ר' יהושע העשל לעווין און ר' שמואל הלוי עפּשטיין פון ווירשא. („עיר ווילנא", זייט 162). דער אייניקל פון „מקום שמואל" איז געווען ר' יוסף, שוחט אין ניירא, דער שווער פון הגאון ר' ליפּמאַן הכהן פרידמאַן, רב אין ניירא. פון זיינע יוצאי חלציו איז אויך געווען הרב ה"ג ר' יוסף פון לעפּלע, א תלמיד פון אַלטן רבי'ן הגאון פון לאדי דער זון פון ר' יוסף איז געווען הרב ר' מאיר, זיינע לעצטע יאָרן געווען אין דרויא).

ב). ה"ב ר' צבי הירש במהור"ר דוב בער הריף: ווי עס איז צו זען פון פנקס, איז ער געווען אָדער געבאָרן אָדער דערצויגן אין מיטוי, אָנגענומען געוואָרן אין חברה קדישא כ"ז אייר תקמ"ד (1784) און פאַרשריבן געוואָרן אין פנקס: „התורני ורבני החריף מוה"ר צבי הירש ב"מ דובער מ"ין דקהלתנו. (מען קען זאָגן, אַז דער איבערזעצער האָט צוגעשריבן די ווערטער „מ"ין דקהלתנו". אין אַלטן פנקס איז ניט געשריבן „מ"ין". ווען ער איז אָנגענומען געוואָרן אין חברה, איז ער נאָך ווי עס ווייזט אויס קיין רב אין מיטוי ניט געווען). פריער איז ער געווען א שרייבער אין דער חברה; אין תקס"א ט"ו כסלו, איז פאַראַן זיין שרייבן און אונטערשריפט: „ב"ה ט"ו כסלו שנת התקס"א נתנו השמשים דח"ק נדבה לחברה קדישא ספר תורה, בפקודת הה"ק באתי

---

*). פּראָפעסאָר זימסאָן האָט מיר געשריבן, אַז אין ווערק פון גרינוואלד אין דוקעס „חכמים און רבנים אין די קהלות אלטונא, האמבורג און וואַנזבעק" ווערט דערמאָנט דער פאָטער פון ר' אלקנה, וועלכער האָט געהייסן ר' אליהו בר' פסח, געווען אזא אמן אין אלטונא, און ר' אלקנה'ס ברודער איז ר' פסח בר' אליהו.

**). ער איז געווען אן איידעם פון הרה"ג ר' משה הדרשן דק"ק ווילנא, בהגאון בעל בית הלל אבד"ק ווילנא, און פון פּומפּיאַן איז ר' אייזיק אָנגעקומען פאר א רב ראב"ד און דרשן אין ווילנא. (זיין ביאָגראַפיע—אין „עיר ווילנא").

***) מחבר געווען דעם ספר „קמח פסח, געדרוקט אין קעניגסבערג תקכ"ג דורך זיין זון ר' דוד. דאָרטן שרייבט ער אויס וועגן זיין פאָטער.

לראי׳ על הה׳ ט״ו כסלו תקס״א, צבי הירש בה״ר דובער זלה״ה במיטוי. (דאס הייסט, די שמשים פון חברה־קדישא האבן איועקגעגעבן אספר תורה א נדבה פאר הברה קדישא). און זיין התימה פון י״ג סיון תקס״א חתמט ער זיך: „בהקדוש מו״ה דובער מו״ץ פה ק״ק הנ״ל;״ אזוי חתמט ער זיך ט״ו כסלו תקס״ה: „מ״ץ דק׳ מיטאוי״. אפן ספר „ובד טוב״ און אפן ספר „שפת הים״ פון כ״ב סיון איז פאראן זיין הסכמה וואו ער חתמט זיך: ״הקטן צבי הירש הונה פה ק״ק הנ״ל ומ״ץ דקהלת טוקקום ואגפיה. (דעם ספר ״שפת הים״ האט מחבר געווען הרב הגאון ר׳ זאב וואלף, רב אין לוצין, און געדרוקט אין תקע״ד דורך זיין זון הרב ה״ג ר׳ אליקים געצעל מ״מ ומ״ץ אין פאנעדעל, און דער גאון ר׳ הירש שרייבט אף דעם מחבר „התן דודתי״ (מיין מומעס איידעס). אף ר׳ הירש חריף שרייבט ער פון אנפאנג הסכמה: „הגאון אמתי צדיק בדורו וכו׳״ עס איז מיר ניט צו פארשטיין; ר׳ הירש חריף חתמ״ט זיך: הונה פה ק״ק מיטאווא און מ״ץ אין טוקום און קרייז״ און צו יענער צייט איז געווען אמ״ץ אין טוקום ר׳ יוסף כהנא בלומענפעלד, וואו זיין אונטערשריפט ווערט געפונען אין טוקומער פנקס פון תקס״א—תקע״ה.) געשטארבן ט״ז תמוז תק״ע, (1810).

3) זין זיינע ווערן דערמאנט אין פנקס פון חברה־קדישא:

א). „מו״ה משה בהרב מוהר״ר צבי מ״ץ דקהלתנו, נתקבל בהחברה ט״ו כסלו שנת תקס״ג״. געשטארבן כ״ד אב תקע״ה.

ב). „ר׳ יעקב בהרב ר צבי חריף ט״ו כסלו תקס״ה״.

ג) „ה׳ אהרון בהרב מ״ץ דקהלתנו מורינו ר׳ צבי, ט״ו כסלו תקס״ג״.

ג). הרב ר׳ דוד יחזקאל בר׳ יקותיאל, פריער רב אין וואבאלניק בא פאנעוועזש, נאכהער רב אין זאגער, און פון זאגער אנגעקומען לערך תק״ע פאר א רב אין מיטוי, געשטארבן אין מיטוי תקפ״ג. זיינע תלמידים האבן אים גערופן: „רבי ר׳ יחזקאל״, ווייל ער איז געווען אזעלטענער גאון, אויסגעצייכנט מיט יראה און הכמה, מיט אפארנעמען אויסזען. דער געלערנטער און שרייבער יהושע לייוונסאן האט מיר געשריבן אז זיין רבי ר׳ רפאל לעווי, אשטענדיקער תלמיד פון גאון ר׳ יחזקאל, האט אים דערציילט, דאס ווען די קייזערין עלי־זאבעטא, די פרוי פון קייזער אלעקסאנדר I, איז געפארן דורך מיטוי און טו־קום אין הויף „פלעגען״ באדן זיך*). איז צווישן די יעניקע, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געווארן צו באגעגענען די קייזערין געווען אויך דער רב ר׳ יחזקאל מיט די פארשטייער פון מ״טווישער איד. געמיינדע, דער זעלטן־שיינער

*) די רייזע פון דער קייזערין איז געווען דעם 14 יולי 1910.

רב מיט זיין לאַנגער שניי־ווייסער באָרד איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסע זיידענע קליידער, ווען די קייזערין האָט דערזען דעם רב, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַמלאך, האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון טיר פון דער קאַרעטע און געזאָגט: „מיין הער ראַבינער, זעגנט מיך". דער רב האָט איר געבענטשט און געזאָגט: "זאָל זיין דער ווילן פון הימלס־פאָטער, דאָס דיין מאַן, דער קייזער, זאָל באַגליקן אין אַלע זיינע מלחמות, און דו זיין פרוי, זאָלסט זיין, זיין באַגלייטערין זיין גאַנץ לעבן". אין ספר „גדולת מרדכי" פון הגאון ר' מרדכי ראַבינער פון בויסק איז פאַראַן צו אים אַ שאלה. (זע דאָרטן סימן י"ז). פון ר' יחזקאל איז נאָכגעבליבן אַכתיבות יד, אַחיבור אַף „הלכות גדולות" און אחיבור מיטן נאָמען „כללי דקדוק". (אזוי ווערט געבראַכט אין „אוצר הספרים". "החבור על הבה"ג להר' יחזקאל אבד"ק מיטאווי כ"י (שי"ג). ראיתי גם אני ביד בנו ה"ר אליהו שהיה אח"כ אב"ד שם. "כללי דקדוק" לה"ר יחזקאל אבד"ק זאגער ז' שערים ובסופו מאמר על דרישת רז"ל לא כשאגי נכתב אני נקרא. כ"י משנת תק"פ ביד בעל השיג 8°).

ד). הרב ר' ישראל במהור"ר דוד פרידמאַן, באַוואוסט מיטן נאָמען „ר' ישראל פעסים". געבאָרן אין ראַסיין, קאָוונער גוב. און איידעם אין מיטוי. ט"ו בסלי תק"ס אָנגענומען געוואָרן פאַר אַמיטגליד אין מיטווישע חברה קדישא: אין תקס"ט—געוויילט געוואָרן אין די ששה אנשים; אין תק"ע—פאַר אַנאמן אין דער קהלה, תקפ"ב—אַלס ערשטער גבאי*).

נאָכן טויט פון רבי ר' יחזקאל זיינען געשטאַנען צו די ראַבינער־וואַלן דער זון פון ר' יחזקאל, הרב ר' אליהו, און הרב ר' ישראל, און וועלכער דער לעצטער האָט באַקומען מער שטימען**). עס איז פון אים געפונען געוואָרן אַהקדמה צום פנקס פון חברה קדישא פון תקצ"ה און זיין חתימה אין פנקס פון יא" אייר תקצ"ט, וואו ער תתמט זיך: „ישראל במו"ה דוד פרידמאַן הרב דפה מ טאווי".

פאַר זייגע געלט איז אויסגעבויט געוואָרן אַבית הטבילה און די שול (וועלכע האָט זיך נאָכהער גערופן „זאַלצמאַנס שול"). ווי איך האָב געהערט איז ער געווען אַתלמיד פון הרב ר' יהושע זעליג יורבעגער, ער איז געווען אַ גרויסער שקדן, געלערנט ביז האַלבן טאָג אין טלית און תפילין אין אַבאַזונדערן קאַמער אפן צווייטן שטאָק; אין די צימערן, וואו זיין פאַמיליע האָט געלעבט,

---

*) ער איז דאָן פאַרשריבן געוואָרן: „הרבני מוהר"ר ישראל פרידמאַן".

**) די אקטן פון די וואַלן פון תקפ"ג האָבן זיך ביז דער מלחמה גע־פינען אין גובערנ. פאַרוואלטונג.

האָט ער ניט געוואָלט זיין*). אין ספר „זכרון יעקב" זיינען פאַראַן צו איס 2 תשובות פון כ"ו אדר שני תקצ"ד. ר' ישראל איז אויך געווען רעגירונגס-צענזאָר, און זיין זיגל איז אונטערשריפט ווערן געפונען אף פיל ספרים. געשטאָרבן כ"ז אדר תר"ד, (1844).

ה) הרב ר' יעקב. באַוואוסט מיטן נאָמען ר' יעקב טריסקער; נאָכן רב ר' ישראל געווען דין ומורה הוראה אין מיטוי לערך א יאָר. און אַוועקגעפאָרן אין ארץ ישראל. אין ספר „זכרון יעקב" איז פאַראַן צו איס א תשובה פון ט"ו כסלו תר"ה, וואו ער שרייבט: „מ"ין במיטאוי".

ו) הרב ר' אליהו בהגאון ר' דוד יחזקאל. ווערט דערמאָנט אין פנקס פון חברא קדישא. אַז אין תקפ"א איז ער אָנגענומען געוואָרן אין חברה קדישא; אין תקצ"ה — געוויילט געוואָרן פאַר א גבאי שני. געווען רב אין זיינדוי און נאכהער געוויילט געוואָרן פאַר א רב אין מיטוי. געשטאָרבן י"ב אלול תרי"ד, 62 יאָר אַלט. ווי איך האָב געהערט, איז ער אויך געווען רב אין שאַבעלן.

ז) הרב ר' מרדכי אורי סאַמוגאָוו. (זיין ביאָגראַפיע — אין די רבנים פון ווינדוי.

ח) הרב ר' מנחם מענדל בר' ישראל איזראַעלסאָן, געבאָרן אין קורלאַנד. געווען א קורצע צייט רב אין שאַבילן און נאָכהער רב אין גאָלדינגען,**) ליבוי און פילטן. אין תרי"ט אָנגעקומען פאַר א רב אין מיטוי. וויענדיק דאָרטן א קורצע צייט, איז ער געשטאָרבן י"ט אב תר"כ 60 יאָר אַלט. ער איז געווען א גיטער דרשן, אף פיל ספרים זיינען פאַראַן זיין זיגל און אונטערשריפט אַלס רעגירונגס-צענזאָר.***)

ט) הרב ר' משה בר' רפאל לערנבלאַט. (זיין ביאָגראַפיע — אין די רבנים פון פון סאַשמאַקן.

---

*) צוליב דעם כבוד פון דעם צדיק וויל איך ניט שרייבן די שלעכטע מעשים פון זיין פאַמיליע.

**) אין פנקס אין גאָלדינגען איז געשריבן: „נתקבל לחו"ך ה"ה הרב המאוה"ג בקש"ת מו"ה מנחם מענדל בטו"ה ישראל כאב"ד דקהלתנו".

***) ביזן רב ר' מרדכי אורי איז געווען נאָר א רב, וועלכער האָט באַטראַכט ביידע שטעלעס — גייסטלעכער רב און ראַבינער. נאָכהער איז פאַרטיילט געוואָרן א רב — באַזונדער און א ראַבינער — באַזונדער. און פאַר א ראַבינער איז אָנגעקומען דער געלערנטער ח' פוכער.

י) הרב ר׳ ישראל ליב חיימאָווין בהרב ר׳ אליעזר אלמער*) געבאָרן תקפ״ט, געשטאָרבן אין מיטוי כ״ז כסלו תרמ״א׳ איבערגעבליבן נאָכן פאָטער אַ קליינער יתום, ערצויגן געוואָרן בײַ זיין מוטערס פאָטער ר׳ שמואל כ״ץ, געלערנט ווייער פלייסיק; אַ גרויסן טייל, וואָס ער האָט געלערנט, האָט ער געוואוסט אויסווייניק, לערך תרי״ז איז ער געוואָרן אַן איידעם פון באַוואוסטן גאון ר׳ יענקעלע בויסקער; אין תרכ״ב אָנגעקומען פאַר אַ רב אין מיטוי, וואו ער האָט געלעבט בשלום בשלוה ביז זיין טויט. אין דעם ספר „זכרון יעקב״ פון זיין שווער סימן ח׳ און ט׳, זיינען פאַראַן צו אים 2 תשובות און סוף ספר — אַ קונטרס תורה מיטן נאָמען „חהושי מהרי״ל״. ער האָט אויך נאָכגעלאָזן כתבי־יד מיט חידושי־תורה.**).

יא) הרב ר׳ צבי הירש ראַבינאָוויטש בהגאון רבינו יצחק אלחנן, רב אין קאָוונע, נאָכן רב ר׳ ישראל איז ער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין מיטוי, וואו ער איז געווען ביז תרמ״ט און איז אָנגעקומען פאַר אַ שטאָט־מגיד און מורה הוראה אין ווילנאַ. אין תרנ״ו איז ער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין קאָוונאַ אַף זיין פאָטערס אָרט. אין תרנ״ז איז ער געוויילט געוואָרן פאַר אַ פאָרזיצער אין די רבנים־קאָמיסיע, וועלכע איז דאַן געווען אין פעטערסבורג. זיינע חדושי תורה זיינען געדרוקט אין די ספרים פון זיין פאָטער, און פיל תורה האָט ער איבערגעלאָזן אין מאַנוסקריפטן. געשטאָרבן יאָר תרע״א אַלט 60 יאָר. איך האָב פאַרקירצט די ביאָגראַפיע פון דעם ליבן באַוואוסטן גאון, ווייל ער איז אַלעמען באַוואוסט.

יב) הרב ר׳ נחמן אידל מרגליות בהרב ר׳ אליעזר ליפמאַן פון ווילנאַ, אַ דור נאָך אַ דור פון גרויסע רבנים און גאונים ביזן מהר״ל מפראג.***) זייענדיק $19\frac{1}{2}$ יאָר אַלט. איז ער גענומען געוואָרן פאַר אַן איידעם בײַ אַ גביר אין דווינסק, ****) וואו ער איז געווען 20 יאָר. אַרונטערגייענדיק פון זיין

---

*) מען האָט אים גערופן „אלטער״, ווייל אַף אים האָט מען געזאָגט. אַז ער איז אַן אַלטער (שאַף) פול מיט ספרים. נאָך זיין חתונה איז ער געפאָרן לערנען אין די ישיבה פון ר׳ עקיבא איגר און אינטערוועגס געשטאָרבן.

**) פון זיינע איידעמס איז ר׳ ליב שאחעט. א מופלג גדול און בעל־מדות, געווען א שוחט אין זאגער, יעצט אין ריגאַ. ער איז אַן איניקל פון הרב ה״ג ר׳ דוד וואלפע פון מעריטש, באַוואוסט מיטן נאָמען ר׳ דודל קראַזער.

***) די ביאָגראַפיע פון דער גאונסער פאַמיליע איז באַשריבן אין ספר „אנשי שם״ פון הרב ר׳ דוד טעוועלע אפרתי, און „דעת קדושים״, וייט 81, „עיר ווילנא״ און „נחלת אבות״, אותנ׳).

****) זיין פרוי די רבנית מרת פעסע לאה, די טאָכטער פון ר׳ מיכל

שטאַנד אַלס גביר, איז ער געצוואונגען געווען אָנצונעמען רבנות אין יאַקאָב־שטאָט, זייענדיק דאָרט רב לערך 20 יאָר. אין יאָר תר"ן אָנגעקומען פאַר אַ רב אין מיטוי: געשטאָרבן אין מיטוי י"ב שבט תרנ"ה. (זיין ביאָגראַפיע און די הסדרים זיינען געדרוקט אין מיין ספר „הדרת צבי".)

יג). הרב ר' צבי הירש בר' אהרון נוראָק, נאָך אין דער יוגנט איז ער גענומען געוואָרן פאַר אַן איידעם בא באַוואוסטן גרויסן רב רא"ל ליכטנשטיין אין טוקום: נאָכהער האָט ער געלערנט באַם וועלט־גאון ר' יוסף דוב בער סאָלאָווייטשיק, רב אין סלוצק און בריסק. 17 יאָר איז ער געווען רב אין האַזנפּאָט, אין תרנ"ט אנגעקומען פאר א רב אין מיטוי.

נאָכן טויט פון באַוואוסטן גאון ר' יוסף זכריה שטערן אין שאַוול זיינען די נכבדים און מנהיגים פון שאַוול געקומען אין מיטוי אים בעטן אָנגענעמען די שטעל פאַר אַ רב און ראַבינער אין שאַוול. נאָר צוליב פאַרשידענע טעמים האָט ער די שטעל ניט אָנגענומען. געשטאָרבן י' אדר תרע"ג. נאָכגעלאָזן אַ סך מאַנוסקריפּטן—חדושים אין תורה, הלכה און דרוש.*)

יד). הרב ר' מרדכי בהרב הגאון ר' צבי הירש נוראָק, געווייַלט געוואָרן פאַר אַ ראַבינער אין מיטוי 1913, זייענדיק נאָך גאַנץ יונג. האָט ער השק געהאַט עוסק צו זיין אין עניני הכלל און האָט פיל געשריבן אין דער פרעסע. אַז זיין פאָטער איז אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין דער גובערנ. שטאָט מיטוי, האָט ער געפונען אַ ברייטן פלאַץ עוסק צו זיין זיך אין אַגרויסן פאָרמאַט אין אידישע ענינים עס איז ניטא במעט אין שטאָט אין דער גובערניע, וואו ער האָט זיך ניט געסטאַרעט פאַרן אידישן כלל און פרט, ובפרט וועגן אידישע וואוינרעכט. ער איז אויך געווען פון די משתדלים פאַר די רעגירונג צוצוציען קורלאַנד און ריגא צו דעם תחום, וואו אידן האָבן געהאַט וואוינרעכט. בא די וואַלן פון אַלע רעג. דומעס האָט ער פיל נעאַרבעט און געזאָרגט דורכצופירן אַן אידישן דעפּוטאַט פון קורלאַנד, וואָס עס איז אים געלונגען. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ בראָשורע אין דייטשע שפּראַך וועגן ציוניזם. נאָכן אַרויסטרייבן די אידן פון קורלאַנד אין 1915 האָט ער אנטייל גענומען במעט אין אַלע פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פּעטערבורג און אַנדערע שטעט, וועגן איסבעסערן די אידישע לאַגע. נאָכן אַרויסשיקן די אידן פון קורלאַנד, האָט ער זיך באַזעצט אין מאָסקווא. ער איז געווען דער וויצע־פאָרזיצענדער פון הילפס־קאָמיטעט און האָט געאַרבעט אָן אָן אופהער. עס איז

---

נאָרדאָן אין דווינסק, איז געשטאָרבן כ"ז חשון תרפ"ד.

*) זיין ביאָגראַפיע און די הסדרים אָף אים—אין מיין ספר "הדרת צבי".

כדאי צו דערמאָנען אז פאר פיל פון זיינע בעקאנטע קורלאנדער, רבנים און אַנדערע ייִעלכע זייען געבליבן ציליבן אַרייסשיקן די אידן אַנע שטעלעס, האָט ער געזאָרגט, מען זאל זיי שיקן פון מאָסקווער הילף־קאָמיטעט מאַנאַטליכע אונטערשטיצונג. אין יאָר תרע"ז (1917) האָט ער געגריגדעט דעם פאריין „מסרת והרות" וואו ער האָט אין תמוז תרע"ז צוזאמענגערופן אגרויסע פאר־זאמלונג פון רבנים, גאונים, געלערטע, אָנגעזעענע מענטשן, וועלכע זיינען צו־זאמענגעפאָרן פון פיל פארשידענע שטעט. אף דער פאַרזאמלונג האָבן אָנטייל גענומען 45 רבנים, צווישן זיי באוואוסטע גאונים: ער האָט אויך אַגרויסן אָנטייל גענומען אין די רבנים פאַרזאמלונג אין מאָסקווא און יאָר תרע"ה. אָנ־פאנג 1920 האָט ער צוריקגעקערט פון מאָסקווא. ער איז אויגעוויילט געוואָרן פאר אפאָרזיצער פון די מורחים (פון לעטלאנד), וואו ער ארבעט זייער פיל. אין 1922 און 1925 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן פאר א סיים־דעפּוטאַט אין לעטישן סיים אין ריגא.

הרב ר' לוי בהרב ר' דובער יונה אוזינסקי, אָנגעקומען פאר ארב אין מיטוי ט"ו סיון תרפ"ט (1919). (זיין ביאָגראפיע זע בסוף הספר).

## דיינים מורה הוראות מגידים און ראבינערס.

הרב ר' אפרים יעקב בר' ישראל יאקאָבסאָן, מ"ץ אין מיטוי. גע־שטאָרבן אין חלירע־עפּידעמיע אין תקצ"א (1831), ה' וואַנדעבאָר שרייבט אז ר' אפרים'ס פאָטער איז געווען רב אין ליטא און האָט געדרוקט א ספר „חדושי גפ"ת" פאָזען תקכ"ט. ר' אפרים ווערט אויך דערמאָנט אין די פּראָנומעראנטן אפן ספר „דרך סלולה" פון ר' יהודא הכהן קראָן*)

הרב ר' יהודא בהרב ר' שמואל צבי הערין ליקנייצקי אטאָבטערס זון פון הגאון ר' יענקעלע בויסקער. געווען דיין און מורה הוראה אין מיטוי. ער האָט מסדר געווען און געדרוקט זיין זיידעס ספר „זכרון יעקב" ויינע חדושים איז דאָרטן אויך פאַראַן מיטן נאמען „וזאת ליהודה". געשטאָרבן 42 יאָר אַלט כ"ב שבט תרמ"ו.

הרב ר' שמואל צבי הערץ ליקנייצקי א איידעם פון הגאון בעל „זכרון עקב" אין וועלבען עס ווערט אויך פון אים געבראַכט חדושים מיטן נאמען

---

*) ר' צבי עלקין פון סאלאנט, יעצט אין אמעריקא האָט מיר געשריבן אז אין אוצר הספרים פון בן יעקב אין אין ליטעראטור בלאט דאָס אַריענטעם איז גע־שריבן חדושי הלכות ופסקים להר' אפרים בר' יעקב מליסא פוזנא תק"כט, איז משער ה' עלקין אז דאָס איז געווען אויידע פון ר' אפרים יאקאָבסאָן.

„רש״ה״, געווען אדיין און מורה־הוראה אין זאגער. נאָך זיין זונס טויט געווען דיין און מורה־הוראה אין מיטוי. געשטאָרבן י״ד אדר־שני תרנ״ד, אַלט 72 יאָר.

הרב ר׳ שמעון בר׳ יצחק הכהן קאהן, מגיד און מ״ץ אין מיטוי. געבאָרן אין גאָלדינגען, געלערנט אין וואָלאָזשין און ווילנא, געווען אמגיד אין טאַלסן, אין יאָר תרנ״ב אָנגעקומען פאַר אמגיד אין מיטויא. יאָר תרס״ב גע־דרוקט זיין ספר „שער שמעון״ האָט נאָך בכתב פיל אנדערע חבורים אין פאַרשידענע מקצעות.

הרב ר׳ משה יהודא ראַבינאָוויץ געלעבט אין פּומפּיאַן און געקומען אין מיטוי וואו ער האָט איניגע יאָר געלערנט בפרישות, (אַף איניגע גמרות געפינט זיך זיין אונטערשריפט). זיין אונטערהאַלטער איז געווען ר׳ אברהם היימאַנסאָן, געווען א רב אין סאקאלקא, נאָכהער אין גראדנא, וואו ער איז פלוצלונג געשטאָרבן אין תרע״ה. ער איז באַוואוסט מיט זיינע מעשים און צדקות, ער איז אַ זון פון ר׳ מנחם מענדל ש״ב אין וואסקי, אַ ברודער פון הרב ה״ג ר׳ ידידיה יפה, רב אין זיימעל. די קינדער פין באַוואוסטן הרב המקובל ר. שלמה יפה אין זיימעל.

הרב ר׳ שלמה בר׳ פייטל פוכער, געבאָרן ט״ז חשון תקצ״ג אין ניישטאט, סובאלקער גוב. ביז 10 יאָר האָט ער געלערנט תנ״ך און גמרא נאָכדעם געלערנט אין ראַבינער שול אין ווילנא. אין 1859 איז ער אָנגעקומען פאַר אַ ראַבינער אין מיטוי, אין 1864 איז ער געווען אין פעטערבורג און דערלאַנגט דעם אינערן־מיניסטר די בקשה פון די קורלענדער אידן צו ער־לויבן זיי ווילן און געוויילט ווערן אין שטאָט ראַט׳ ער האָט פאַרפאַסט איניגע בראָשורן און געשריבן אין פאַרשידענע שפראַכן׳ אין זיינע צייטן איז געווען דער באַוואוסטער משומד גורלאַנד, קעגן וועמעס אידייען ער האָט מיט אַלע כחות געשטריטן, און האָט אים מנצח געווען, אָן זיין צושטימונג איז כמעט קיין זאַך: אין דער מיטוישער איד. געמיינדע ניט דורכגעפירט געוואָרן, און דאָס גרעסטע טייל שטאָט איז געווען מיט אים צופרידן. ער איז געווען אין מיטוי 34 יאָר, אין 1893 האָט ער פאַרלאָזן די שטאָט, וואו ער איז דערהויבן געוואָרן, און איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ ראַבינער אין ריגא. נאָך די ערשטע 3 יאָר ווי ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין ריגא, האָט מען אויסגעוויילט אַן אַנדער ראַבינער אין ריגא, און פוכער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין ריגא אין יאָר 1899.

ראַבינער יוסף בר׳ אליהו סגאל, געענדיקט אַ מיטל־שול און גע־לערנט אין ראַבינער סעמינאַר באַם הגאון ר׳ עזריאל הילדעסהיימער. אין 1898, זייענדיק גאַנץ יונג איז ער אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ ראַבינער

אין מיטוי, וואו ער איז געווען ביז ענדע 1903 און אנטזאגט זיך פון זיין אמט און אויעקגעפארן אין אויסלאנד, וואו ער האט געענדיקט א הויכשול אלס ד״ר יוריסט.

ראבינער ד״ר אברהם א בעלי ערליך געבארן אין מיטוי ב׳ אלול תקצ״ז (1837): געענדיקט א הויכשול אין בערלין און באקומען דעם טיטל ד״ר פילאסאף, אין 1869 איז ער געקומען אין ריגא און איז געווען דער פארוואלטער פון א אידישער ילערע שול ביז 1894, ניט קוקנדיק אף זיין אויסלענדישע אונטערטאנשאפט, האט אים די רוסישע רעגירונג געגעבן רעכט געוויילט צו ווערן אלס ראבינער, אנפאנג 1895, דורך די ביטע פון טילזיטער אידישע געמיינדע, איז ער אנגענומען דארטן אלס ראבינער און פארשטייער אין טילזיט און קרייז, ער האט געשריבן ארטיקלען אין פארשידענע צייטונגען, געדרוקט איינינע בראשורן, און צווישן זיי „די געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון אידושע שולן אין ריגא״ און אויך נאכגעלאזן איניגע מאנוסקריפטן.

## אנגעזעענע גרויסע מענטשן, וועלכע זיינען געבארן אדער געלעבט אין מיטוי.

דרב ר׳ דאניאל קאליף, דער מחבר פון ספר „ערוגה קטנה״, ער ווערט דערמאנט אין מיטווישן חברה-קדישא פנקס: „ר׳ דניאל מאמשטרדם קליף׳ נתקבל בהחברה שנת הקל״א. (זיין ביאגראפיע־אין האזנפאטער גדולים)

הרב ר׳ יחזקאל געווען דער רואה חשבון אין מיטווישן הברה־קדישא אין יאר ת״ץ, (1729) געווען א גדול בתורה.

הרב ר׳ שלמה זלמן במהור״ר ר׳ ברוך שטערן: ער ווערט דערמאנט אין חבריה קדישא פנקס פון ת״ץ (1729) ביז תק״ז (1746), און מען שרייבט אף אים „הרב המופלא הנגיד״... און אז. וו. צו יענער צייט פלעגט מען שרייבן אף א גדול בתורה „הרב המופלא״.

ר׳ אברהם במ״ה יואל, אין מיטווישן פנקס איז פארשריבן, אז בא די ערשטע וואלן אין מיטוי, איז ער איסגעווייעלט געוואָרן פאר ערשטן גבאי און איז געווען גבאי לערך 16 יאר: מען שרייבט אף אים „האלוף׳ פון דאס אלעס איז צו פארשטיין, דאס דאן איז ער געווען א גרויסער נגבר.

ר׳ יצחק בר׳ יהודא, דורך זיינע השתדלות באם הערצאג פון קור־לאנד, האט מען ערלויבט אידן צו גרינדן א חברה קדישא און בית הקברות׳

ר׳ דוב בער בהקדיש ר׳ בנימין, געבארן אין ליטע, זיין פאטער איז דארט געהרג׳ת געווארן, נאכן פאטערס טויט איז ער געקומען איז מיטוי. אין

פנקס פון חברה קדישא איז פארשריבן, אז אין ת"ק (1739) האט ער גע־שאנקן א וואגן פאר חברה קדישא. און אין זעלבן יאר איז ער אופגענומען געווארן אין חברה קדישא; אין די יארן תק"ל און תקל"א איז ער אויסגעוויילט געווארן פארן ערשטן גבאי. ער איז געווען זייער אנגעזען בא אדליגע און פירשטן אין קורלאנד: ר' דוד בהרב ר' פסח בהגאון ר' שמואל בעל מקום שמואל, וועלכער איז געווען רב אין מיטוי, שרייבט אין ספר „קמח פסח", אז ר' דוב בער, האט אים געגעבן פיל געלט צו דרוקן דעם ספר.

ר' קלונימוס קלמן און זיין ברודער ר' שמשון, די קינדער פון ר' זעליגמאן באַרקוס, די צוויי ברידער, וועלכע זיינען געווען נאענט צום הויף פון דער קורל. רעגירונג און זייערע רייד פלעגט ווערן אנגענומען. האבן געטאן טובות אידן בכלל, און בפרט מיטווישע אידן; אין תקל"ח זיינען די ברידער אופ־גענומען געווארן אין חברה קדישא! אין תקמ"ט (1784) האט ר' קלמן פאר זיין געלט געבויט א שול, און א דירה פארן חזן און אויך א בית הטבילה: אין תקנ"ד (1793) איז ר' קלמן אויסגעוויילט געווארן פארן ערשטן גבאי.

י"נ סיון תקס"א (1801), איז זיין ברודער ר שמשון געוויילט גע־ווארן פארן ערשטן גבאי.

די ברידער זיינען געשטארבן אין איין צייט: ר' קלמן—י"ט סיון תקפ"ה (1828), און ר' שמשון—ב' תמוז דעם זעלבן יאר.

הרב ר' שמעון חריף, פון פאמיליע נאטליב א גדול בתורה, ווען הרב ר' ישראל פעסעס האט געדרשנט שבת הגדול, האט ר' שמעון אים געשטעלט א קשיה אין מיטן דרשה.

אין מיטוי איז געווען א מנהג, אז מען פלעגט פירן א מת, צום בית הקברות, פלעגט מען דעם ארון אפהאלטן בא פרידליבס שול (פריער באַרקומס שול). דער מנהג שטאמט, וויל בעפאר עס איז נאך געווען א רב אין מיטוי, האט דער זעלבער ר' שמעון געלעבט אפן הויף פון שול. פלעגט מען אפהאלטן דעם ארון, ביז ער פלעגט אַרויסקומען פון הויז. (געהערט פון ר' יקותיאל הירשבערג).

הרב ד"ר יהודה בר' מרדכי הלוי, געלערנט אין פאדוא, איטאליען, ערהאלטן דעם טיטל ד"ר מעדיצין. געווען א ד"ר אין ווילנא פאנעדעל, זא־גער און פון זאגער—אין מיטוי, וואו ער האט געלעבט פיל צייט. סוף יארן איז ער געווען אין גראדנא, דארטן געשטארבן אין 1797.

זיינע ספרים, וועלכע ער האט פארפאסט:

1) „עמודי בית יהודה", חבר מקטני בית הלוי, פאמיליע הורוויץ, אין ווילנא, אמשטערדאם תקכ"ה.

2) „גן עדן“, המיימן, תקה״ה (1765).

3) „צל המעלות“, קעניגסבערג תקכ״ו; צווייטע אויסגאַבע — דובנא תקנ״ו.

4) „כרם עין גדי“ קעניגסבערג תקכ״ו; צווייטע אויסגאַבע — דובנא תקנ״ו.

5) „מחברת חיי נפש“, פאריז, תקמ״ו.

6) „מגלת סדרים“, חלק ראשון, פשר בין שלש כתות, חכמי התלמוד הקבלה וחכמי המחקר, פראג, תקנ״ז.

7) „הכל ענג“, גראדנא תקנ״ג. (זע אין ספר „קריה אמונה“).

8) א געדיכט צו דער איינווייאונג פון דער אַקאַדעמישער גימנאַזיע אין מיטוי, איבערזעצט אין דייטש, מיטוי, 1775.

הער וואונדערבאַר שרייבט, אז עס איז געפונען געוואָרן זיין מאַנוסקריפט אין מיטווישער גימנאַזיע, געשריבן אין דער העברייאישער שפּראַך, אַנטהאַלט 243 זייטן, דער אינהאַלט — זיין רייזע דורך בראַנדענבורג. איך האָב מיר נאָכגעפרעגט וועגן דעם מאַנוסקריפּט, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז פאַרקויפט געוואָרן אין מאַקלאַטור מיט אַלע אַנדערע פּאַפּירן. וויענדיק אין מיטוי, זיינען פון אים געדרוקט געוואָרן נאָך איינגע קליינע בראָשורעס.

ר׳ שמעון בלומענפעלד, געבאָרן אין מיטוי 1770 געווען פיל יאָרן אין אויסלאַנד, צוריקגעקערט אין זיין געבורט-שטאָט, געשטאָרבן אין מיטוי 1828 געווען אַ תלמודיסט און אַ זעלטענער שרייבער, פאַרשטאַנען איינגע שפּראַכן, געווען אַגוטער מאָלער. ער האָט געקענט שרייבן אויף אַלע שפּראַכן מיט אַזעלכע קליינע אותיות, אַז אָן אַ שפּאַקטיוו האָט מען דאָס ניט געקענט לייענען. פאַר די אַרבעט פלעגט ער באַקומען דאַנקען און געשיינקע פון גרויסע מענטשן און אויך פון איינגע קיסרים, וועלכע האָבן איר אייגנהענטיק געשריבן דאַנקבריוו. (זע אין האַמבורגער צייטונג פון יאָר 1825). אַסך מאָל האָט ער געמאַכט אַזעלכע קינסטלעכע אַרבעט פאַרן קיסר אַלעקסאַנדער I, דער קיסר האָט אים דערפאַר געשאָנקען אַקעסטעלע פון ריינע גאָלד, און די קייזערין — אַגאָלדענע אור; פאַרן פּויבסט VII Pius האָט ער אויפגעשריבן דעם גאַנצן חומש אויף אַזאַ קליין שטיקל פּאַפּיר, אַז מען האָט דאָס געקענט צוזאַמענראָלען און אַריינלייגן אין אַגעווייגלעכן רינג; דערפאַר האָט אים דער פּויבסט געשאָנקען איידעלפולן בריליאַנט־רינג. אויך פאַרן קיסר פון פרייסן און פאַר די קעניגין פון דענעמאַרק און זאַקסן און פאַרן טראָנפאָלגער פון מאַקלענבורג — שווערין מיט זיין פרוי האָט ער געמאַכט קינסטלעכע אַרבעט, און אַלע האָבן אים געדאַנקט דערפאַר. פון אים איז געדרוקט געוואָרן אַפּאָרעדע אין לשון הקדש, נאָכגעלאָזן אַכתיבת־יד אויף תורה מיטן נאָמען „פני משה“, וועלכע איז געבליבן בא זיין אינגערן זון ר׳ יוסף בלומענפעלד.

דער זון פון ר׳ יוסף איז ר׳ מענדל בלומענפעלד דער פאָטער פון רעגינא די פרוי פון ר׳ ברוך צבי בר׳ מרדכי זעליג קליין געווען פיל יאָרן גבאי אין מיטוישע גרויסע שול. געווען רעגיליעז און טראַד־ציאָנעל און אין דעם גייסט האָט ער אויך ערצויגן זיינע קינדער. געשטאָרבן אין אדר תרע״ג (1913). הר״ר משה בר׳ שמעון בלומענ פעלד, דער מחבר פון ספר „מגד ישרים״, „פני שמעון״ און נאָך אַנדערע ספרים. (אין „אוצר הספרים״ פון הרב החכם יצחק אייזיק בן יעקב איז געשריבן: „ר׳ משה בר׳ שמעון בלומענפעלד מק״ק מיטאווי (בעהמ״ח „פני שמעון״), פי על אחד מי יודע וחד גדיא בלשון צח, שער הראשון דבר אמת על י״ג עקרי האמונה, שער ב׳ היית הנפש יוכל הנרשים עוד על השער: ספור פלאות, מנחה מרקחות, שירים ושירות, לא נדפס מחמת הסרון), הנובר, תרי״א, נאָך מיין מיינונג איז ער אַ זון פון דעם פאַריקן ר׳ שמעון בלומענפעלד.

ר׳ יהודא בר׳ אליעזר קראַן, געבאָרן אין טוקום דעם 1 פעווראל 1797, געלערנט בא הרב ר׳ יוסף בלומענפעלד אין טוקום, נאַכהער דאָרטן אין אַ שול. אין 1824 האָט ער באַקומען אַן אַטעסטאַט צו זיין איבערזעצער. אין יענעם יאָר איז ער געווען איבערזעצער אין מיטוישן מאַגיסטראַט, געווען אַ לערער אין מיטוי ביז זיין טויט. ער האָט מחבר געווען און געדרוקט. „דרך סלולה״, מכיל פעלים ומלות הנמצאים בתנ״ך וכו׳ פאַרטייטשט אף עברית און דייטש, ווילנא, תקפ״ו; איבערזעצט אף דייטש דעם „בחינת עולם״ פון בדרשי ריגא, 1829:

„אלף־בית״ צו לערנען אין חדרים שפת קודש, ווילנא תק״ץ (ה׳ וואונדערבאַר). אין „קהלת משה״ ברייננט דער געלערטער ר׳ שלמה ווינער, אַז די אַנדייקונג פון הערן קראַן וועט קומען אין די רעגיסטראַציע פון אידישע ספרים און ביכער, וועלכע ווערן געפונען אין מוזייאום.

געשטאָרבן אין מיטוי אין תלירע תקצ״א (1839) און מקובר געוואָרן אפן חלירע בית הקברות.

מרדכי אהרן בר׳ אשר מגנוס גינזבורג, געבאָרן אין סאַלאַנט תקנ״ה, געשטאָרבן אין ווילנא תר״ו (1846)׳ פריער געווען אין פאַלאַנגען, און נאַכהער אין מיטוי, וואו ער איז געווען אַ לערער אין אַ רעג.־איבערזעצער. פון מיטוי איז ער איבערגעפאָרן נאָך ווילנא, וואו ער איז געווען ביז זיין טויט. זיינע ספרים: א). „גלות הארץ החדשה״, איבערזעצט אין ווילנא תקפ״ג, (זע אין קהלת משה 1952 נ.א.; ב). „תולדות בני אדם״, ווילנא תקצ״ה: ג). „קרית ספר״, ווילנא תקצ״ה: (1835) ד). „הצרפתים ברוסיא״, ווילנא, תר״ב; ה). „דביר״ ווילנא, תר״ד, און נאָך אַנדערע ספרים געדרוקטע און מאַנוסקריפטן (זיין ביאָגראַפיע איז באַוואוסט און געדרוקט אין אַ באַזונדערע בראָשורע).

ד״ר מרדכי הערץ, הויפט ראַט און פראָפעסאָר, געבאָרן אין בערלין 1747

אין יאָר 1775, פאָרנדיק אין פוילן דורך קורלאַנד, איז ער געװען אין מיטװ באַ זיין ברודער, װאו ער איז געװען אַ לײנגערע צייט. זייענדיק אין מיטױ האָט ער פאַרפאַסט אין דייטש 3 װערק, קאָרעספּאָנדירט מיטן דייטשן קיסר פרידריך דער גרויסן, און פרידריך דער גרויסער שרייבט אין זיין בריוו צו אים: „הויכגעלערטער, ליבער, געטרייער". אויך זיין ביאָגראַפיע דאַרף מען ניט מאריך זיין װייל זי איז באַװאוסט*).

דוד פרידלענדער, געבאָרן 1750, געשטאָרבן 1834.**)

געװען פון די גרויסע תּלמידים פון גרויסן געלערטן מענדלסאָן. מיט עזות האָט ער אין נאָמען פון יודנטום ערנידריקט דעם כּבוד פון די גאונים אין יענער צייט; זייענדיק 43 יאָר אַלט, האָט ער מבזה געװען די אמונה און דאָס פאָלק, פון װעלכן ער שטאַמט, און זיך געװאָלט שמד'ן, און האָט נאָך אַנגערעט און פאַרפירט אַסך מענשן פון די נכבּדים אין בערלין; צו דעם צװעק האָט ער געשריבן אַ בריוו צום פּאַסטאָר טעלער אַז אויב ער װעט אים באַפרייען פון איינינע פּאַראַגראַפן פון קריסטליכן גלויבן, װעט ער, און נאָך אַ גרויסע געמיינדע אַריבערגיין אין קריסטליכן גלויבן: דוד פרידלענדער, איינער פון די גרויסע משׂכּילים, װעלכער האָט געװאָלט נאָכן טויט פון מענדלסאָן

---

*). אין גרעץ'ס געשיכטע װערט געבראַכט, אַז נאָכדעם װי ה' מענדלסאָנס טאָכטער האָט אָװעקגעװאָרפן איר אידישן מאַן און געהייראַט אַ קריסטן, האָט פּראָפעסאָר הערץ באַפוילן זיין פרוי, אַז מענדלסאָנס טאָכטער זאָל ניט באַזוכן זייער הויז, זיין פרוי אָבער האָט אים ניט געפאָלגט. און נאָכן טויט פון איר מאַן, האָט זי זיך געשמד'ט.

**) איך ברייננ די שלעכטע מעשׂים פון דעם מענטשן צו װייזן, װאָס השׂכּלה פון בערלין האָט אין יענער צייט געטאָן פאַר דאָס אידישע פאָלק און דער תּורה. די משׂכּילים פון יענע צייט, — װעלכע האָבן געװאָלט זיין פירער און פאָרשטייער באַ אידן — און האָבן גערעט קעגן דעם באַװאוסטן גאון ר' יחזקאל לנדוי פון פּראַג, און נאָך אַנדערע גאונים צו יענער צייט, יענע פירערס, — װאָס האָבן געזאָגט, זיי װעלן אופהויבן דעם גייסט פון אידישן פאָלק, האָבן געװאָלט אָדער פילע טאקע אַרויסגעגאַנגען אין פרעמדע פעלדער, און באַזונדערס זייערע תּלמידים, האָבן אויסגעטאָן זייערע קליידער, און אָנגעטאָן פרעמדע קליידער (געשמד'ט), און פיל פון זיי זיינען געװאָרן אידישע שׂונאים, אין פאַרלויף פון איניקע יאָר האָט זיך געשמד'ט אַהעלפט פון בערלינער אידישע געמיינדע, און נאָך מענדלסאָנס טויט, װי עס איז באַװאוסט, האָבן זיך אויך געשמד'ט זיינע פאַרהייראַטע טעכ־טער. (זע גרעץ'ס געשיכטע, זייט 146).

פאַרטרעטן זיין שטעל, האָט געוויאַלט פאַרציכטן אַף דאָס גאַנצע פאָלק און תורה, און דער פאַסטאָר האָט ניט פאַרציכטעט אפילו אַף איין פונקט פון זיין אמונה.*) (ווי ה' וואונדערבאַר שרייבט, איז דער פרידלענדער געווען אויך אין מיטוי)

יצחק אהרן, געבאָרן אין מיטוי אין 1798, געווען אַ לערער אַף עברית און אַנדערע שפּראַכן. אין יאָר 1827 פאַררייזט נאָך פּאָלאָצק; אין 1830 צוריקגעקערט אין מיטוי; אין 1840 פאַררייזט מיט זיין פאַמיליע נאָך חערסאָנער גוב.**) געשטאָרבן דאָרטן אין 1842. (ה' וואונדערבאַר).

ד"ר ערליך, הויפסראַט, געבאָרן אין פּרייסן, פריער געווען רעג. ד"ר אין ווילקאָמיר, אין 1770 געקומען אין קורלאַנד און געהייראַט אין מיטוי ר' קלמן באַרקום'ס טאָכטער. אַף דער פאָרלאָבונג איז געלייגט געוואָרן דער ערשטער שטיין פון דער ערשטער שול אין מיטוי. געשטאָרבן 1809.

ד"ר אברהם בערנהאַרד, הויפסראַט, געבאָרן אין 1762, געלערנט אין לאָנדאָן, מעדיצין, געווען אַ ד"ר אין האָנפּאַט, און קרייז־אַרצט אין שאַוויל, און קריגס־אַרצט אין סלאָנים, גראָדנער גוב. אין 1810 איז ער געקומען אין מיטוי און וויענדיק דאָרט אַ יאָר, אַרויסגעפאָרן נאָך מאָסקווע געדרוקט פון אים איניגע באַשרייבונגען אין מעדיצין. (ה' וואונדערבאַר).

קאָנסולאַט וואָלף, געבאָרן אין פּרייסן 1780, געקומען אין קורלאַנד און געגרינדעט אין מיטוי אַף שרייבער גאַס אַ אידישע שול, וואו אונטער זיין לייטונג זיינען געווען 3 לערערס. אין 1826 איז די שול שוין מער ניט געווען; (ה' וואונדערבאַר).

ר' ראובן בר' יוסף וואונדערבאַר, געבאָרן אין מיטוי י"ח תשרי תקע"ג (1813), געווען לערער אין אַ אידישע שול אין ריגאַ פון 1842 ביז האַלבן 1843, נאָכדעם רעליגיאָן־לערער אין רעגירונגס־שול אין מיטוי; געווען אַ באַר שטענדיקער איבערזעצער אין קירל. גוב. נאָכן טויט פון ר' ישראל פרידמאַן איז ער געווען דער פאַרטרעטער אין מיטוישן רבינאַט. ער האָט פאַרטרעטן די רבינער שטעלע אין יאָר 1855 און פון אָקטיאַבר 1858 ביז פעווראַל 1859

---

*) אין גרעץ'ס געשיכטע זייט 148 אין באַמערקונג איז געשריבן, אז ה' יאָסט האָט אַ טעות געהאַט אין זיין שרייבן, אז פרידלענדער האָט זיך געטריט מיטן אָפּזאָג פון פאַסטאָר טעלער, פאַרקערט, מיט 20 יאָר שפּעטער, אז פרידלענדער איז שוין געווען 63 יאָר אַלט, האָט ער דערמאָנט זיין בריוו צו פאַסטאָר טעלער.

**) אין יענעם יאָר האָבן פון מיטוי פאַררייזט נאָך חערסאָנער גוב. 362 מענשן, און מען האָט זיי אויך מיטגעגעבן אַ ספר תורה פון ק. באַרקום'ס שול.

מחבר געווען עלף ספרים, פון זיי אויך די געשיכטע פון אידן אין ליפלאנד און קורלאנד, געשריבן אויך פיל ארטיקלען אין דער דייטשער פרעסע. געשטארבן כ״ח אלול 1868. זיין אנדיינקונג איז אף א טאוועל אין מיטווישע גרויסע שול. זיין ברודערס זון איז געווען ד״ר יוסף וואונדערבאר.

ר׳ יהושע לעווינסאן, אן אייניקל פון הרב הגאון ר׳ יהושע זעליג אשכנזי בהגאון ר׳ יהודה ליב, רב אין יורבערג. (אין די רבנים פון פילטן). געבארן כ״ג תמוז תר״ג אין וויעשענטא, געקומען צו דער פאמיליע פון זיין אנקל, הרב הגאון ר׳ שמעון הורוויץ אין זאגער.*) דארטן האט ער געלערנט תלמוד און זיך פארפולקומט אין וויסנשאפט: נאכהער געווען רעג. לערער אין מיטווי און טוקום, פון דארטן געפארן איז לאדז: אנגענומען געווארן אלס רע-ליגיאן-לערער אין גימנאזיע פון פאביאניין. ער איז געווען א זעלטענער שריי-בער און פיל שפראכן. געשריבן פיל ארטיקלען אין פארשידענע ציטונגען פארפאסט איינגע ספרים, און פון זיי א גוטן ספר „ארץ רוסיה ומלאה״, ווילנא, תרכ״ט. (זיין ביאגראפיע באריכות—אין „ספר הזכרון״).

ד״ר מאקס שיינפעלד, פסיכיאטר, און כלל-טוער, געבארן אין מיטווי אין 1861, אומגעקומען דורך א גייסטיק-קראנקן אין יולי 1911. געענדיקט מעדיצ. פאקולטעט אין דארפאט, געווען אסיסטענט בא פראפעסאר קרעפעלין (Kräpelin). 7 יאר איז ער געווען ארדינאטאר אין ריגאשן פסיכיאטר. קראנקן-הויז, וואו ער האט פיל אופגעטאן. אין יאר 1896 האט ער דורך זיין דיסערטאציע באקומן דעם טיטל ד״ר מעדיצין, זייענדיק איינגע צייט אין דייטשלאנד, איז ער געקומען צוריק אין ריגא, וואו ער האט זיך איינגיבן ער-ווארבן א גרויסע פראקטיק, ער האט גענומען א לעבהאפטן אנטייל ניט נאר

*) הרב ר׳ שמעון הורוויץ איז געבארן ב׳ טבת תק״פ אין שקידי, גע-נומען געווארן פאר אן אידעס אין זאגער. וואו ער האט געגרינדעט א ישיבה, פון וועלכע עס זיינען ארויסגעגאנגען אסך לומדים, צו לעצט איז ער אנגעקומען פאר א רב אין לייפציג. זייענדיק נאך אין זאגער האט ער מחבר געווען „הערות לספר הפלאה שבערכין״, געדרוקט אין ווין תרי״ט, אין תרל״ב האט ער אפגעדרוקט זיין בראשיירע „מהלומות לגו כסילים״ געגן דעם רעפארמאטאר גייגער און אנדערע רעפארמירטע אין תרל״ה זיינען געדרוקט געווארן זיינע באמערקונגען צו מסכתא ברכות, תלמוד ירושלמי. אין תרל״ט געדרוקט דעם ספר „התניא״ מיט באמערקונגען. אויסער זיין גרויסקייט אין תורה, האט ער געהאט א גרויסע ידיעה אין דקדוק, שפת עבר, גע-שריבן פיל ארטיקלען אין „המסדרונה״, הלבנון״ און פיל שו״ת. געשטארבן אין לייפציג. („ספר הזכרון״).

אין די עניניס פון דער ריגער איד. געמיינדע, נאר אויך אין פארשידענע קול-טור און וואוילטעטיקע ענינים. ער איז אויך געווען א מיטגליד אין קאמיטעט צו דערדייכן גלייכבארעכטיקונג פאר אידן אין רוסלאנד; אפן צוזאמענפאר פון די בלל-טוער אין קאוונא איז ער, ניט קוקנדיק, וואס זיין פראקטיקע איז געווען אזוי גרויס, אז מענשן פלעגן ווארטן אייניקע טעג אנצוקומען צו אים, — האט ער דאך ניט געקוקט אף זיין צייט, זיין מי און געלט, געפארן נאך קאוו-נא וואו ער האט זיך אופגעהאלטן אייניגע טעג. אין דער צייט פון שענדליכן בלבול-בייליס פראצעס האט ער געארבעט אופצודעקן די פאלשקייט פון דעם בלבול.

ער האט געדרוקט אייניקע מעדיצינישע ווערק.

די ריגעשע איד געמיינדע האט אף אירע קאסטן אויסגעפירט די לויה פון ד"ר שיינפעלד און געשטעלט אף זיין קבר א גרויסארטיקע מצבה, די אופשריפט אף וועלכער הייבט זיך אן מיט די ווערטער: „הלב העברי הגדול הדל מלדפוק וכו׳. (די גרויסע אידישע הארץ האט אופגעהערט צו קלאפן).

יעקב בן ישראל איזראעלסאן, געבארן אין מיטוי 1856. פריער בא-קומען הויז-ערציאונג נאכהער געלערנט אין ליבוישע גימנאזיע: ענדיקנדיק די גימנאזיע איז ער אין 1876 אנגעקומען אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט אפן פאקולטעט צו ערלערנען אריענטאלישע שפראכן. הויפטזעכליך סעמיטישע שפראכן, און שוין אין 1878 האט ער באקומען א גאלדענע מעדאל פאר זיין ארבעט. די באציאונג פון די סירישע איבערזעצונג (פשיטה) פון פאראליפאמע-נאן צום אידישן אריגינאל". אין 1880 האט ער געענדיקט זיין קורס אוניווער-סיטעט; אין 1883 האט ער געראלטן עקזאמען אף מאגיסטער. אין יאר 1902 האט ער אין בערלין געהאלפן דעם בלינדן יוסף דערבענד אין זיינע וויסנ-שאפטליכע ארבעט, און האט א גרויסן אנטייל גענומען אין צוזאמענשטעלונג פון Grande Ercyclopédie 1903—1904 איז ער געווען מיטארבעטער אין „וואסחאד", אף די אפטיילונג קריטיק און ביבליאגראפיע: אונטער זיין רע-דאקציע איז ארויסגעגאנגען די רוסישע איבערזעצונג פון יוסף פלאוויס ווערק „די אידישע מלחמה" ארויסגעגעבן פון „וואסחאד". אים געהערט אויך די איינ-לייטונג און איבערזעצונג פון דעם גרעסטע טייל ווערק פון זעלבן שרייבער „איבער די אלטקייט פון אידישן פאלק". אין דערזעלבער צייט האט ער געאר-בעט פאר די ענציקלאפעדיע בראקהויז־עפראן, וואו ער האט געשריבן א ריי ארטיקלען איבער דער אידישער מחמדנישער געשיכטע. פארנעמענדיק זיך הויפטזעכליך מיט אידיש־אראבישע ליטעראטור, האט איזראעלסאן געדרוקט ארטיקלען אין די אנגעלעגנהייטן אין „Revue des Etudes Juives" „פירוש

פון ר׳ יהודה בן בלעם אף ספר ירמיהו און נאך אנדערע. (ענציקלאפעדיע בראקהויז-עפראן, א טייל, 74)

(*הרב ר׳ מנחם מנדל יהודא ליב בן הרה״ג ר׳ יואל שלום שערהייא, געבארן אין ריטעווא קאוונער גוב. ב׳ כסלו תר״ט. (15 נאוועמבער 1848) געלערנט בא זיין פאטער גמרא און פוסקים. נאר דער יונגער מנדל ליב האט ניט געוואלט מאכן די תורה פאר עקסיסטענץ צו מאטעריאלישן לעבן, און האט באשלאסן צו לערנען חכמת-הרפואה, און צוליב דעם איז ער ענדע יאר 1870 געקומען אין בערלין, און צוליב זיין גרויסע ידיעה אין תלמוד האט אים הרב הגאון ר׳ עזריאל ד״ר הילדעסהיימער צו גענומען לערנען מיט זיינע קינדער גמרא און די קינדער האבן מיט אים געלערנט אלגעמיינע בילדונג און פארברייט אנצוקומען אין בערלינער אוניווערסיטעט, אין 1873 קומט ער אן אין אוניווערסיטעט, און 1878 באקומט ער דעם טיטל ד״ר מעדיצין און הירורג. זיין דיסערטאציע האט דאן ארויסגערופן די בעסטע מיינונגען פון די בערימטע ספעציאליסטן אין די מעדיצינישע ליטעראטור די באוואוסטע דייטשע פראפעסארן: ווייטיק וואלדענבורג און לאנדוי. אין זייערע ווערק דערמאנען די געלערטזאמע פארשונגען פון דעם יונגן ד״ר שערהיי און פארלאזן זיך אף זיינע מיינונגען ווי אף אן אמתן אויטאריטעט, אין 1878 יאר באזעצט ער זיך אין פעטערבורג וואו ער ארבעט אין א קליניק, אין 27 פעווראל 1883 קומט ער אין ריגע זיין פאפולאריטעט איז געווען זייער גרויס: הונדערטער רבנים פון די גאנצע וועלט און כתם למדנים, וועלכע פלעגן קומען אין דובעלן פלעגן אים באזוכן, און פלעגט בא זיי קיין געלט ניט נעמען אמאל האט א באמיטעלטער רב געוואלט ניט אנדערש ער זאל בא אים נעמען, פאר זיין וויזיט, האט ער אים געענטפערט: איך פארשטיי פאר וואס איר ווילט ניט אנדערש ווי מיר באצאלן, ווייל די חכמים זאגן „אסיא דמגן מגן שויא״ א דאקטאר וואס קורירט אן געצאלט איז גאר ניט ווערט. דאס איז אבער געזאגט געווארן פאר די דאקטוירים וועלכע גלויבן ניט אין געצאלט (שכר) איך בין אבער א מאמין, איך גלויב; איך בין געווען דערביי, ווי א רב פון א קליין שטעטל, וועלכער פלעגט גאנץ אפט פארנעמען פיל צייט ד״ר שערהיי, איז געקומען

---

*), איך האב נעפינען פאר נייטיק צו געבן א ארט אין דעם ספר דעם גרויסן אידן הרב הגאון ד״ר שערהייא וועלכער האט געלעבט אין רינא בא מיטוי. וואס נאך מיין מיינונג איז קיין נוזמא, אז הונדערטער יארן איז ניט געווען אזא פערזאן וואס זאל זעך אין אים פאראייניגן אין א גרויסע מאס תורה, חכמה, דת ודעת, יראת שמים והשכלה ווי בא ד״ר שערהייא.

א רעכטע צייט נאָך די שפּרעכשטונדן, שערהייס טאָכטער, וועלנדיק פאַרהיטן דעם שוואַכן פאָטער וועלכער איז געווען מיד און געלעגן אין בעט, האָט דעם רב געהייסן קומען שפּעטער, ה' שערהיי האָט אָבער דערהערט אַז מען וויל אַריין קומען, האָט ער געהייסן זיין טאָכטער זי זאָל אים אַריינלאָזן, ה' שערהיי איז געלעגן אין בעט אַזוי מיד אַז ער האָט זיך, ניט געקענט אופהייבן, ער האָט צוגערופן צום בעט דעם רב, און האָט אים אונטערזוכט און געפונען פאַר געזונט, און האָט זיך גארניט געערגערט וואָס ער האָט אים געשטערט זיין רו; טראָץ דעם וואָס ער איז געווען א שוואַכער, האָט ער אַליין געלערנט.

און כמעט אַלע רבנים און למדנים וואָס פלעגן קומען אין דובעלן אים באַזוכן אלס פּאַציענטן, פלעגן זיי מיט אים ריידן און לערנען און פאַר־נעמען פיל צייט. ער האָט איך פיל געטאָן פאַרן כלל, און בפרט פאַר די אינטערעסן פון רעליגיע: ער האָט אויך פיל געאַרבעט ווען עס איז אופגעהויבן געוואָרן די פראַגע צו פאַרבאָטן שחיטה.

אין יאָר תרס"ו האָט ער געדרוקט זיין ווירדיקן ספר „משיב נפש" 3 חלקים, שאלות ותשובות וחדושים און באורים, די באַרימטע גאונים ר' משה שאַפּירא ריגער רב און ר' שלמה הכהן — ווילנא, שרייבן אַף זייערע הסכמות „הרב הגאון הגדול" און די גרעסטע גאונים אין זייערע בריוו צו אים זיינען מפליא דעם ספר: אויסער זיינע לומדות קען מען זען פון ספר וואָס פאַר א יראת שמים און מדקדק במצות ער איז געווען, אין יאָר 1915, איז ער אויעקגעפאָרן אין קאנאטאפ וואו עס לעבט זיין איינציקע טאָכטער מיט איר מאַן, און איז דאָרטן געשטאָרבן 8 טבת תרע"ט. האָט נאָך געלאָזן פיל כתבים אין עברית און דייטש, אין פאַרשיידענע ענינים, אין תורה, מעדיצין, חקירה, אין געשיכטע זע וועגן אים „אין אונזער טאָג בלאַט, פּעטראָגראַד № 8, 1918

## חברות אין מיטוי

אין יאָר ת"ץ 1729 האָט מען דורך די השתדלות פון איינעם א אַנגע־זעענעם מענטשן, ר' יצחק בן יהודא, באַקומען ערלויבנים צו גרינדן א חברה קדישא אין מיטוי, (איינער האָט מיר דערציילט, אַז א קאַטוילישער גלח אין מיטוי האָט אים געוויזן, דאָס אין זייערע ביכער פון געשטאָרבענע, איז פאַר־צייכנט א איד, וועלכער איז מקובר געוואָרן אַף די קאַטוילישע פרידנס—רו, וייל עס איז ניט געווען קיין אידישער).

אין חברה קדישא פנקס, איז פאַרשריבן „למען ידעו דור אחרון שמו"ה

יצחק ב״ה יהודא*) שם נפשי בכפי ובגופו והוציא מכה אל הפועל להשתדל עבור הבית עלמין מהערצאָג דקורלאַנד ונתן ד׳ הנו בעיניו ופעל ממנו תאוות נפשו ובזכות זה יסיד ד׳ חרפת עמו ובלע המות לנצח בב״א.

ולראי׳ באתי בפקודת ששה ושבעה אנשים.

עזרי זוסמאַן ב״מ בנימין סופר דח״ק.

דער אינהאַלט: די קינפטיגע דורות זאָלן וויסן, אז ר׳ יצחק בר׳ יהודא האָט מיט אַלע כחות זיך געסטאַרעט וועגן אַ בית עולם באַם הערצאָג פון קורלאַנד, און ג־ט האָט געגעבן חן אין זיינע אויגן, און זיין בקשה איז דערפילט געוואָרן אין דעם נאָמען פון די 7 מענטשן, עזרי׳ זוסמאַן דער שרייבער פון חברה קדישא.

דורך די השתדלות פון די ברידער באַרקוס, האָט מען זיי צוגעגעבן נאָך אַ שטיקל ערד צום בית עולם. אין פנקס פון חברה קדישא איז פאַרשריבן דער קאָנטראַקט, וועלכער איז געמאכט געוואָרן אין גובערנ. רעגירונג 1825, צווישן די גוב. פאַרוואַלטונג און גבאים. אָפן קאָנטראַקט זיינען געחתמ׳ט וויצע־גוב. מאַיכעלל; 1 שטאַט־ראַט רעקקע; ראַט־טיזענהויזן; סעקרעטאַר־זוראַפים; 1 גבאי־מנדל ברוך אפענהיים: 2 גבאי־יואל הירשפעלד; 3 גבאי־עקיבא מאַרקוויץ: קאַסיר־גאָלדבלאַט.

אין יאָר תרפ״ה (1925) איז אָף די קאָסטן פון פאַמיליע האָף, איז אין פולן אָרדנונג געמאַכט געוואָרן די געביירעס ביים בית־עולם, באַזונדערס האָט ער פיל צייט אָפּגעגעבן דאַצו ד״ר ראובן האָף.

אויך אין דעם יאָר איז אַף די קאָסטן פון ר׳ צבי הירש (הערמאַן) הכהן קאָן צו דעם אָנדייקונג פון זיין פאָטער ר׳ יצחק בר׳ אליהו הכהן גע־שטאָרבן כ״ב אלול יאָר תרפ״א (1921), געמאַכט געוואָרן צו בית־עולם דער גדר פאַר די כהנים.

אין יאָר תרפ״ו 1926 איז דורך די השתדלות פון די גבאים פון חברה קדישא ר׳ גרשון בר׳ יקותיאל הירשבערג, און ר׳ רפאל יהודא (רודאָלף) בר׳ מרדכי הירשפעלד, האָט די מיטווישע שטאָט פאַרוואַלטונג צוגעגעבן לעבן

---

*) ווי עס איז צו זען, זיינען געווען 2 יצחק בר׳ יהודה׳ס און מוטוי וייל אין דעם פנקס איז פאַרשריבן אז ר׳ יצחק בר׳ יהודא נתקבל בחחברה שנת תקכ״ז (1767) ובשנת תקל״ו איז פאַרשריבן, אז ר׳ יצחק בר׳ יהודא איז גע־ווילט געוואָרן פאַר א גבאי ראשון, און איז געשטאָרבן 12 טעג אין שבט תקפ״ב (1822), איז דאָך ניט מעגלעך, אז דאָס איז דערזועלבער ר׳ יצחק בר׳ יהודא, וואָס איז ת״ץ (1729) האָט ער באַקומען ערלויבנים צו גרינדן א חברה קדישא.

אלטן בית עולם א גרויסן גרונדשטיק אף א בית עולם יועלכער איז אין 1926 נומער 1016 פונקט | באשטעטיקט געוואָרן אפן נאָמען פון חברה קדישא.

דורך די השתדלות פון די גבאים פון חברה קדישא איז געמאַכט געוואָרן א גדר צום נייעם בית עולם, מאטריאל צום גדר האָט געגעבן פאמיליע האָף. אין מיטוי איז פאראן נאָך א בית הקברות וועלכער עס איז געגעבן געוואָרן אין יאָר תקצ״א (1831) מקבר צו זיין די געשטאָרבענע פון חלירע עפידעמיע אין 1831 יאָר. דאָרטן זיינען מקובר געוואָרן איך הרב הגאון אפרים יאקאבסאָן געוועזן מורה הוראה אין מיטוי; און דער געלערטער ר׳ יהודא הכהן קראן; דורך די השתדלות פון ר׳ גרשון הירשבערג*) איז דער פלאַטץ פון בית־הקברות קראַבעררירט געוואָרן אף דעם נאָמען פון חברה קדישא. דער בית־הקברות איז מיט א גדר און איז אין אָרדנונג.

דער פנקס פון חברה קרישא איז געגרינדעט געוואָרן אין ת״ץ (1729). עס איז כדאי צו נעמען אין אַכט אייניגע תקנות, וועלכע עס זיינען דאָרט פאַרשריבן: צ. ב.: אז די גבאים און דער קאססיר מוזן וויזן זייער פאַרמעגן נים ווייניקער ווי 500 אסיג.**) און איגגער פון 30 יאָר קען קיי־נער נים אַריינגענומען ווערן אַלס מיטגליד אין פאַריין.

אין יאָר תקל״ט איז געמאַכט געוואָרן א נייער פנקס מיט א קאָפּיע פון אַלטן***)

אין יאָר תקל״ט איז געמאַכט געוואָרן א דריטער פנקס מיט א קאָפּיע פון די צוויי פאַריקע פנקס׳ן אָנגעפאַנגען געוואָרן צו שרייבן ערב שבת 26 טעג אין סיון תקצ״ד, און געענדיקט 15 טעג אין שבט תקצ״ו דורך דעם איבערזעצער און שרייבער מהור״ר מאיר קאָפּל מרגליות.

געלט אַפן פנקס האָט מנדב געוועזן מהור״ר משה בר׳אליהו גאָלדבערג.

די ערשטע הקדמה איז געשריבן פון הרב ר׳ ישראל פרידמאַן, צו יענער צייט, רב אין מיטוי.

די אַנדערע הקדמה און איינליימונג און א שיינער געדיכט אין העב־

---

*) ר׳ גרשון הירשבערג איז א אידישער משכיל פון פריערדיקן דור, געלערנט תלמוד א גרויסער ידען אין תנ״ך און דקדוק, פאַרשטייט די אידישע און דייטשע ליטעראַטור, געוועזן א גבאי אין פאַרשידענע חברות, יאָרן לאַנג ווי ער איז דער גבאי אין „חברה קדישא״.

**) 500 אסיג.—25 רובל, א גרויסע סומע פאַר יענע צייט

***) די פנקסן פון ת״ץ און תקל״ט זיינען נישטא. מלחמה־צייט איז פאַר־לאָרן געגאַנגען אויך דער לעצטער פנקס. פון וועלכן איך האָב איבערזעצט.

רייאיש זיינען פון איבנדערמאַנטן איבערזעצער ה' מרגליות. די ערשטע הקדמה איז פון י"ד סיון; די אנדערע — פון כ"ב סיון.

אין ת"ין 1829 צום ערשטן מאָל איסגעווײלט געוואָרן גבאי ראשון האלוף מהור"ר אברהם במהו"ר יואל. און דער זעלבער ר' אברהם איז יעדן יאָר געווײלט געוואָרן אלס גבאי ביזן יאָר תקע"ט אייסער ת"ק און תק"ד איז געווײלט געוואָרן אַן אַנדערער.

גבאי שני איז צום ערשטן מאָל געווען ר' שלמה זלמן בר' צבי.

נאמן איז געווען, ה' משה בה' זאב וואולף.

רואה חשבון איז געווען, הרב המופלג הקצין מ' יחזקאל סג"ל, וועער איז געווען הרב ר' יחזקאל ס"גל איז ניט באַוואוסט, נאָר געוויס איז ער געוואָרן אַ גדול בתורה, דען דאַן פלעגט מען זעלטן שרייבן „הרב המופלא"; הער וואונדערבאַר שרייבט, אז אַפּן מיטיישן בית הקברות איז גאַנין טיף געפונען געוואָרן אַ מצבה פון ר' דוד לעווי פון תקצ"ה (1735) וועלכער איז געקומען פון קאַסעל, און ער צווייפלט, אויב ער איז געווען רב אין מיטוי, אָדער רע-ליגיאָן לערער? נאָך מיין מיינונג איז דאָס דערזעלבער „הרב המופלא הקצין", וועלכער איז געווען דער רואה השבון דעם ערשטן מאָל אין ת"ין, ווייל עס איז באַוואוסט, אַז דער נאָמען „יחזקאל" ווערט געשריבן און גערופן „דוד יחזקאל", און דער ביינאָמען „סג"ל" (סגן לוי) איז שייך צו דער פאַמיליע „לוי" — איז זיכער, אַז „יחזקאל" און „דוד" און „סג"ל" און „לוי" איז איין נאָמען און איין מענש' פון יאָר תקכ"ד (1764) ביז תקכ"ז און פון תקמ"ד (1784) ביז תקמ"ט און אויך נאָך אין איניקע יאָרן זיינען פאַר קיין וואַלן גבאים ניט פאָרגעקומען.

## 2. הברה ביקור חולים.

געגרינדעט אין יאָר 1770. דער פנקס פון דער חברה איז געמאַכט געוואָרן אין תר"א (1841). פון פנקס איז דייטלעך צו זען אַז די הברה איז געגריגדעט געוואָרן ניט שפּעטער פון תק"ל (1770), ווייל אין דער הקדמה פון פנקס ווערט געזאָגט אַז דער ערשטער פנקס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר: בשורה טובה" לפ"ק 1775 (תקל"ה). דער צווייטער פנקס — אין תקע"ב, 1812; דער דריטער פנקס — אין חדש אלול תר"א 1841. דער איבערזעצער און דער גרינדער פון די פנקס'ן איז דער אויבנדערמאַנטער ר' מאיר קאַפּל מרגליות, געשריבן מיט געדרוקטע אותיות, אַ זעלטענע שיינע שריפט אין העברייאיש און דייטש; אַף דער פאָרערבלאַט געפינט זיך פאָלגענ-דע שריפט: „אינדעם דאָס ביזהעריקע בוך דורך אונרעגעלמעסיגעם בוכפיהרען,

יעדעס דער עטוואס איינעם געגענשטאַנד אין דעם זעלבען צו פינדען האַטע, דורך פילעס זוכען אונד ווידערזוכען אונגעמיינען פעררדרוס אונד צייט — אויפוואַנד קאָסטעטע, זאָ האַבען דיא פאָרשטעהער דיזער חברה אים יאהר ה"ת'ר'א (1841) זיך פעראַנלאַסט געזעהען: איינע איבעראַליגע העתקה איינצואָרדנען, אום אַללעס, זאָוויעל דאַס פאָרהאַנדענע, אַלס דאָס נאַכמאַלס איינצופיהרענדע אין געהעריגער אָרדנונג דורך איינען..."

דער פנקס איז געמאַכט אין זעלטענער אָרדנונג: ער אַנטהאַלט 274 בלעטער, נאָר גאַנץ ווייניק בלעטער זיינען פאַרשריבען; אַפן 2-טן בלאַט געפינט זיך דער רעגיסטער פון דעם אינהאַלט:

1). דאָס טיטל-בלאַט; 2). דער רעגיסטער; 3). די פאָררעדע איבערטראָגן פון ערשטן פנקס; 4). דער רעגלאַמענט באַשטעטיקט פון מיניסטער; 5). א באַפעל פון קו לענדער רעגירונג דעם פאָליציי-מייסטער; 6). די פאַראָרדנונג פון דער געזעלשאַפט; 7). נעמען פון די מיטגלידער; 8). די גבאים פון יעדן יאָר; 9). די באַדינגונגען, אַף וועלכע מיטגלידער ווערן אָנגענומען; 10). די יערלעכע הכנסה און הוצאה; 11). פאַרשיידענע געגנשטענדע צום געדעכעניש פון דער חברה; 12). דעלעגאַט-געלטער פאַרצייכנים.

דער רעגלאַמענט אַנטהאַלט 37 פאַראַגראַפן אונטערשריבן פון אינערן-מיניסטער שטאַטס-סעקרעטאַר ק. בלודאָוו; דירעקטאָר לענז פ. פ. ווינער; טראַנסלאַטער, איבערגעקוקט די ריכטיקייט פון דער קאָפיע וו. באַלטייונג.

עס איז כדי צו בריינגען אייניקע וויכטיקע פאַראַגראַפן:

§ VI: „יעדעס גליד צאַלט אַן דיא קאַססע דער געזעלשאַפט צו 12 קאָפעקען ז. מ. מאָנאַטליך; יעדאָך ווירד דורך דיזע בעשטימונג דער זוממע קיינעם וויללע גערויבט אויך אין גרעסערן קוואַנטיטעטען ביטראַגע צו מאַכען."

§ VI: „דיזע שפאַרביקסע ווירד ביי איינעם דער ראַבינער, נאָך דער וואַהל דער פערוואַלטונג דער געזעלשאַפט, אויפבעוואַהרט."

§ IX: „אַלס גלידער דער געזעלשאַפט, קאַנן יעדע פערזאָן מאַנליכען געשלעכטס, וועלכע איינוויללינגט צום בעסטען דער געזעלשאַפט די פעסטגעזעטצטען געלדער איינצוצאַהלען, אויפגענאָמען ווערדען, וועלכע וועגען איהרער גוטען פיהרונג אונד שטרענגען מאָראַליטעט באַקאַננט איזט, דעסהאַלב ווערדען לייטע פאָן שלעכטע מאָראַליטעט אונד דיא יעניגען דיא איינער עפפענטליכען בעשטראַפונג אונטערצאָגען געוועזען, ניכט אַלס גלידער דער געזעלשאַפט אויפגענאָממען; דער פערוואַלטונג ווירד עס איבערטראַגען הירויף

אבּאַכּט צו האַבּען."

§ X: „גלידער דיא אין דער געזעללשאַפט שטרייטיגקייטען אונד אונאָרדנונג אנצוריכטען וואגען, ווערדען נאָכדעם מאַן היראיבּער געוויסהייט ערלאַנגט, אוים דערזעלבּען אויסגעשלאָססען."

§ XV: „די דירעקטאָרן דירפען ניכט יינגער אַלס 20 יאהרע זיין אונד עבּרעאיש צו לעזען אונד שרייבּען פערשטעהען."

§ XXVI: „די אויסשיטונג דער מילדען בּייטרעגע אונד דער שפּאַרבּיקסע ווירד מאָנאַטליך בּעווערקשטעלליגט אונד צוואַר צור פעסט־געזעטצטען צייט אין געגענוואַרט דעם ראַבּבּינערס בּייא וועלכעם זיא אויפבּעוואַהרט ווירד, דעם פּרעזידירענדען דירעקטאָרס אונד דעם רענט־מייסטערס."

אַף דער 8־טער בּלאַט פון פּנקס געפינט זיך אַ קאָפּיע אונ־טערן № 1138 פון קייזערליכן בּאפעל, וועלכער לויטעט: „פּראַד. ד. 30 זעפּטעמבּער 1825.

קאָפּיע № 1138.

## באפעהל № 5341.

זיינער קאַיזערליכען מאַיעסטעט דעס זעלבּסטהערדשערס אַללער רייסען א. ז. וו. אוים דער קורלענדישען גאוּבערנעמענטס־רעגירונג אן דען מיטאַווישען הערן פּאָליציי־מייסטער אבּערסט־לייטענאַנט פרידע:

דא פּאָם קאָללעגיא דער אַללגעמיינען פירזארגע היער איינגעגאַנגענע קאָממוניקאַט פאם 8־טן זעפּטעמבּער ד. י. איבּער דיא אויפנאַהמע דער עבּרעאישען קראַנקען אין דיא אַנשטאַלטען דעס קאָלעגיי דער אַללגעמיינען פירזארגע ווירד. דעם מיטווישען הערן פּאָליציי־מייסטער הינעבּען אבּשריפטליך מיט דער פאָרשריפט איבּערזענדעט, דען אינהאַלט דעסזעלבּען דען פּאַרשטעהערן דער צור אונטערשטיטצונג היעזיגער קראַנקע אונד הילפסבּעדירפטיגען עבּרעאישער נאַציאָן בּעשטעהענדע געזעללשאַפט צו עראָפפנען.

שלאָס מיטוי דען 25־סטען זעפּטעמבּער 1825.

רעגיערונגסראַטה פ. פ. ק ל יי ן    זעקרעטאירע א בּ יי ט ל ע ר

1־סטע אבּטהיילונג.    ק. צל. האָפּפּמאַרק.

פּראָפּעראַ קאָפּיאַ פּאָלליציי־זעקרעטאַירע ז. בּ אָ וו ע ן.

№ 1138.

אַבשריפט מ. ד. י. א.

קורלענדישעס קאָללעגיום  אַן איינע קורלאנדישע גוּווערנעמענטס=רעגירונג
דער אַלגעמיינען פירזאָרגע
מיטויא, אַם 8=טען זעפּטעמבער 1825 № 642

איינע קורלענדישע גוּווערנעמענטס=רעגירונג האט בייא דעם קאָמוני=
קאַט פאָן 18=טן יוני דיעזעס יאַהרעס № 3433 דעם קורלאנדישען
קאָללעגיום דער אַלגעמיינען פירזאָרגע דאס געזוך דעם פאָרשטעהער
דער היעזיגען עבּראאישען קראַנקען־אונטערשטיטצונגס געזעללשאַפט
וואָרינגען דיעזעלבען אום איינע בעשטיממונג ביטטען, ווירד זיא זיך
אין פאללען, וואָ דיא אויפנאַהמע איינעס עבראאישען קראנקען אין די
אנשטאַלט דעם קאָללעגיא נאָטהווענדיג ווירד, צו פערהאַלטען האַ=
בען,—מיט דער רעקווירזיציאָן איבּערזאַנדט, איבּער דאס אַנזוכען דער
זופּליקאַנטען דער רעגירונג איינע מיטהיילונג צו מאַכען.

נאָך היראיבער געשטעהענעס פאָרטראָגע האט דאָס קורלאנדישע
קאָללעגיאום דער אַלגעמיינען פירזאָרגע בעדפיגט: איינער קורלענדישען
גובערנעמענטס רעגירונג צו ערווידערן, דאָס דיא נאכגעזוכטע אויפ-
נאַהמע פאָן קראַנקען עבראאישער נאַטציאָן אין די אַנשטאַלטען דעם
קאָללעגיי געגען ערלעגונג פאָן 60 קאָפּ. קופּ.=מינצע טאגליך פיר
יעדען קראנקען שטאַטטפינדען קאננע, אונד דאָס דיא אויפצונעה=
מענדען זיך מיט צייגניססע דער פאָרשטעהער דער עבראאישען
קראַנקער־אונטערשטיצונגס געזעלשאַפט צו פערזעהען, אונד זאָדאַנן
בייא דעם דירעקטאָר דער היעזיגען אַרמען=קאָמיטעע, הערין קאָללע=
גיענראַטה אונד ריטטער פאָן האַרדער צו מעלדען האַבען'

ציפיל גופענער ב. ב. האָהן'

זעקרעטעריע ג. טייכהערט.

פּראָוויערא קאָפּיא א. ביטלער. האָפּפמארק אין פּידעם
זעקרעטאריע ג. באָוען: בלאט 9. זיינען געשריבען אין העברייאיש 18 תקנות,
פון וועלכע איך געפין איניקע פאַר נויטיק צו ברייגגען. תקנה ג.: מען קען
ניט ווילן אַלס א גבאי, דעם יעניגן וועד עס איז ניט געוועזן 3 יאָר אַ מיט=
גליד אין פאַריין און דער וועד עס איז קיין גבאי ניט געוועזן קען ניט זיין
א קאסיר, דער קאסיר מוז זיין א נגיד.

תקנה ח.: „יום חמישי, פרשה וירא, זיינען פאַרפליכטעט אַלע מיט=
גלידער צו פאַסטן און קומען באם גבאי חדש דאַוונען און זאָגן סליחות; וועד

עס טרעט אריבער די תקנה, מוז באצאלן שטראף איין ג״ש, *) ווער עס איז קראנק, מוז געבן פדיון א האלבן ג״ש, און דער ווער עס וועט סתם ניט פאסטן און ניט מודיע זיין דעם גבאי חדש, ווערט באטראפט מיט א חצי ר״ש.״

תקנה טז: „ווען עס איז נויטיק צוזאמענצורופן א פארזאמלונג, דארף דער גבאי חדש דורכן שמש אלעמען מודיע זיין און צוזאמענרופן. דער ווער עס קומט ניט, ווערט באשטראפט מיט וויינ.-סטנס א האלבן ג״ש.

תקנה י״ז: „אויב א מיטגליד איז הלילה קראנק און מען דארף בא אים נאכטן דארפן 2 פון דער חברה, אף וועלכע עס פאלט דער גורל פון דער קלפי, דארטן זיין די גאנצע נאכט; באטאג דארפן אנדערע 2 מענטשן גיין דעם הולה מבקר זיין, אויסער די 2 גבאים, וואס דארפן אים מבקר זיין. אויב חס ושלום שטארבט איינער פון די מיטגלידער, דארף גאנין הברה באגלייטן אים אפן בית עולם און זיין דארטן ביז נאך דער קבורה. ווער עס איז עובר די תקנה, צאלט שטראף „אגולדן אף צדקה״.

תקנה י״ח: „ אין אן עיבור יאר געהערט דער חדש עיבור דעם גבאי ראשון״.

פון 27-סטן בלאט און ווייטער געפינען מיר די וואלן פון די גבאים פון יאר תק״ע (1810)—1886 (תרע״ו) די נעמען פון די גבאים, וועלכע זיינען געוויילט געווארן דעם ערשטן יאר, זיינען:

גבאי ראשון — מהור״ר ראובן במ״ה יצחק ב״ין; גבאי שני — ה׳ דוב בער במ״ה דוד; גבאי שלישי — ה׳ יוסף במ״ה שמעון; נאמן — ה׳ שמואל ב״ה מרדכי; בעל תקנה וסופר — מ״ה משה במ״ה יהודא זונדל; רואה חשבון ראשון — ר׳ אליעזר ב״ה יוסף; רואה חשבון שני — ה׳ יעקב במ״ה משה (נעדר); בעל תקנה ראשון — מ״ה יהודא זונדל; בעל תקנה שני — ר׳ שמואל במ״ה יצחק; במקים—ה״ה יהודא בר׳ אברהם.

בלאט 36 פון 9 אפריל 1900 איז שוין אין פנקס געשריבן דער פראטאקאל פון די וואלן פון אן נייעם פארשטאנד אין ביקור הולים אין דייטשע שפראך מיט דייטשע בוכשטאב.ג.**)

אפן בלאט ק״ז איז געשריבן פאלגנדעס: „די נגינ־קן דאטום האבן די גבאים פון חברה בקור הולים געדונגען פון די גבאים פון בית הכנסת די

---

*) איך רעכן, אז ג״ש באדייט: „גולדן שטיק׳.

**) ניט קוקנדיק וואס אין § XV איז געזאגט, אז אפילו די דירעקטארן דארפן פארשטיין צו לעזן און צו שרייבן העברייאיש.

מקוה מיט די נעבן־געביידעס פאר 50 רובל, מיט 4 רובל א חדש צו צאָלן פאַרויס. מיטוי, ה כסלו תר״ב (1841).״ אונטערשריבן: אברהם בר׳ יקותיאל הורוויין; יקותיאל בר׳ צבי הירש הירשבערג, און אנדערע.

ווי עס איז צו זען פון בלאט ק״ו, האָבן די גבאים (שבעה אנשים) פון בקור חולים מיט דער חברה אויך באשטימט גבאים אפן גרויסן בית המדרש. אזוי איז אין פנקס פאַרשריבן, אז הי״הם פסח תר״ג (1843) האָבן די גבאים און די חברה איינגעשטימט, אז הישיש מה״ר יהודא ליב ב״מ דוד הכהן דייך זאָל זיין גבאי אין בית המדרש הגדול 3 יאָר.*)

זייט קט״ו איז געשריבן, אז דער פאַרשטאָרבענער יעקב משה וועד־בלונער האָט געלאָזן 2000 רובל אקרן קימת פאַרן ביקור חולים, און די חברה האָט זיך מתחייב געווען אין זיין יאָרצייט ב׳ אייר, מתפלל צו זיין פאַר זיין נשמה און מאַכן אים א הזכרה אף זיין קבר.

ווייטער איז דאָ־טן פאַרשריבן, אז פאַר די טויזנט רובל וואָס זעמ־נאט יוליוס שטערן האָט איבערגעלאָזן אפן ביקור חולים, זאָל מען האלטן זיין יאָר־צייט כ׳ תשרי, מתפלל זיין פאר זיין נשמה און מאַכן א הזכרה אף זיין קבר.

אף זייט קל״ו איז פאַרשריבן, אז י״ח אלול תר״ה (1845) איז אָנ־גענומען געוואָרן הרבני מהור״ר ר׳ צבי הבי הירש בר׳ זאב **) פאַר א ש״ץ (חזן) אף 3 יאָר אין גרויסן בית המדרש פאַר 15 רובל א יאָר. די שכירות דאַרף ער באַקומען אין חדש תשרי. אף דער זעלבער זייט איז פאַרשריבן, אז, ערב ראש חדש אייר תרי״ב, איז איבערגעגעבן געוואָרן דער חשבון פון ר׳ נחום אליעזר בר׳ בן ציון בלומזאָן***) און פון ר׳ ליפמאַן בר׳ אליעזר

---

*) דער בית המדרש האָט זיך דאַן גערופן דער ביקור חולים בית המדרש.

**) ער איז המופלג ר׳ צבי הירש הירשבערג, געקומען פון פלאַנט נעד־ווען שוחט אין מיטוי נאָך פאַר דער צייט פון די גאונים ר׳ הירש חריף און ר׳ יחזקאל, רבנים אין מיטוי. געשטאָרבן אין מיטוי י״א טבת תרי״ז (25 דעקאבר 1826) פון זיינע זין זיינען די נכבדים ר׳ יקותיאל הירשבערג, געווען יאָרן לאנג שוחט אין מיטוי און פון די גבאים פון גרויסע שיל; נאָך אין יאָר תר״ב (1842) געפינט זיך זיין אונטערשריפט צווישן די גבאים פון ביקור חולים. געשטאָרבן אין טיפן עלטער ב׳ שבט תרע״א. און ר׳ זאב וואָלף הירשבערג, אויך געווען יאָרן־לאנג שוחט אין מיטוי, געשטאָרבן אלט 81 יאָר כ״ר אדר תרע״ב.

***) המופלג ר׳ נחום אליעזר בלומזאָן (אן איידעם פון הרב זאב מיכל בהקדוש ר׳ אריה ליב), געבאָרן אין מיטוי תקצ״ב, אָנגענומען געוואָרן אין מיטוי

לאזוערסאָן*) — די גבאים פון גרויסן בית המדרש. — פון טבת תרי״ז ביז אייר תרי״ב, און מיר האָבן אַלץ געפונען ריכטיק״.

אין 1900 יאָר איז דורך די גרויסע אַרבעט פון נתן נתע בר׳ יהושוע ד״ר לעווינשטיין און אַנדערע געבויט געוואָרן אַ גרויסאַרטיקער בנין פאַרן ביקור חולים מיט אַלע נויטיקע איינריכטונגען.**)

נאָך די מלחמה איז געווען איניקע צייט פּאַרזיצער פון ביקור חולים ד״ר ראובן (ראָבערט) האָף. איצט איז שוין איניקע יאָר דער פּאַרזיצער ר׳ צבי הירש (הרמן) כהן וועלכער שוין מער ווי 20 יאָר אַרבעט מיט אַלע זיינע מעגליכקייט פאַר דעם בקור חולים. אויך שמואל (זאַמועל) בר׳ קלונמוס הכהן (קאהן) העלפט אים אין זיין אַרבעט.

## תלמוד תורה.

געגרינדעט אין יאָר תקס״ה (1905) עקסיסטירט אויך יעצט האָט אַ גרויסע בודזשעט ווערט אים געהאַלטן במעט פון פּריוואַטע נדבות פאַר דעם קיום פון די תלמוד תורה האָט פיל געאַרבעט ר׳ נתן נטע בר׳ יצחק אייזיק ראַבינאָוויץ געווען יאָרן לאַנג גבאי אין תלמוד תורה. געשטאָרבן אין מיטווי 4 טעג אין תשרי תרפ״ז (12 זעפּטעמבער 1926).

## 4) חברה משנה.

געגרינדעט ניט שפּעטער פון תקע״ד (1813), וויל אין פיל ספרים פון גרויסן בית המדרש איז פאַראַן אַ שטעמפּל פון חברה משנה פון יאָר תקע״ה. עקסיסטירט נאָך אויך איצט.

## 5) חברה „פועלי צדק״

געגרינדעט אין תקע״ה. שוין אַ צייט, ווי זי עקסיסטירט ניט.

---

פאַר אַ שוחט תרט״ז (1855) געשטאָרבן 88 יאָר אלט ב׳ כסלו תר״ע.

*) זיין זון איז המופלג יעקב זוסמאן לאַזוערסאן געבאָרן אין מיטווי אין יאָר תרט״ז (1855) געלערנט אין וואָלאָזשין יעצט לעבט ער אין רינע.

**) משה נתן (מאָזעס נאטאן) בר׳ יהושע העשל לייווענשטיין געבאָרן אין מיטווי 4 טעג אין אייר יאָר תרט״ז (10 אפּריל 1855) געשטאָרבן אין רינא יאָר תר״פ כ״ה אלול (8 אָקטיאָבר 1920).

## 6. חברה מקרא.

איר פנקס איז נעגרינדעט געוואָרן אין תרי״ג און אַנטהאַלט 470 בלעטער (940 זייטן). מיטגלידער געפינען מיר שוין פאַרשריבן פון תרי״א: אין פנקס איז פאַראַן אַ פאָררעדע פון הרב הגאון ר׳ אליהו בהגאון ר׳ דוד יחזקאל יאַקאָבסאָן, צו יענער צייט רב אין מיטוי, און פון זעלבן רב — 24 תקנות געשריבן אין לשון הקודש. אייניגע פון זיי געפין איך פאַר נויטיק צו איבערזעצן:

א) „יעדן וואָכן־טאָג פאַר מעריב וועט דער היגער רב (אָדער אַן אַנדערער, וועמען ער וועט אויסקלייבן אַף זיין שטעל) פאָרזאָגן אין גרויסן בית המדרש, ווייניקסטנס איין קאַפּיטל פון נביאים כתובים מיט אַן ערקלערונג; און יעדן שבת וועט דער רב פאַרלערנען ניט ווייניקער פון איין פרשה סדרה פון דער וואָך, און די איבעריקע פרשות מיט רש״י פון דער סדרה זאָלן פאָרגע־לערנט ווערן דורך אַן אַנדערן פאַר די חברה־לייט; ווען עס וועט זיין צייט, זאָל מען אויך לערנען אַ מוסר ספר". ב) „ניט ווייניקער ווי איין מאָל אין וואָך, מוז יעדער מיטגליד קומען, אין גרויסן בית המדרש הערן דעם שיעור, און אויב עס וועלן פאַרבייגיין 30 טעג נאָכאַנאַנד און אַ מיטגליד וועט ניט האָבן מיט וואָס צו פאַרטיידיקן זיין ניט קומען — דאַרף ער געקנס׳ט ווערן לויט דעם איינזען פון די שבעה אנשים, און מוז פון דאַן אָן קומען 30 טעג ניט דורכלאָזנדיק איין טאָג. און אויב ער קומט נאָך אַמאָל ניט, דאַרף ער מערער געקנס׳ט ווערן און פאַרלירט אַף 2 יאָר דאָס רעכט צו האָבן אַ דעה אין די קלפי; אָבער אין פאַל, ווען ער קומט ניט צום דריטן מאָל, ווערט ער אויסגעשלאָסן פון מיטגלידער". ד) „די גבאים דאַרפן זיין חשוב׳ע מענטשן, צו ווייניקסטנס דאַרף דער גבאי ראשון קענען לערנען און פאַרשטיין צו שרייבן און לייענען לשון קודש און דאַרף זיין אַ בית־המדרש גייער." ט״ז) „ווער עס זידלט די גאַנצע חברה אָדער די שבעה אנשים, ווערט געשטריכן פון דער חברה." י״ח) „אַז מען ענדיקט נביאים וכתובים דאַרף דורכן ערשטן גבאי געמאַכט ווערן א סעודת מצוה." כ״ב) „די שבעה אנשים דאַרפן דינגען אַ שטענדיקן מגיד, וואָס זאָל גוט פאַרשטיין תנ״ך און רש״י; דער שעור דאַרף געלערנט ווערן אין גרויסן בית המדרש."

אַף דער אַכטער בלאַט איז געזאָגט, אַז אין יאָר הרל״ז האָבן שמרי, במו״ה אשר נעסלשטרוים, אברהם אלי׳ במו״ה, יהודה ליב גערזאָני און אברהם במו״ה דוב בער בערמאַן אָפּגעקויפט דעם פנקס פון דער ערשטער חברה מקרא און אַוועקגעשאָנקען עס אַף אַלעמאָל די חברה מקרא אין ארעמהויז.

אין דער ערשטער ברירה פון תרי"א 1851 זיינען דורך די בוררים אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגענדע שבעה אנשים

ה"ה הרב המאור הגדול אליהו בהרב הגאון מו"הרוד יחזקל זללה"ה — גבאי ראשון; ה"ה הרבני מו"ה צבי הירש במו' זאב הירשבערג — גבאי שני; ה"ה הרבני מו"ה שמואל בר' יהודה ליב סג"ל לעווי — גבאי שלישי; ה"ה האברך מו"ה אליעזר במו"ה יעקב יאקאָבזאָהן — נאמן; ה"ה הרבני מו"ה יצחק במו"ה יהודא זונדל שטערן — ר"ח ראשון; הרבני מו"ה אהרון בר' אברהם אראָנשטאַם — ר"ח שני; ה"ה הרבני מוה' אליהו במוה' אליעזר לוריא — שמר התקונים; הרבני מוה' נחום אליעזר במוה' בן ציון בלומזאָהן — סופר; הרבני מוה' נפתלי הערץ במוה' אברהם אבראַהאַם — במקום.

אין די ששה אנשים זיינען אויסגעוויילט געוואָרן:

הרבני מוה' ישכר שלמה במ' ראובן סג"ל לעווינזאָהן; (19) ה"ה הר"ר דוד בר' אהרון בלומענטאל; ה"ה הר"ר נתן נטע ב"ר צבי מאַרקוויץ; ה"ה הר"ר יצחק בהר"ר יחזקאל אראָנשטיין; ה' מנחם מענדל בר. יהודה גיטלזאָן; ה' משה יצחק בהר"ר דוב רעדנער.

אין זעלבן פנקס ווערט געבראַכט דער קאָנטראַקט, וואָס מען האָט געמאַכט מיט אַ מגיד פאַר דער חברה ה"ה הרבני המופלג מוה' אליעזר לוריא; שכירות — 12 רובל אַ יאָר, אַלע חדש — אַ רובל דער קאָנטראַקט איז געמאַכט כ"ג אדר תרט"ו.

הושענא רבא תרל"ז האָבן איינגעשטימט די מיטגלידער פון דער חברה מקרא צו שרייבן אַ שיינע ספר תורה פאַר 150 אָף די געלט פון די וואכערס און נדרים, און אסרי חג שבועות תרל"ח איז מיט גרוים פּאַראַד געמאַכט געוואָרן דער סיום התורה.

## 7. חברה „עבודת הקדש".

אָפן פאָדערבלאַט פון איר פנקס, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תוז"ח (1855) און געשריבן פון דעם באַוואוסטן שרייבער צו יענער צייט מ. מ. קאָפּל מרגליות (זע אין פנקס פון חברה קדישה און ביקור חולים). איז אַזוי געזאָגט:

„פנקס לחברת עבודת הקדש אשר כוננו אנשי הצבא לבני ישראל העומדים על משמרת עבודתם בעבודת אדונינו הקיסר, העושים בעבודת המלחמה בגרניזאָן אשר במיטויא, להתחזק במעוז עבודת האלהים לעת ירוח למו מעבודתם על פי התקנות אשר נוסדו בפנקס הזה, ברצון מיסדי החברה"

*) זיין זון איז געווען המופלג ר' היבער לעווינסאָן יאָרן לאַנג שוחט אין מיטוי

(דער אינהאלט דערפון איז צו פֿאַרשטיין פון די תקנות). ווייטער קומט א פֿאָררעדע אין העברייאיש און א שיינער געדיכט אין העברייאיש פון ר' מ. קאַפּל מרגליות און 15 פּאַראַגראַפֿן תקנות, פון וועלכע איניקע געפין איך פֿאַר נויטיק צו ברייגגען: א) „דיזע חברה איז נתיסד געוואָרדען זיך צו שטאַרקען אין גאָטטעס דינסט, צו יעדער צייט ווען איינער איז פֿאָן זיין דינסט פרייא, נאָך די אופֿנים ווי דאָ ווירד ווייטער שטעהן."

ב). „יעדן יאָהר דעם ערסטען טאָג חול המועד פּסח, אָדער ווען עס איז שבת, דעם אַנדערן טאָג דאַרויף זאָלל די קלפֿי זיין, עס זאָללען על פּי הגורל פֿינף בוררים געוועהלט ווערדען אונד דיא בוררים זאָלען וועהלען איין גבאי אונד צווייא שמשים, אונד ווען חברה ווירד איינזעהען דאָס עס איז נעהטיג, אויך איין במקום גבאי."

ו). „דיא חברה מוס האָבען איין ספר תורה אונד איין מנין פֿיר זיך, וואו עס מוס יעדען טאָג שחרית, מנחה אונד מעריב מיט איין מנין געדאַוועט ווערדען."

ז). „ווער עס געהערט צו דיזער חברה, מוס קאָממען צום מנין, אויסער ווען ער איז איין אונס, שבת אונד יום טוב בייא טאָג מוס תהלים געזאָגט ווערדען אונד אַנדערע ספרי מוסר געלערנט ווערדען."

ח). „אויסער דעם מוס יעדער, אללע טאָג זאָגען תהלים ווי פֿיל ער קאָן."

ט). „פֿאָן דעם געלד וואָס עס ווירד אין די חב־ה צוזאַממען קאָממען זאָלל געקויפֿט ווערדען איין ספר תורה אונד אַנדערע ספרים היינו חומשים, תהלים אונד אַנדערע ספרי מוסר, דאָס איבריגע געלד זאָלל מאַן פֿער־וועגדן פֿיר אַרמע קראַנקע פֿאָן דער חברה, דער גבאי איז מחויב צו שיקען צו דעם קראַנקען איין מענטשן, וואָס זאָל אויף איהם אַכטונג געבען, וואָס מען ברויכט פֿיר איהם האָבען, אונד מאַן זאָלל איהם העלפֿען פֿיר דיא רעכנונג פֿאָן חברה."

יא). „ווען איינער פֿאָן די דיזער חברה ווירד חלילה שטאַרבן, איז חברה מחויב צו אַללע זיינע בעדירפֿנים צוגעבען, היינו: ארון, תכריכים אונד קבורה־געלד אונד איין קדיש פֿיר איהן צו דינגען ווען עס איז נעטהיג, ווער עס זאָל נאָך אים קדיש זאָגען."

יב). „דען טאָג ווען עס ווירד זיין יאָרצייט נאָך איינעם פֿאָן דער חברה, זאָל מאַן ליכט אָן צינדען אונד איינער פֿאָן דער חברה זאָל דאַוונען פֿאַר דעם עמוד אונד זאָגען קדיש אונד דער יום המיתה זאָלל איינגעשריבען ווערדען אין פנקס."

די תקנות זיינען באַשטעטיקט פון שטעלפאַרטרעטער פון ראַבינער צו יענער צייט ר' ראובן בר' יוסף וואונדערבאַר. (דער פנקס געפינט זיך יעצט אין דער ביבליאָטעק פון הישיש ר' מנחם מענדל מאַגעלניצקי, מיטוי, געבאָרן אין אין תקצ"ט (1889) ערב שבועות. געקומען אין מיטוי אין 1858; פיל יאָרן געהאַט אויך אַן אייגענעם מנין צום דאַוונען און לערנען, וועלכער האָט זיך גערופן „מאַגעלניצקי'ס מנין" און פיל ספרים. געשטאָרבן 3 טעג אין תמוז יאָר תרפ"ח. (21 יוני 1928).

## 8. חברה תהילים.

געגרינדעט אין תר"ב (1860); עקסיסטירט נאָך יעצט.

## 9. הכנסת אורחים.

געגרינדעט אין תרכ"ו דורך ר' אליהו פסח בר' מנחם מענדל און הבחור מאיר בר' אליעזר זערף *) פון בריאַנסק, גראָדנער גוב" איר ציל איז צו געבן יעדן אורח, וועלכער קען אַביסל לערנען, עסן' דינגען אַ דירה: דאָרטן מוזן זיין בעטלעך און קיסנס פאַר אַן אורח צו נאַכטן. נאָר ווי עס שיינט, איז אייניקע יאָר שפּעטער דער פאַריין בטל געוואָרן און קיין הכנסת אורחים איז אין מיטוי ניט געווען. אין יאָר 1921 האָט הנדיב ר' ליב האָף אויסגעבויט הכנסת אורחים אויבן אין זאַלצמאַנס מנין, וואו אַן אורח געפינט אַן אָרט צו נאַכטן.

## 10. חברה בלבלת אנשי הצבא.

געגרינדעט אין תר"ם (1980) דורך ר' אברהם יהושע בר' מרדכי עלזאָן, ר' יהודא ליב בר' יעקב קירשבוים, ר' מנחם מענדל בר' מרדכי בלו-מענפעלד, ר' מאיר שיכמאַן און ר' ישראל בר' יעקב ווילדויער. איר ציל איז צו געבן כשרע עסן אידישע סאָלדאַטן, וועלכע געפינען זיך איצט אין מיטוי. מען פלעגט קאָכן פאַר זיי א קעסל און אַלע אידישע סאָלדאַטן פלעגן באַקומען כשרע עסן דאָס האָט געהאַלטן ביז דער מלחמה.

## בית-היתומים.

אין 1922 יאָר האָט מען געדונגען אַ דירה פאַר 8 יתומים. געני-מען פאַר זיי אַ אופפאַסערין די אומקאָסטן האָט געגעבן אַ טייל דער דשואנט און די איבעריקע מיטווישע אידישע געמיינדע. אין יאָר 1925 דורך די גרויסע

---

*) ר' מאיר זערף איז איז גאַכהער געווען פון די נגידים אין אַנגעזעענע פון מיטוי; געפירט גרויסע געשעפטן אין דערצו געווען שטריינג רעליגיעזער איד. געשטאָרבן 10 טעג אין חדש אליל תרס"ה (1905).

השתדלות פון די אידישע דעפוטאטן און מיטווישע שטאט-פארוואלטונג: ראובן בהרב ר׳ אברהם שלאסבערג, אפרים בר׳ יעקב גוטמאן און נחום (ניקאלאי) בר׳ יוסף ראובן פאלק*) האט די שטאט פארוואלטונג אסיגנירט א יערלעכע באדייטנדע זוממע פאר א אידישע בית־יתומים, און האט געדונגען א גוטע דירה, אנגענומען א אידישע פפלעגערין, און אנדערע דינערשאפט און די יתומים ווערן אויסגעהאלטן אפן בעסטן ארט מיט אלעם וואס עס איז נויטיק. יעצט געפינען זיך אין בית־היתומים 22 יתומים. און דער בודזשעט וואס שטאט פארוואלטונג אסיגנירט איז זיבצען טויזנט לאט א יאר.

## גמילת חסד.

אבוואהל אין מיטווי איז דא א אידישע פאלקס באנק וועלכע מיט איר ארבעט און ארדענונג קאן זי זיין א מוסטער פאר אנדערע שטעט: הונדערטע מענטשן זיינען דורך איר געהאלפן געווארן, נאר אזוי ווי לויט די סטאטוטן, קאן קריגן צו לייען נאר דער וואס האט א פאיע און מיט א זשירע וואס ניט אלע ארעמע קאנען דאס האבן. דעריבער האב איך זיך משתדל געווען צו גרינדן א גמילת חסד פאר ארעמע, וועלכע קאנען קיין קאנטא קריגן אין באנק און דאנקענד די אידישע געמיינדע אין מיטווי וועלכע האט איינגעשטימט צו גרינדן דעם „גמילת חסד“ א באזונדערן דאנק פארדינט ר׳ נת׳ן בר׳ דוב בער קלאז.**) וועלכער האט מיר געהאלפן גרינדן דעם גמלה חסד***) און צו אויביקן אנדיינקונג זאל זיין ר׳ צבי הירש בר׳ שלמה מאיר מאלער און זיין פרוי רבקה בת ר׳ יוסף לייכטער וועלכע האבן געגעבן פארן גמילת חסד א פאנד צוויי טויזנט לאט צו אייביקן אנדייקונג פאר זייער זון שלמה מאיר

---

*) המופלג ר׳ יוסף ראובן בר׳ ישר׳א פאלק געלערנט אין ר׳ מיילעס ישיבה אין ווילנא, יארן לאנג ווי ער איז אין מיטווי און איז פון די נכבדי העיר.

**) דוב בער קלאז פון יאקאבשטאט, קורלאנד געווען פון די גרינדער פון „מושבה חדרה“ אין ארץ ישראל וואו ער איז אוועקגעפארן אין יאר תרנ״ז און איז געשטארבן; אף זיין קבר איז א מצבה מיט פאלגענדן נוסח: „פ״נ איש יקר ונכבד מופלג בתורה ויראה חו״ג אחד ממתנחלי ומיסדי המושבה חדרה הקריב נפשו על מזבח חיבת־ישוב ארץ הקדשה הר״ר דוב בער קלאז בר׳ אהרן ז״ל מעיר יאקאב־שטאט נגוע ונאסף אל עמיו בן חמשים ושתים לימי חייו כג׳ שבט שנת תר״ס תנצב״ה״

***) אויך ה׳ יצחק יאקאבסאן האט געהאלפן גרינדן דעם גמילת חסד.

(זאַמועל) מאַלער געבאָרן אין שאַבילן (קורלאַנד) 6 טעג אין השון יאָר תרמ״ז 2 נאָוועמבער 1886) וואו ער האָט געלעבט ביז 24 אַפּריל 1895, פון די צייט ביז 15 נאָוועמבער 1904 געלעבט אין מיטויא. אין 1904 אַוועקגעפאָרן אין אַפריקע באַזעצט זיך אין זעסטראַן געפירט גרויסע עסקים, געשטאָרבן אין בלומפאַנטיין (אַפריקע) 5 טעג אין כסלו תרפ״ז (11 נאָוועמבער 1926) טראָץ דעם וואָס ער איז געשטאָרבן אין זיין יוגנד, האָט ער געזאָרגט נאָכצולאָזן אַ צוואה אין וועלכער עס איז געשריבן צו פאַרטיילן אויף פאַרשידענע חברות און צדקות אַ באַדייטנדע זוממע אויך אויף די שול אין זעסטראַן און אַפן בית היתומים 200 ענגלישע פונט. —

## 18. ניירא (פרידריכשטאַט).

די חברה קדישא און דער פנקס זיינען דאַ געגרינדעט געוואָרן אין תקס״ג (1803)׳ זומער תר״ך איז די חברה באַשטעטיקט געוואָרן פון דער רעגירונג.

דער אַלטער בית הקברות איז פריער געווען 7 ווערסט פון שטאָט, וועלכער הייסט „ליפשענע״, און תר״ח איז געגרינדעט געוואָרן אַ בית הקברות באַם שטאָט.

אין שטאָט זיינען פאַראַן 2 שולן, 2 בתי מדרשים און איין חסידישער מנין.

רבנים.

א). דער ערשטער רב איז געווען הרב ר׳ שמואל בהרב ר׳ יהודא ליב, אַ תלמיד פון הגאון ר׳ מרדכי ראַבינער, רב אין בויסק, אין ספר „גדולת מרדכי״ פון זיין רבי׳ן געפינען זיך תשובות, וועלכע ער האָט זיך געשריבן מיט זיין רבי׳ן.

ב). הרב ר׳ אורי ליפמאַן ב״ר שלום הכהן פרידמאַן געבאָרן אין פאַסוועל, געלערנט ביי הרב ר׳ יהודא ליב רב אין פּאַסוועל; אין יאָר תק״ץ, אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין ניידי וואו ער אין געווען 46 יאָר. נפטר געוואָרן ל״ג בעומר תרל״ו אַלט 71 יאָר, צוליב זיין גרויסער ההמדה אין לערנען, האָט ער ניט געוואָלט שרייבן זיינע חדושים וואָס איז ניט נוגע הלכה למעשה, און זיינע חדושים וועלכע ער האָט פאַרשריבן הלכה למעשה, וועלכע זיינען געבליבן בא זיין זון הרה״ג ר׳ יחיאל פרידמאַן אין דאַנקערע. זיינען פאַרברענט געוואָרן בעת דער שרפה, וועלכע איז געווען אין דאַנקערע אין יאָר תרמ״ח, זיינע קינדער זיינען:

הרבני ר׳ יחזקאל ראובן געשטאָרבן 53 יאָר אַלט, המופלג ר׳

אברהם שוחט אין ניירי: הרב ה"ג ר' אליהו געשטארבן אין ריגע 29 טעג אדר שני תרע"ט און הבדל לאורך ימים ושנים טובים הרב הג' ר' יחיאל פרידמאן א גדול בתורה און שלם במעלות ומידות, ניט געוואלט אנעמען קיין רבנות, נאר צוריקערנדיק נאכן קריג אין דאנקערע, האט ער ערפילט די בקשה פון דאנקערער אידישע געמיינדע און אנגענומען די רבנות שטעלע אנע שבירות*). (**

פון די איידעמס פון הרב הגאון ר' אורי ליפמאן איז הרב ר' בצלאל מאיר רעגענסבורג, דיין און מורה הוראה אין ניירא. (זיין זון איז ד"ר יוסף רעגענסבורג אין ווילנא).

ג). הרב ר' יהודא ליב בר' אברהם הכהן קאהאן, נאכן טויט פון זיין שוואגער דעם אויבנדערמאנטן רב ר' א"ל פרידמאן איז ער אנגעקומען פאר א רב אף זיין שטעל: סוף תרנ"ה אנגעקומען פאר א רב אין מאסקווא. געשטארבן דארטן מיט א גוטן נאמען ב' שבט תרס"ד.

זיין ברודער איז געווען הרב ר' אליהו קאהאן אין ניירא; און זיין ברודערס זון איז הר"ר ליב בר' יצחק קאהאן פון ניירא, א מופלג גדול בתורה און דרשן, געשטארבן אין ריגא.

ד). הרב ר' ברוך יעקב בהרב ר' יחיאל מיכל, אן איניקל פון הרב ר' ישראל איזראעלסאן, אנגעקומען פאר א רב אין קאנדוי אין תרנ"ג, אין תרנ"ז — פאר א רב אין ניירא: געשטארבן דארטן אין זיין יוגנט אין יאר תרנ"ח. נאכגעלאזן א חיבור אף מסכת ברכות

ה)· הרב ר' יוסף הלל בערמאן, (זע אין די רבנים פון פאלאנגען.)

---

(* זיין איידעם איז המופלג ושלם פון גרויסן יחוס ר' אברהם זאב קאצע-נעלנבויגן א שטאם פון הגאון בעל „כנסת יחזקאל".

**) הר"ר יחיאל איז אן איידעם פון הר"הג ר' ישראל ריוולין, געווען רב אין דאנקערע מער ווי 40 יאר און איז אויסגעפארן אין ארץ ישראל, וואו ער איז געשטארבן אין תמוז תרנ"ז. ער איז א זון פון הרב ה"ג ר' אביגדור ריוולין, רב אין קרייצבורג, אזון פון הרב הגאון ר' הלל שקלאווער מגזע הגאונים ר' משה קרע-מער, רב אין ווילנא, און ר' משה רבקש, דער מחבר פון „באר הגולה". פון ר' ישראל ריוולינס איידעמס איז אויך ר' גרשון כהן אין דאנקערע; און זיינע זין זוי-נען הרב השלם ר' אביגדור ריוולין, יעצט אין ריגא, און המופלג ר' זלמן סענדער, געשטארבן אין זיין יוגנט. (וועגן די פאמיליע ריוולין זע אין „קריה נאמנה" און אין מיין ספר „נחלת אבות". אות א', סימן ג', קכ"ב און קנ"ב).

ט) הרב ר׳ יעקב בר׳ אברהם הכהן פלעסקער. (זע אין די רבנים פון יאקאבשטאט).

ז) הרב ר׳ חיים אהרן בצלאל הכהן פאול, 13 יאר געווען רב אין ראזענאָווסק אין יאר תרע״ט אנגענומען געווארן פאר א רב אין נייעם אייניגע מאל געווילט געווארן פאר א געהילפס שטאטהויבט. ער צוזאמען מיט הרב ר׳ ליבציק כהן האבן זיך פיל משתדל געווען און געהאלפן אין דעם בנין פון תלמוד תורה אף וועלכן די פרידריכשטעטשע אין אמעריקע האבן געשיקט דערצו 1000 דאלאר.*)

## 19 סאסמאקן

חאטש די שטאט איז ניט באוואוסט פאר אן אלטע שטאט, אבער נאך מיין מיינונג, זיינען שוין דארטן אידן געוועזן מיט 145 יאר צוריק, ווייל אין האזנפאטער פנקס ווערט געפונען א „גביית עדות״ פון הר״ר קלונימוס במהור״ר פייוויש פון יאר תקמ״ה (1785), און אפשר איז ער געוועזן אין סאסמאקן רב אדער מורה הוראה.

פון די רבנים, וועלכע זיינען מיר באוואוסט:

א) הרב ר׳ נחום: ער ווערט דערמאנט אין די פראנומעראנטן אפן ספר „דרך סלולה״ פון ר׳ יהודא קראן.

ב) הרב ר׳ אריה ליב ראצקער בהרב ר׳ אליעזר**), געבארן אין ראצקע, סובאלקער גוב., א חבר און פריינט פון הגאון ר׳ יהודא בכרך און א תלמיד פון גאון ר׳ אריה ליב צונץ, רב אין פלאצק. אין זיין יוגנט איז ער אנגעקומען פאר א רב אין סאסמאקן און פון דארטן פאר א ראש ישיבה אין דווינסק, נאכהער פאר א רב אין ראדין, זייענדיק דארטן אייניגע יאר, איז ער

---

*) אין דעם בנין האבן אויך גענומען א גרויסן חלק ר׳ ליב קדיש און ר׳ יוסף כין געבארענע פרידריכשטעטשע יעצט אין רינא.

**) ר׳ אליעזר איז אן איידעם גאון ר׳ גדליה, באוואוסט מיטן נאמען: ר׳ גדליה דער גרויסער, געווען רב אין פיל שטעט און נאכהער אין אוסטרא.

אף די ביטע פון גרויסן גאון ר' אבעלע פאסוועלער געקומען אין ווילנא און געווען דארטן ראש ישיבה ביז זיין טויט י"א ניסן תקצ"ו.*)

זיין זון איז הרב ה"ג בר' אברהם ישכר, פיל יארן ראש ישיבה אין דווינסק; געשטארבן כ"ד סיון תר"ן און מקובר געווארן אין שווענציאן.**)

ג) הרב ר' חיים.

ד) הרב ר' משה יצחק הלוי. (זע אין די רבנים פון גאלדינגען).

ה). הרב ר משה בר' רפאל לערנבלאט, געבארן אין ראסיין***), א חבר פון אויבנדערמאנטן גאון ר' משה יצחק, אין תקצ"ג אנגעקומען פאר א רב אין סאסמאקן; אין תרכ"ב פאר א רב אין מיטוי, נאר ניט וועלנדיק האבן איבער זיך די הערשאפט פון ראבינער פוכער, האט ער צוריקגעקערט אין סאסמאקן. אויסער וואס ער איז געווען א גדול בתורה, איז ער געווען א זעלטענער חכם ער איז געפארן זיך היילן אין ריגא און דארטן געשטארבן כ"א אלול הרמ"ז. נאכגעלאזן חדושי תורה אין הלכה און אגדה****) זיינע זיידעמס זיינען: א). הרב ר' יקותיאל הלוי, ראבינער און מורה הוראה אין בויסק; ב). הרב ר' גבריאל איליאן, שוחט ומורה הוראה אין רוען (ליפלאנד) און ג). הרב ר' אברהם שמואל דוביצקי.

ו). הרב ר' אב"ש דוביצקי. (זע אין די רבנים פון גאלדינגען).

ז). הרב ר' אברהם שמואל בר' משה אהרן לייוונבערג. געבארן אין טוקום אנגעקומען אין סאסמאקן פאר א רב אין יאר תרס"א נאך די מלחמה פאר א רב אין טאלסן, געשטארבן אין ריגא יאר תרפ"ז (1927) נאכגעלאזן א כתב יד א חבור אף רמב"ן אף חומש.

## 20. פאלאנגען.

ד"ר ברוצקוס שרייבט אין „וואסחאד" חדש סענטיאבר 1896, אז די שטאט איז זייער אן אלטע, איר פנקס איז פון תקצ"א (1831), און דארטן

---

*) אזוי האט מיר געשריבן זיין אייניקל רב אין נאוא-שווענציאן, מיר וואונדערט, וואס ער ווערט ניט דערמאנט אין „עיר ווילנא".

**) זיין זון איז הרב הגאון ר' צבי הירש ראצקער, רב אין נאוא-שווענציאן, מחבר פון ספר „זרע אברהם", (זע „נחלת אבות"), דער שווער פון הרב ה"ג ר' יוחנן בר' מאיר מירסקי, רב אין בארקי—יעצט אין זאבלודאווע.

***) ער איז אן איידעם פון הרב ר' זלמן, דער פאטער פון ה"ג ר' אורציק דיין אין טוקום און ראסיין, און נאכהער דיין ומורה הוראה אין קאוונע

****) זיינע ברידער זיינען: הרב בר' שמואל הימעלסאן אין מעטל, רב נחום הימעלסאן אין פעטערבורג און הרב ר' דוד מרגליות.

איז פארשריבן, אז דער אלטער פנקס איז פארברענט געווארן בעת דעם פוי-לישן אויפשטאנד. דער בית הקברות איז געגרינדעט געווארן אין רמ״ז (1487).

אין פאלאנגען איז געפונען געווארן א דאקומענט — אן ערלויבניס פון יאר 1639, וועלכע איז געגעבן געווארן פאלאנגער און גארזדער אידן צו האנדלען, פארנעמען זיך מיט מלאכה, קויפן ערד און אנד.

די ערלויבנים איז זיי געגעבן געווארן פון קארל דער IV, קעניג פון פוילן, און אויגוסט III, קעניג פון פוילן האט די פריווילעגיע באשטעטיקט אין יאר 1742.

אין דעם אויסנדערמאנטן „וואסחאד״ איז געדרוקט אן איבערזעצונג פון דעם דאקומענט. פריער האט פאלאנגן געהערט צו ליטע, אין יאר 1819 איז זי לויטן באפעל פון ניקאלאי I, וועלכער איז נאך דאן געווען טראנספאל-גער, צוגעצייגן געווארן צו קורלאנד, (די סיבה דערפון זע אין „וואסהאד״). יעצט געהערט די שטאט ווייטער צו ליטע.

פון די רבנים, וועלכע זיינען מיר באוואוסט, זיינען:

א) הרב ר׳ אברהם בורנשטיין, באוואוסט אין גאנצן געגנט פאר א צדיק, ער האט זיין גאנצן לעבן ניט געגעסן קיין פלייש. פיל יארן געווען רב אין פאלאנגען, זיין זון איז געווען ר׳ צבי הירש, רב אין ליבוי.

ב) הרב ר׳ דוב בער עפשטיין, געווען רב אין פאלאנגען פון תר׳ ביז תר״ך, זיין חתימה ווערט געפונען אין די מעטריק-ביכער פון 1850—1860.

ג) הרב ר׳ יהושע במהור״ר אהרן העלער, געלערנט באם גרויסן גאון ר׳ דוד טעבלי פון מינסק, געווען איניגע יאר מגיד אין גראדנא. לערך תר״ל אנגעקומען פאר א רב אין פאלאנגען; אין תרל״ו — פאר א רב אין טעלז; אין תרל״א איז ער געקומען אין ווילנא און האט דארט פיל מאל געדרשנט, און זיינע דרשות האבן באאלעמען אויסגענומען, און י״ז אב תרל״ח האט מען אים געגעבן א כתב מגידות פון ווילנא. דעם גאנצן חדש אלול און עשרת ימי תשובה תרל״ט האט ער געדרשנט אין ווילנא און נאך יום כפור איז ער אוועקגעפארן אין טעלז צו ברענגען זיין פרוי. נאר צוליב א סבה האט ער ניט געקענט פון דארטן ארויסקומען, ביז ער איז קראנק געווארן און ער האט געשריבן אין ווילנא. אז פון הימל לאזט מען אים ניט זיין אין אזא גרוי-סע שטאט ווי ווילנא. געשטארבן אן קינדער כ״ג סיון תר״ם. האט מחבר גע-ווען פאלגנדע ספרים: „דברי יהישע, קעניגסבערג תר״ב; דברי יהושע״, ווילנא תרט״ז, „תולדות יהושיע״, אבאור אף פרקי אבות, ווילנא תרכ״ו; „חוסן יהישע״, ווילנא תרל״ב: „מעוז הדת״, ווילנא תרל״ג; „מעיני יהושע״ אף מסכתות קנים ואהלות׳ ווילנא תרל״ט: „אהל יהושע״, דרושים, ווילנא תרמ״ב, געדרוקט דורך זיין ברודערס איניקל הרב ה״ג ר׳ אייזיק ליב בר׳ שרגא עזרי׳ פון אדעלסק,

און אַדעלסק און „מאמר האחדות". („עיר ווילנאַ, זייט 98—99).

ד) הרב ר' נחום מיכל כהנא, געשטאָרבן אין פּאַלאַנגן תר"ב.

ה) הרב ר' גרשון בהרב ר' יוסף ראַווינסאָן, רב אין קרעסלאַוויע, אַן איידעם פון הרב ר' יצחק ציוני. רב אין רעזשיצע. זייענדיק דאָרט רב איינינע יאָר, איז ער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין טשענסטאָכאָוו; לערך תרנ"ג אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ רב אין פּלאָצק, נאָר אַזוי ווי דער גובערנאַטאָר האָט ניט באַשטעטיקט די וואַלן, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ רב אין װלאָצלאַװעק, פון דאָרטן אַ רב אין אמטיסלאַוו און, זייענדיק דאָרט אַ קורצע צייט, אָנגעקומען אלס רב הכולל אין ליווערפּול (ענגלאַנד). פון דאָרטן פאַררייזט נאָך אַמעריקאַ און אָנגעקומען פאַר אַ רב איז קליוולאַנד, וואו ער איז געשטאָרבן חנוכה תרס"ח. אין שו"ת „ציוני" און שו"ת „עולת יצחק" איז פאַראַן פון אים תשובות.

זיינע זין זיינען: ד"ר בעמיע משה ראַווינסאָן אין ניו-יאָרק, און דער גביר און בעל צדקה ר' זעליג ראַווינסאָן אין קליוולאַנד. ר' גרשון'ס פאָטער הרב הגאון ר' יוסף ראַווינסאָן איז געשטאָרבן אין קרעסלאַוויע חנוכה תרע"ד, 90 יאָר אַלט. זיינע איידעמס זיינען: הרב ה"ג ר' מאיר גינזבורג, רב אין פּעטראָוויץ, מאהילעווער גוב. און הגאון ר' יצחק ציוני בזיווג שני און הרב ה"ג ר' משה שוב שליט"א בזיווג ראשון, רב אין קרעסלאַוויע. ווי עס שרייבט מיר הרב ה"ג ר' בן ציון דוד יחייא איז אין קרעסלאַווער פּנקס פון חברה משניות פאַרשריבן מיט דער האַנט פון הרב הגאון ר' גרשון ראַווינסאָן דער יחוס פון זיין פאָטער דור אחר דור פון רבנים ביזן באַוואוסטן גאון ר' משה קרעמער, רב אין ווילנא תמ"ח (1687).

ו) הרב ר' יוסף הלל בערמאַן, אַן אייניקל פון גרויסן גאון אין זיין צייט רבינו חיים וואָלאָזשינער; אין יאָר תרמ"ט אָנגעקומען פאַר א רב אין פּאָלאַנגען ביז תרנ"ט; פון דאָרטן רב אין ניירא. אין תרס"ז אָנגעקומען פאַר א רב אין ראַסטאָוו.

ז) הרב ר חיים יצחק הכהן בלאָך. (זע אין די רבנים פון בויסק).

ח) הרב ר' חיים יצחק בר' שואל קארב, געבאָרן אין פילטן, געלערנט אין טעלז, אַן איידעם פון הרב ה"ג ר' משה יצחק דין ומורה הוראה אין פּאָנעוועזש. נאָכן טויט פון זיין שווער איז הרב הגאון ר' חיים יצחק געבליבן אף זיין שטעל און פון דאָרטן — א רב אין פּאַלאַנגען. נאָך די מלחמה אָנגענומען פאַר אַ רב אין אַלט-זאַגאָר. יעצט אין אַמעריקאַ. האָט פיל כתבי-יד אין חדושי תורה.

ט) הרב ר' יהודא מאַרק, געבאָרן אין פּאַלאַנגען. אין זיין יוגנט

האָט ער געלערנט בײַ די באַוואוסטע גאונים ר׳ אליהו שיק פון זאַגער און ר׳ משה יצחק, וועלכע האָבן אים געגעבן סמיכה. פון זײַנע תלמידים איז אויך הרב הגאון ר׳ יחזקאל ליפשיץ, אין יאָר תרנ״ג איז ער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין דייטען (אַמעריקאַ), וואו זײַנע קינדער לעבן. ער איז אָבער דאָרט גע־וועזן סך הכל 3 יאָר: ווערנדיק קראַנק, האָט ער געבעטן, מען זאָל אים אומ־קערן אין זײַן לאַנד און געבורט־שטאָט פּאַלאַנגען, וואו ער איז געשטאָרבן יא׳ אייר תרנ״ז.

זײַן זון הרב ר׳ יעקב מאַרק, געבאָרן אין פּאַלאַנגען געלערנט בײַ הגאון ר׳ מאיר אַטלעס, רב אין שאַוועל: פון אים זײַנען געדריקט געוואָרן זייער פיל אַרטיקלען אין „הלבנון„, „כבוד הלבנון״ און שפּעטער אין „המליץ״, „הצפילה״ און אַנדערע, אין תרל״ט האָט ער זיך באַזעצט אין ליבוי. אין תרמ״ג האָט ער אָנגעהויבן זײַן אַרבעט צו לערנען דורך בריוו נאָענטע און ווייטע בוכהאַלטעריע און די אַרבעט האָט אים געמאַכט אַ נאָמען אין דער גאַנצער וועלט. אין 1919 איז ער אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע וואו ער איז אויך באַוואוסט מיט זײַן אַרבעט. (ער האָט מיר אויך געשריבן איינינגעס וואָס איז שייך דער שטאָט פּאָלאַנגען).

אויסער די אַלע רבנים איז מיר באַוואוסט הרב ר׳ יחזקאל פייוויל בהרב ר׳ זאב וואולף, א שטאַם פון רבינו אלחנן בעל התוספות, געבאָרן אין, פּאַלאַנגען י׳ תמוז תקט״ו (1755), געוויען אַ מגיד אין פּאַלאַנגען, דרעטשין און פון תקע״א ביז זײַן טויט הקצ״ג (1833) געוויען אַ מגיד אין ווילנא. (זע ווענן אים באריכות אין מײַן ספר „נחלת אבות״, זייט 92). זײַן זון איז געוועזן הרב הגאון ר׳ זאב וואלף, מגיד און מורה הוראה אין ווילנא. גע־שטאָרבן יום כפור תרכ״ז (נחלת אבות״, זייט 20).

## פּירקוז. 21

מיר האָבן שוין פריער געשריבן, אז עס איז קיין ספק ניט, דאָס באַפאָר אידן האָבן נאָך געלעבט אין קורלענדער הערצאָגטום, זײַנען אין פּילטן שוין געוועזן אידן, און אין יאָר תס״ח (1708) איז שוין דאָרטן געוויען אַ אי־דישע געמיינדע און אַ שול. אין סוף 16 יאָ־הונדערט האָבן שוין דאָרטן אידן געהאַט בירגער־רעכט, און פילע האָבן געהאַט אומבאַוועגלעכע אייגנטום. נאָר עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער פנקס און די תקנות פון דער גע־מיינדע זײַנען געגרינדעט געוואָרן ערשט אין תקס״ה (1805) און אין פנקס ווערט ניט דערמאָנט, אז עס זאָל שוין פריער זײַן געוויען א פנקס אָדער קהלה.

פון פנקס פון תקס״ה איז צו זען, אז אויך דאַן איז פילטן געווען אויסגעצייכנט מיט אירע מענטשן גדולים בתורה, אפילו די לעצטע געחתמעטע אפן פנקס זיינען אויך מענטשן, וועלכע זיינען געווען באַוואוסט פאַר גדולים. למשל: הרב ר׳ אליהו בר׳ יוסף הערצנבערג, וועלכער איז שוין אין תקע״ה 1815 געווען רב אין פילטן; הרב ר׳ זעליג הכהן, וועלכער איז שפעטער געווען רב אין האזנפאט: הרב ר׳ ראובן זעליג אשכנזי, און פאַר זיי זיינען נאָך פאַראַן פילע געחתמטע אין פנקס , וועלכע זיינען זיכער געווען עלטער אין יאָרן און אפשר אויך אין תורה און חכמה.

איך ברייננ פאָלגנדע איבערזעצונג פון פנקס: *)

„מיר אלע אונטן אונטערצייכנטע, וועלכע לעבן דאָ היינט, האָבן איינגעווילינט מיט אונזער ווילן אָן שום צוואַנג, איינשטימיק, באַוואוסטזיניק, מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ פעסטן שטאַרקן בונד, נים צו ענדערן אפילו אַ קלייניקייט פון דאָס אַלעס, אף וואָס מיר פאַרפליכטן זיך: מיר אַלע אונטער-צייכנטע פאַרפליכטן זיך פון היינט אָן און ווייטער צו קומען יאָר-יערלעך חול-המועד פסח אַף דער פאַרזאַמלונג פון פילטענער געמיינדע, ווי דער מנהג אין אַלע שטעט, צו מאַכן תקנות, דהיינו, דורך אַ קלפי פון 3 מענטשן וועלכע זיינען כשר איינער צום אַנדערן פאַר עדות, און דורך די דריי גע-ווילטע פון קלפי זאָלן געווילט ווערן 3 פרנסים, 1 נאמן, און 2 גבאים, ווי עס פירט זיך איבעראַל, וואו אידן געפינען זיך. די פרנסים, דער נאמן און די גבאים מוזן זיין שטעטישע אידן נים פון יישוב וואָס לעבן אפן לאַנד, און די געווייילטע זאָלן פירן אלע שטעטישע ענינים: פון די דריי פרנסים זאָל יעדער פירן זיין חדש. די וואָס וועלן זיין קעגן זיי, זאָלן באַשטראָפט ווערן; חול-המועד פסח דאַרף געמאַכט ווערן אַ נייע קלפי, און די אלטע פרנסים, דער נאמן און די גבאים זיינען מחויב צו געבן דער פאַרזאַמלונג א ריכטיקן חשבון פון אַלע הכנסות און הוצאות: אויב אין יאָר פאַסירט וואָס וויכטיקעס און פרנסים באַשטימען אַ נייע פאַרזאַמלונג, זיינען אלע מחויב צו קומען, דער וואָס קומט נים ווערט בטל זיין דעה. אויך האָבן מיר זיך אַלע אונטערצייכנטע פאַרפליכטעט בייצוטראָגן אַף די הצטרכותן פון דער קהלה יעדער נאָך זיין ערך נאָך, ווי די טאַקסאַטאָרס, וועלכע ווערן אַויסגעקליבן פון דער אלנע-מיינער פאַרזאַמלונג, וועלן אונז אפשאַצן: סיי אַף די הצטרכות פון שטאָט, סיי אפן דינגען אַ שול צום דאַוונען און אַז. וו. מיר האָבן זיך אלע פאַרפליכטעט

*) איבערזעצן בוכשטאַבליך פון העברייאישן טעקסט איז אוממעגליך: זע דעם העברייאישן טעקסט אין מיין ווערק אין זייט 135 — 137.

צו העלפן קהל מיט אונזער קערפּער, געלט און אַלע אונזערע כּחות קעגן די יעניקע, וואָס שטייען אויף אַף אונז: אַ קליינע אָדער אַ גרייסע זאַך, וואָס די אַסיפה אָדער די מענטשן פון קהל באַשטימען, טאָר מען קיין מענטשן ניט אויסזאָגן, אַפילו די פרוי און קינדער; און ווער עס וועט אויסזאָגן אַ סוד, וואָס איז גערעדט געוואָרן אַף אַן אַסיפה אָדער באַם קהל זאָל באַשטראָפט ווערן.

אַלע אונטערשרייבּענע, וואָס לעבן אַפן לאַנד, טאָרן ניט מאַכן ימים נוראים קיין מנין אַפן לאַנד אָן די דערלויבּעניש פון פאָרשטאַנד פון קהל: די אונטערצייכנטע, וואָס לעבן אַפן לאַנד, זיינען מחויב צו קומען אין אונזער שול ימים נוראים. און ווייל צוליב אַ סכנה האָבן פילע פון לאַנד ניט געקענט קומען אַף אונזער אַסיפה, האָבן אַלע אונטערשרייבּענע איינגעשטימט, אַז פון היינט ביזן קומענדיקן ראש השנה האָבן די פאָרשטייער פון קהל רעכט אַריינצונעמען אין דער אַסיפה יענע מענטשן, וואָס זיי געפינען פאַר אָרענטלעך און ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין דער אסיפה. דהיינו, מען זאָל זיי לאָזן התמנען זיך אַפן כּתב, אָבער פון ראש השנה און ווייטער האָבן שוין די פאָרשטייער קיין רעכט ניט אַריינצונעמען די לאַנדישע אין דער אַסיפה, נאָר די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג קומענדיקן חול המועד פסח. דאָס אַלס איז געמאַכט געוואָרן א׳ דחוה״מ פסח. תקס״ה.

פה פילטן. אונטערשריבּן: נאום א״די בּלאאמו״ר הרב מו״ה צבי הירש; ונאום בּרוך בּר׳ משה; ונאום צבי הירש בּר׳ יצקק זצ״ל; ונאום אליעזר בּר׳ ארי׳ יצ״ו; ונאום אלי׳ בּמוהר״בּ יוסף*) ז״ל; ונאום יהושע בּמ״ה ישראל; ונאום צבי הירש במוהר״ר ראובן; ונאום ראיבן זעליג בהרב**) ונאום יוסף במו״ה יחיאל מיכל זצ״ל; ונאום בּפקודת א״א מ״ה מנחם בּמ״ה יהושע זעליג כּ״ץ; ונאום משה יהושע זעליג בּלא״א מ״ה מנחם מענדל;***) ונאום יעקב במוהר״ר מאיר זצ״לי

## אַ קורצע איבּערזעצונג פון די תקנות פון פילטענער פּנקס.

א) אַלעס מוז זיין לויט מערהייט שטימען: ב) יעדעס מאָל, ווען עס קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג, מוז יעדער אַרויסזאָגן זיין מיינונג לאַנגזאַם, רואיק, אָנע האַרטע און ווילד־ווערטער, שטעכווערטער, זוכן פּעלערן אַף יענעם, און

---

*) שפּעטער געוועזן רב אין פילטן

**) ער איז דער זון פון הרב הגאון ר׳ ליב, רב אין יורבּערג.

***) שפּעטער געוועזן רב אין האזנפּאָט.

ווער עס וועט עובר זיין די תקנה און אָנהויבן זיך קריגן מיט מענשן פון דער פאַרזאַמלונג, דאַרף באַשטראָפט ווערן, דהיינו, ער האָט ניט קיין דעה און קען ניט געוויילט ווערן אין פאַרשטאַנד א יאָר צייט. נאָכן יאָם—לויטן ווילן פון פאַרזאַמלונג: די מענשן, וואָס זיינען אף דער פאַרזאַמלונג, דאַרפן אַכטונג געבן, עס זאָלן ניט פאָרקומען קיין מחלוקות.

ג) דער שמש טאָר ניט פאַרקויפן קיין מצות אין שול און בית המדרש אָן א משכון.*)

ה) דער שמש דאַרף גיין איינמאָנען די נדבות פאַר דער ישיבה**) און דער, וועך עס גיט ניט זיין נדבה מיטן גוטן ווילן, האָט מען רעכט אים צו צווינגען לויט דער דין תורה.

ה). איבּ ארימעלייט, וואָס גייען איבער די הייזער, וועלן קומען אין שטאָט דאַרף זיי דעם גבאי חדש זיי געבן אַבּאַשיינקונג, אַז מער ווי דריי טעג טאָרן זיי זיך ניט אופהאַלטן אין שטאָט.

ו). ווען עס קומט אין שטאָט אַ סוחר פאַרקויפן זיינע סחורה, איז דער בעל אכסניא וואו דער סוחר שטייט איין, פאַרפליכטעט צו מעלדן וועגן אים דעם פרנס, און דער סוחר איז מחויב צו געבן דעם 2½ פּראָצענט פון אַלעס, וואָס ער פאַרקויפט. דער פרנס האָט דאָס רעכט אים צו באַגנעדיקן א דריטל.

ז). דער וואָס מאַכט זיך א נייעם בגד, איז מחויב צו געבן אַף דער ישיבה 2½ פּראָצענט פון דער סומע, וואָס דער בגד טרעפט אָן. איינמאָנען די פּראָצענט דאַרף דער שניידער באַם אָפּגעבן דעם בגד.

ח). אָן דער ערלויבנים פון רב טאָר מען ניט לאָזן אַ חזן אָדער אַ דרשן, וועלכער פאָרט איבער שטעט, דרשנע'ן אָדער דאַוונען.

ט). אַלע שיינקערס דאַרפן געבן אַ % פון יעדע שטאָף בראַנפען וואָס זיי פאַרקויפן; ווען זיי פאַרקויפן 100 שטאָף מיט אַ מאָל אַף אַרויספירן, דאַרפן זיי גאָרניט צאָלן, נאָר ווען זיי בייטן דאָס אויס אַף געטריידע אָדער פירות, מוזן זיי צאָלן.

*) מצות, ד. ה. מען פלעגט פאַרקויפן הוצאה און הכנסה, הגבה און גלילה און אז"וו.

**) ווי איך האָב געהערט, איז דאן אין פילטן געווען א ישיבה; עס איז אייך מעגליך, אז די געלט איז געגאנגען אף וואלאזשינער ישיבה, וועלכע איז געגרינדעט געווארן מיט א יאר פריער, איידער דער פנקס איז געגרינדעט געווארן.

פון די רבנים, וועלכע זיינען געווען אין פילטן, איז אונז באַוואוסט פאַרן ערשטן רב דער באוואוסטער גאון און צדיק ר׳ אלי׳ קליקאלער. נאָך געוויס איז ער זיין אין פילטן פריער אייך געווען א רב, ווייל אין די אויבנדערמאָנ־טע תקנות איז געזאָגט, אז א חזן אָדער א דרשן טאָר ניט דאַוונען אָדער דרשנען אָן דער ערלויבניס פון רב. עס איז מעגליך, אז ר׳ אורי בהרב מהור״ר צבי וועלכער איז געהתמט אַפן פנקס דער ערשטער, איז געווען דאָרטן רב.

א). הרב ר׳ אליהו בר׳ מאיר, באַוואוסט מיטן נאָמען, ר׳ אלי׳ קלי־קאלער*)׳ אָדער „ר׳ אלי׳ דער גרויסער" זיין געבורט שטאָט איז אונז ניט באוואוסט, נאָר דאָס איז קלאָר, אַז די קליינע שטעטל קליקאל האָט זוכה גע־ווען, ער זאָל בא איר זיין יאָרן לאַנג, און אין פילטן געשטאָרבן**). זיין שוועסטער, וועלכע איז געווען באוואוסט פאַר אַ גרויסן למדן, מרת ליפא, איז געווען די פרוי פון ר׳ יונתן, (נאָך דער מיינונג פון הרב הגאון ר׳ יוסף לייוונשטיין, רב אין סיראצק, איז ער געווען אַ שרייבער און א דיין אין פינסק). און ער איז געווען דער איידע פון די גאונים ר׳ משה מישל לוריע, רב אין קראַקינאווע,***) און ר׳ שואל, רב אין פאנעוועזש****). ר׳ אלי׳ האָט ניט

---

*). פיל פון דער ביאָגראַפיע פון דעם גאון האָט מיר געשריבן הרב ה״ג ר׳ אברהם יאָעלסאָן פון ליוצין.

**) הרב ה״ג ר׳ ראובן יצחק בן הגאון ר׳ זיסל, רב אין קליקאל, האָט מיר געזאָגט, אז זיין גאנצן לעבן איז ר׳ אלי׳ געווען רב אין קליקאל, נאָר איין האַלב יאָר איז ער געווען אין פילטן.

***) ער איז דער פאָטער פון די רבנים הגאונים ר׳ שואל לוריא רב אין שאווליאן, דער מחבר פון ספר „תפארת שאול", און ר׳ נתן נטע פלזים, רב אין קראַקינאווע לערך 35 יאָר, געשטאָרבן י״ד שבט תרמ״ה

****) הגאון ר׳ שאול שפירא איז געבאָרן אין תקנ״ו (1796), געשטאָרבן תרי״ט, געלערנט בא זיין פאָטער הר״ר דוב בער, וועלכער, איז געשטאָרבן אין תקס״ח, און בא הגאון ר׳ משה מישל לוריא, אין תקע״א האָט ער זיך באזעצט אין פאנעוועזש. אין תקפ״ט אָנגענומען געוואָרן פאַר א רב אין פּאָסוואָל אין קרייז; אין תקצ״ט—פאַר א רב אין פּרנעוועזש; אין תרי״ג— פאַר א רב איז שאדאווא, מחבר געווען פיל ספרים, זיין ספר אַף שלחן ערוך, או״ח און יור״ד האָט ארויסגעגעבן זיין איניקל הרב הגאון ר׳ משה מישל שפירא אינטער דעם נאָמען „חמדת שאול".

געטראָגן קיין בכבודיקע קליידער, נאָר ווי אליהו הנביא איז ער געגאַנגען אין אַ פעלצל פון שאָף-פעל סיי ווינטער סיי זומער און אויך אין אַזאַ היטל. און צוליב דעם האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות שטעל אין גרויסע שטעט: אַז די גרויסע מענטשן פון קרייז קיידאַן האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ קרייז רב, האָט ער זיי אַנטזאָגט, ער האָט נאָר געוואָלט זיין רב אין קליינע שטעטלעך, ווי קליקאָל, פילטן, איינצופלאַנצן תורה, אמונה און יראה. ער האָט געלערנט פאַרבאָרגענער הייט געלערנט מיט זיינע באַשטימטע תלמידים, און באַזונדערס מיט די תלמידים די גאונים און צדיקים ר' משה מישל פון קראָקינאָווע און ר' יענקעלע בויסקער, וואָס ר' אלי' איז זיי געווען אַ פעטער. די אַלע תלמידים פלעגן אַליין דערציילן וועגן די גרויסקייט, הויכקייט, די תורה און חסידות פון ר, אליין.

ער האָט ניט געוואָלט אַרויספאָרן פון קליקאָל, נאָר איינמאָל אין א פינסטערער נאַכט איז גראָף לאַמסדאָרף געקומען פון פילטן אין קליקאָל און האָט געזען אין אַ פענסטער ברענען ליכט — דאָס איז געווען באַ ר' אלי'ן אין שטוב, — איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער שטוב. ר' אלי' האָט אים זייער פריינטלעך און מיט גרויס כבוד אויפגענומען. שפּעטער אַז אין פילטן איז געוואָרן פריי די רבנות-שטעל, האָט דער גראָף פאַרגעלייגט די פילטענער אידן; אַדער זיי זאָלן אויסקלייבן ר' אלי'ן פאַר א רב, אַדער ער וועט אַרויס-טרייבן אַלע אידן פון פילטן, דאַן איז ר' אלי' געווען געצוואונגען אָנצונעמען די רבנות-שטעל אין פילטן; זיינע פּייאיקייטן און כשרונות זיינען געווען אויס-סערגעוויינלעך, ניט נאָר אין תורה, נאָר אויך אין אַנדערע וויסנשאַפטן, אַז דעם פילטענער גראַפס זון האָט, צוריקקערנדיק זיך פון א דייטשן אוניווערסיטעט, געפרעגט ר' אלי'ן אַ טיפע פראַגע אין אַלגעברא, וואָס קיינער האָט אָף איר ניט געקענט ענטפערן, האָט ר' אלי' איר גלייך פאַרענטפערט, און אַלס ערע-צייכן האָט דער גראָף אים געשאָנקען אַ שטיקל ערד.

פאַרשידענע לעגענדעס דערציילט מען וועגן אים, אָבער ניט אַלע קען מען ברייינגען אין דעם ווערק, נאָר דאָס האָב איך געהערט פון אַן אָנגעזעענעם מענטשן אין תורה און מעשים, אַז ער האָט געהערט אין נאָמען פון הגאון ר' צמח זאַקס פון זאגער, און אַזוי שרייבט מיר אויך זיין איניקל הר'הג ר' אברהם יאָעלסאָן, אַז ער האָט געהערט פון ריכטיקע מענטשן, אַז זיין זיידע ר' אלי' פלעגט פאָרן אָף אַלע קורלענדער ירידן נאָכזוכן באַ אידן די געוויכטער, אויב זיי זיינען ריכטיק, און אויב זיי האַנדלען מיט וואָס מען מעג.

אַ שיינע געשיכטע האָט דערציילט הרב הגאון ר' שניאור זלמן

הירשאוויין, רב אין גאָלדינגען, וואָס ער האָט געהערט פון המופלג הנכבד ר׳ הירשמאַן פון גאָלדינגען, אַ תלמיד פון הגאון „בעל חתם סופר“: דער פאָטער פון ר״י הירשמאַן איז געווען אַ קלעמפנער. איינמאָל האָט זיין פאָטער געהאַט אַרבעט אין אַ קרעטשמע אַפן וועג פון גאָלדינגען אין פילטן, איז ער געזעסן באַ דער נאַכט און געאַרבעט. אין מיטן נאַכט איז געקומען אַן אורח נעכטיקן אין קרעטשמע, גיט אַ קוק דער אורח, ווי דער בעל מלאכה אַרבעט באַ דער נאַכט, האָט ער אים געפרעגט: „האָט איר נאָך אַסך אַרבעט צו ענדיקן אַף מאָרגן, אַז איר אַרבעט באַ דער נאַכט?“ האָט אים דער קלעמפנער געענטפערט: „איך דאַרף צו מאָרגן, פאַרטיק מאַכן פיל בלעכן מיט לעכלעך, וואָס איז נייטיק צום מיל. און דעריבער אַרבעט איך באַ דער נאַכט.“ האָט דער אורח געזאָגט: „קענט איר דאָך אויסקלייגן אַ דריי־פיר בלעכן איינע אַף די אַנדערע און מיט איין מאָל דורכלעכערן?“ רופט זיך אָפ דער קלעמפנער: „איר זייט געדעכט! ווי עס ווייזט אויס, זייט איר אויך אַ קלעמפנער, טוט מיר די טובה און העלפט מיר אַרבעטן די נאַכט, ווייל אַרבעט איז פאַראַן פיל און די צייט איז קורץ, און צו מאָרגן פרי דאַרף זיין פאַרטיק אַלעס, וואָס איז נייטיק צום מיל.“ דער אורח איז דורכגעזעסן די גאַנצע נאַכט מיטן בלעכער און געאַרבעט און אַלעס געטאָן, וואָס ער האָט אים געהייסן, און אַף מאָרגן פרי איז ער אויסגעפאָרן, ניט נעמענדיק קיין שום געצאָלט פאַר די אַרבעט, און ניט זאָגנדיק, ווער ער איז און פון וואַנען ער איז: אין איניקע טעג אַרום האָט דער בלעכער געדאַרפט זיין צוליב אַן עסק אין פילטן און ער האָט דאָרטן דערקענט דעם אורח, נאָר ווי ערשטוינט איז ער געוואָרן, דערוויסנדיק זיך, אַז דער אורח איז ניט קיין בלעכער, נאָר דער גאון און צדיק ר׳ אלי׳. ער איז געלאָפן באַם גאון בעטן אַנטשולדיקונג, וואָס ער האָט אים באַמיט צו אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט, נאָר ר׳ אלי׳ האָט אים געענטפערט: „עס איז איבעריק דער בעטן אַנטשולדיקונג: אַ מאָראַלישער חוב ליגט אַף יעדן אידן צו העלפן איינער דעם צווייטן.“

ער האָט זיך זיין גאַנצן לעבן געפירט ווי אַן איינפאַכער מענטש, מיט אַלעמען גערעדט, אפילו די פרייע אין יענער צייט האָט ער זיך מקרב געווען: כדי אַריינצובלאָזן אין זיי כאָטש אַ ביסל יראת שמים. פאַר זיין טויט האָט ער געבעטן באַ דער פילטענער געמיינדע מען זאָל לעבן זיין קבר ניט מקבר זיין קיין מענטשן, נאָר אָפרוקן זיך פון אַלען זייטן אַ איילן. (עס איז ויכער, אַז ער האָט דאָצו געהאַט אַ פאַרבאָרגענעם געהיימען טעם). ער איז געשטאָרבן שבת קדש, ראש חדש חשון הקע״ה (1815).

איך ברענג דאָ אַן אויסצוג פון פילטענער חברה קדישא פנקס:

"יום פטירת אדונינו הרב המאור הגדול הישיש כבוד מוהר"ר אליי במהור"ר מאיר זצ"ל אב"ד דקהלתנו שבק חיים לכל ביום ש"ק ר"ח מרחשון תקע"ה לפ"ק והוא היה כבן ששה ושבעים שנה וצוה קודם מותו בבקשה ובאזהרות גדולות שלא יניח אותו אצל שום קבר רק בריחוק שמונה אמות מכל צד יהי׳ה קברו ואנחנו אלופי חברה קדישא קימנו מצות דברי שכיב מרע וקבלנו שכן יקום וכן עשינו ע"פ מוסכם כולנו וצוה הרב המה"ג מ׳ אלי׳ בר׳ מאיר זצ"ל הנ"ל שיכתב זאת בספר להיות זאת לזכרון לדורות שלא ישונה מזאת אף קוצי ש"י להיות השמונה אמות מכל צד שייך לו תמיד ולא יניח שום קבר בעולם בהשמונה אמות השייכים לו עד עולם התחי׳ וזכות של אדונינו הרב הנ"ל יגן עלינו ועל כל אחי"ו בני" שיקים בנו והפכתי אבלם לששון ונחמתים ושמחתם מיגונם אמן היום י"ב מרחשון תק"עה לפ"ק פה פילנ׳ען ולראי׳ באתי על החתום בפקודת כל החברה קדישא דק"ק הנ"ל.

נאום צבי הירש במ"ה יוסף זלה"ה שמש דק׳ הנ"ל וסופר דח"ק הנ"ל.

דער אינהאלט: אין טאג פון אונזער רב׳ס שטארבן איז ער אלט געווען 76 יאר און ער האט געבעטן און באפוילן מיט א שטריינגען באפעל, מען זאל קיינעם ניט מקבר זיין לעבן זיין קבר, נאר 8 איילן פון זיין קבר, און מיר האבן איינגעשטימט צו דערפילן זיין בקשה און פארשרייבן צום אנ־דיינקן אין פנקס, עס זאל בלייבן לדורות, קיינמאל ניט צו ענדערן.

די לעגענדע דערציילט וועגן א פייערדיקן זייל, וואס מען האט גע־זען באַ זיין לויה און מען דערציילט אין נאמען פון הרב ה"ג ר׳ מיכל, רב אין קורשאן, אַ תלמיד פון דעם גאון, אַז ער האט מיט זיינע אויגן געזען דעם פייערדיקן זייל, זיינע זין זיינען. א) הרב ה"ג ר׳ שמעון, רב אין ניי־שטאט סוגינד; ב). הרב ה"ג ר׳ אברהם׳ל בויערער, רב אין ליבוי און ג) הר"ר ברוך בענדעט אנגעזעענער סוחר: ער איז דער פאטער פון הרב ר׳ אהרון מאירי *) געלעבט 30 יאר אין ירושלים, דארטן חתונה געהאט צום צווייטן מאל מיט די טאכטער פון הרב הגאון ר. שמעון מנשה. רב אין חברון. **) ר׳ ברוך בענדעט איז געשטארבן כ"ב חשון תרמ"ד, 78 יאר אַלט זיין

---

*) אן איידעם פון ר׳ וואלף יאעלסאן פון קרייצבורג, א ברודער פון הגביר ר׳ יואל קרייצבורגער, אין אפן נאמען פון זיין שווער האבן זיי באקומען די פאמי־ליע יאעלסאן, ניט ווי זייער פאטערס פאמיליע, וועלכער האט געהייסן בארקום.

**) ר׳ שמעון מנשה איז געווען א געבארענער א שקלאווער, א תלמיד פון מיטעלן רבי׳ן ר׳ בער, און אז דער רבי האט געגרינדעט דעם ישוב אין חברון, איז ער אויך אוועקגעפארן אין חברון

זון איז הרב ר׳ אליהו יאעלכאן פון פרידריכשטאט, א תלמיד פון הרב הגאון ר׳ סענדער קופישקער. (זע „נחלת אבות״. אות ס״ן, סימן ג׳). קארעספאנדירט זיך אין הידושי תורה מיט הגאון ר׳ שמעון זרחי, רב אין יאקאבשטאט. געשטארבן כ׳ אב תר״ס, 54 יאר אלט, נאכגעלאזן פיל כתב־יד, חדושי תורה׳ א ביסל פון זיי האט צוזאמענגעקליבן זיין זון אין א באזונדערן קונטרס מיטן נאמען „אבני זכרון״, און ער דערמאנט זיי אין „תורה מציון״ און אין „המאסף״. זיין זון איז הרב הגאון ר׳ אברהם יאעלסאן פון לוצין; זיין תורה איז געדרוקט אין „תורה מציון און פיל תורה איז פאראן בא אים בכתב־יד. פון זיי א ספר „שלשה שריגים״.

הרב ר׳ אליהו בר, יוסף הערצבערג, אנגעקומען פאר א מורה־הוראה אין פילטן חוה״מ פסח תקע״ה (1815). אין פנקס פון חברה קדישא איז פארשריבן פאלגנדעס: „חוהמ״פ תק״עה, נתקבל הרבני מו״ה אילה במו״ה יוסף למורה הוראה על שנה תמימה ומשכורתו בעד כל שבוע ארבע רובל סיג והג׳ זהובים שמחויב ה׳ יוסף בר׳ שמואל כלז לתן מכל התונה יהיה שייך לר׳ אלי׳ הנ״ל והוא מחויב להגיד הפרק בכל יום ולומר מקרא בכל יום.

נאום צבי הירש במ״ה יוסף זלה״ה. שמש ד״ק הנ״ל.

דער אינהאלט: אנגענומען פאר א מורה הוראה אין פילטן אף א יאר. און זיין שכירות איז 4 רובל סיג א וואך (א רוסישער רובל) און די 3 גילדן, וואס דער בלי זמר ה׳ יוסף בר׳ שמואל גיט פון יעדער התונה, געהערט אויך צו ר׳ אליהו, ער דארף יעדן טאג לערנען דעם פרק משניות און מקרא״. זיין זון איז געווען הרב ר׳ יוסף הערצבערג.

הרב ר׳ ראובן יהושע זעליג אשכנזי בהגאון ר׳ ליב רב אין יורבערג קאווגער גוב. (אין תשובת רבינו עקיבא איגר איז פאראן צו אים א תשובה) געלערנט אין וואלאשוזין צוזאמען מיט הרב ר׳ זעליג פון פילטן, געווען ר׳ מענדל פילטענערס א איידעם. פון זיינע ברידער זיינען געווען הרב ר׳ יצחק פון שילעל און הרב ר׳ אליהו פון ראגאלע.

(ר׳ זעליגס ביאגראפיע באריכות זע אין תולדות היהודים בקורלאנד אין עברית).

ד) הרב ר׳ דובער בהרב ר׳ צבי הירש רב אין גאווורא, פיל דורות רבנים גדולים, ר׳ דוב בער איז געבארן אין גאווורא יאר תקן, זייענדיק 18 יאר, איז ער אנגענומען געווארן, פאר א מורה הוראה אף זיין רבינס ארט ר׳ ליב, נאכהער פאר א רב אין זידיק, און צום סוף פאר א רב אין פילטן,

געשטאָרבן כ"ח שבט תרי"ז. נאָכגעלאָזן 3 חבורים כתב־יד 1) הלכות פסוקית 2) חדושים על ש"ס בבלי וירושלמי 3) דרוש.

די כתבי יד זיינען געבליבן בא זיין זון ר' מרדכי צבי. ער האָט נאָכגעלאָזן 4 זין: 1) דער אויבנדערמאָנטער הרב ר' מרדכי צבי אין סאד. געשטאָרבן אין זיין יוגנט: 2) הרב ר' יהושע שמואל (זיין זון איז געווען הרב הג' החסיד ר' ברוך רובינשטיין אין לידא: פון מוטערס צד אַ אייניקל פון ר' יהודא אשכנזי דער מחבר פון באר היטב. ר' ברוך איז געווען אַ גדול בתורה אַ צדיק במעשיו. סוף יאָרן אויעקגעפאָרן אין ארץ ישראל דאָרטן געשטאָרבן אין יאָר תרע"א); 3) הרב הגאון ר' באלי בנימין דעמאַנט געבאָרן אין זידיק יאָר תק"צט אין זיין יוגנט איז ער געווען א רב אין די קליינע שטעטל זאמולאן. אין תר"ל אָנגעקומען פאַר אַ רב אין פאסיועל; אין תרמ"ד — פאַר רב אין סימפעראפאל, וואו מען האָט אים געהאַלטן מיט גרויס כבוד. די איינוואוינער פון קרים און ק ווקאז האָבן אים געפרעגט שאלות. אויסער וואָס ער איז געווען א גדול בתורה איז ער געווען אַ שלם במעלות (זע וועג אין „הצפירה" תרס"א.) נאָכגעלאָזן א כתב־יד און האָט געשריבן פיל ארטיקלען אין פארשיידענע צייטונגען. געשטאָרבן ט"ו טבת תרנ"ד, 55 יאָר אַלט. אַף זיין אָרט איז אָנגעקומען פאר אַ רב זיין איידעם הרב הגאון ר. בן־ציון קרעצמער*) זיין אייניקער זון איז הרה"ג ר' בן ציון דעמאנט, געווען רב אין יאלטא, דער מחבר פון ספר „עמק הבכא" און אַנדערע און דער 4) געלערטער ר. יהודא אליעזר דעמאנט: **) סוף יאָרן געלעבט אין ריגא: געשטאָרבן אין תרנ"ו.

ה) הרב ר' יוסף בהרב ר. אלי' הערצבערג, געבאָרן אין פילטן, געווען דאָרטן רב פון תר"ו ביז תרט"ז און נאכהער אָנגעקומען פאר א רב אין ליבוי, וואו ער איז געווען ביז זיין טויט שמחת תורה תרמ"ז.

ו). הרב ר' מנחם מענדל איזראעלסאָן. (זיין ביאָגראַפיע — אין די רבנים פון מיטוי).

---

*) ר' בן ציון קרעצמער איז א שוועסטערס זון פון די גרויסע גאונים ר' בצלאל און ר' שלמה הכהן פון ווילנא: זיינע ברידער זיינען הרבנים הג' ר' אברהם קרעצמער, מורה הוראה אין אנטיקאליא (ווילנא), און ר' יוסף קרעצמער, רב אין באחמוט אין יעקאטעריע.

**) זע וועגן אים אין „כנסת ישראל", ערשטן יאָר, און אין „הבקר", 4־טן יאָר, ניינטע העפט, אין מאמר פון ארויסגעבער. „וועגן אידישע חכמה אין געלערטע". דאָרטן דערציילט ער די חכמה פון ה' אליעזר דעמאנט און זיינע קינדער.

ז) הרבֿ ר׳ יוסף יהודה בערנשטיין געווען אַ רבֿ אין רודימינע, ראגאווע, לוקניק און אין יאָר תרי״ט אָנגעקומען פאַר אַ רבֿ אין פילטן.

געווען מער ווי דרייסיק יאָר רבֿ אין פילטען אָנגעקומען פאַר אַ רבֿ אין באַלבירישאָק, זיין זון איז הרה״ג ר. נח טובי׳ רבֿ אין אמור יעקאַטערינע-סלאַוער גוב. מחבר געווען ספר „מי נח״ און נאָך אַנדערע ספרים׳

ח) הרבֿ ר׳ ישראל בר׳ משה לימווין — געבאָרן אין סלאָנים אַ שטאם פון הגאון השל״ה מחבר געווען ספר „קול אבות״ אַף פרקי אבות. און האָט בכתבֿת יד הבורים אַף פאַרשיידענע מקצעות. אָנגעקומען פאַר אַ רבֿ אין פילטן אין יאָר תרנ״א, געווען דאָרטן ביז חודש סיון תרע״ה, נים ווענדיק אַנעמען אַ רבנות שטעל איז ער איצט אין ריגע און איז עוסק במסחר.

הרבֿ ר׳ ראובן הלוי לעווינכאָן פון פילטן, אָנגעקומען פאַר א רבֿ אין האזענפאָט וואו ער איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען (געהערט פון הרה״ג ישראל ליטווין)

ר׳ מנחם מענדל בר׳ יהושע זעליג הכהן קאָהן געלעבט אין פילטענער קרייז, געווען אַ נגיד אַ בעל צדקה האָט געהאַט אַ הויף און ברענעריי. געשטאָרבן אין זידיק קאָווּנער גוב. וועגן זיינע צדקות און מעשים טובים (זע באַריכה אין מיין ספר אַף עברית); זיין זון איז געווען הרבֿ הגאון ר׳ זעליג הכהן רבֿ אין האזענפאָט.

## 22. פרויענבורג.

אידן האָבן זיך דאָ באַזעצט מיט לערך 50 יאָר צוריק. 3 וויאָרסט פון פרויענבורג געפינט זיך אַן אַלטער בית עולם, נאָכן אויספאָרשן די זאַך איז מען ערפאַרן, אז מיט 80 יאָר צוריק האָט קיינער נ ט געוואוסט וועגן דעם בית עולם; נאָך די גרוים פון בית עולם און לויט די צאָל פאַמיליעס, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט אַרום פרויענבורג, קען מען מישער זיין, אז דער בית עולם שטייט שוין פון 150 ביז 200 יאָר.

דורך די השתדלות פון פרומען אידן ר׳ שמואל הירשפעלד איז ט״ז חשון תרל״א אין פרויענבורג געגרינדעט געוואָרן אַ חברה קדישא מיט אַ פנקס און תקנות. זיין ברודער ר׳ ליב (לואי) הירשפעלד איז געווען יאָרן לאַנג אַ גבאי אין שול.

ט״ז חשון תרס״ב איז נאָך אַמאָל געגרינדעט געוואָרן אַ חברה קדי-שא דורך ר׳ גרשון ראַבינאָוויטש; דורך דעם זעלבן ר׳ גרשון איז געגרינדעט

געוואָרן אין תרמ״ו א חברה גמרא*)

אין תרל״א איז דאָרטן אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב הרב ר׳ יהודא בר׳ משה הירשזאָן, אַ געבאָרענער אין שאַבילן, קורלאַנד. אַין תר״ס איז געדרוקט געוואָרן אין וואַרשע זיין ספר „צלצל כנפים״ אַף פרק שירה געשטאָרבן אין תרס״ב. (נאָכגעלאָזן אסך כתבי־יד.**)

ב) הרב ר׳ אברהם שמואל דוביצקי (אין די רבנים פון גאָלדינגען).

ג) הרב ר׳ משה שלום סטול. געלערנט בהתמדה אין איישישאָק און אין ווילנאַ. אין יאָר תרס״א אָנגעקומען פאַר אַ רב אין יעזנא אין תרס״ז אין פרוי־ענבורג. ענדע יאָר תרפ״ד אין בויסק, מחבר געוועז אַ ספר „שם עולם״ וועגן וויכטיקייט פון דעם ספר איז געדרוקט אין „דאָס אידישע ליכט״ יאָר 1926 № 237 און פראַנקפורטער אוראַלעט № 31 און אין פיל אַנדערע. יעצט דרוקט זיך פון אים אַ ספר אַף דרוש.

ד) הרב ר׳ דוד בהרב הגאון ר׳ משה שלום סטול נאָכן אָנקום פון זיין פאָטער אין בויסק איז ער פאַרבליבן אין פרויענבורג און האָט געפסקענט שאלות אין דעם ספר פון זיין פאָטער איז פראַן זיינע חדושים.

# 23. קאַנדוי.

הרב ר׳ יצחק הימאַנסאָן, פריער געווען אַ שוחט אין קאַנדוי און נאָכהער אויך מורה הוראה.

הרב ר׳ מאיר זימאַנסאָן, געבאָרן אין קורלאַנד. אין תר״א אָנגעקומען פאַר אַ רב אין קאַנדוי. און געווען דאָרטן ביז זיין טויט לערך תרמ״ג.

הרב ר׳ מרדכי שטערן, געבאָרן אין קורלאַנד. געווען אַ קורצע צייט

---

*) ר׳ גרשון איז געשטאָרבן פלוצלונג אין תרס״ו. ער איז אַ זון פון הרב הג׳ ר׳ יוסף ראַבינאָוויטש, וועלכער איז געווען דיין אין בית דין פון וועלטער גאון ר׳ יצחק אלחנן אין קאָוונע. געשטאָרבן 34 יאָר אַלט. נאָכגעלאָזן אַ ספר מיטן נאָמען „בית אסף האחרון״. דאָרטן ווערט אויך געבראַכט חדושי תורה פון זיין פאָטער המופלג ר׳ טוביה, פון זיין פאָטערס פאָטער הגאון ר׳ יוסף אין שוועקשנע און פון זיין זיידן ר׳ טוביה פון אמדור.

**) זיין צווייטע פרוי איז געווען אַ טאָכטער פון המופלג און משכיל ר׳ יחזקאל יאַקאָבסאָן פון קליקאָל. געשטאָרבן 85 יאָר אַלט, ג׳ טבת תרס״ה. נאָכגעלאָזן מאַנוסקריפטן—לאָגישע דערקלערונגען אין מאמרי חז״ל.

צוזאמען מיט הרב ר׳ מאיר זימאנסאָן און אַוועקגעפאָרן אין ארץ ישראל.*)

הרב ר׳ מרדכי ליכטענשטיין. (אין די רבנים פון טאַלסן).

הרב ר׳ ברוך יעקב איזראעלסאָן. (אין די רבנים פון ניירא).

הרב ר׳ יעקב בהרב הגאון ר׳ אליעזר ליפמאַן ליכטענשטיין, אין יאָר תרנ״ח אָנגענומען געוואָרן פאַר א רב אין קאנדוי, נאָר בעפאָר ער איז גע־קומען, איז ער גע־שטאָרבן אין רעזשיצע.

הרב ר׳ מנחם מענדל דוב בער בר׳ לוי יצחק ז״ק. א איידעם פון הרב הגאון הצדיק ר׳ גרשון וועגנער רב אין וויעגער**) אין תרנ״ה אנגעקומען פאַר א רב אין קאנדוי. אין תרע״ג פאַר א רב אין ריגע.

הרב ר׳ אהרן בר׳ אריה נוראָק, אָנגעקומען פאַר א רב אין קאנדוי אין תרע״ג, נאָכן מלחמה איז ער געווען רב אין יאלטא און דאָרטן געשטאָרבן. זיין פאָטער איז א ברודער פון הגאון ר׳ צבי הירש נוראָק.

## 24 שאַבירן.

דער פנקס פון חברה קדישה ווי עס איז צו זען אַפן פאָרערבלאַט פון פנקס איז ער געשריבן געוואָרן אין תקס״ט (1809) פון יאָר תק״ע זיינען שוין דאָ פאַרשריבן אסך מיטגלידער; פון דער אָרדנונג פון פנקס קען מען פאַרשטיין, אַז עס איז שוין דאַן געווען אַן איינגעאָרדנטע קהלה, ווייל די שמשים זיינען פאַרשריבן באַזונדער און די שמש׳טעס באזונדער. אפן פאָרערבלאט איז פאַר־שריבן. אז דאָס איז א נייער פנקס.

רבנים.

א) הרב ר׳ מנחם מענדל בר׳ ישראל איסר איזראעלסאָן.***) צווישן די געחתמעטע אין פנקס געפינען מיר אין תקצ״א זיין אונטערשריפט. (זע אין די רבנים פון מיטוי).

ב) הרב ר׳ מרדכי אורי סאמוגאָוי. (אין די רבנים פון ווינדוי).

ג) הרב ר׳ דוב בער ליבשיין (אין די רבנים פון ווינדוי).

ד) הרב ר׳ צבי הירש בר׳ אברהם משה ראלבע, א איידים פון הרב

---

*) זיין איידעם איז געווען דער אָרטאָדאָקסישער גביר ר׳ אליעזר בר׳ ליב זאלמאַנסאָן אין ריגא, א זון פון באַוואוסטן ירא שמים המופלג ר׳ יוסף, באַוואוסט מיטן נאָמען ר׳ יאָסל שוואַרזדער.

**) די ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן גאון — אין די רבנים פון ריגא.

***) אין שאבילער פנקס חתמ׳ט ער זיך: „בן איסר״, און אין אן אנדער אָרט: „בר׳ ישראל״, דאָס איז אָבער איין נאָמען ר׳ ישראל איסר.

והגאון הצדיק ר׳ חיים ליבשיץ רב אין סרעדניק, לערך אין יאר תרכ״ד, אנ־געקומען פאר א רב אין שאבילן אף זיין שוויאגערס שטעלע הגאון ר׳ דוב בער ליבשיץ, געווען א רב אין שאבילן ביז זיין טויט פסח תר״ס. וויען איך בין געווען בא אים האט ער מיר געוויזן זיין חיבור א כתב־אף גפ״ת און הלכה.

ח) הרב ר׳ מאיר בהרב ר׳אלחנן בערלין, שטאמט פון הרב הגאון ר׳ יחזקל פייוול מגיד אין ווילנא דער מחבר פון תולדות אדם; הרב ר׳ מאיר איז א איידים פון ר׳ אליעזר בהרב הגאון ר׳ צבי הירש ראלבע. אנגעקומען פאר א רב אין שאבילן יאר תרס״א געווען דארטן ביז חודש סיון תרע״ה, יעצט אין ארץ־ישראל.

ט) הרב ר׳ שלום צבי טאביאס בהרב הגאון ר׳ אברהם *) מגזע הגאון ר׳ דוד, רב און ראש ישיבה אין שערשאוו, אין תר״נז האט ער געג־רינדעט אין שאבילן א ישיבה. נאר צוליב מאטעריעלע פארהעלטעניישן האט די ישיבה ניט געהאט קיין לאנגן קיום, נאך די קריג, האט ער פאר־טראטן די שטעלע פון א רב אין שאבילן, ער האט מחבר געווען דעם ספר „מפתח ההלכות״ געשטארבן פאר סוכות יאר תרפ״ד יעצט איז איצט א רב אין שאבילן הרב ר׳ אלחנן הכהן קאהן.

# 25 שובאט

נאך איידער עס געגרינדעט געווארן שובאט דורך די ברידער העקטאר—פרידריך און רייגהאלד פון אסטאזאקסין דעם 5 אפריל 1686 איז שוין געגעבן געווארן א באפעל צו פארבאטן אידן לעבן דארט. נאר ווי עס שיינט, האט די גזרה לאנג ניט געהאלטן, און שוין מיט 100 יאר צוריק איז דארטן געווען א געמיינדע און א רב. ווי עס איז צו זען פון די שו״ת אין „גדולת מרדכי״ וועגן ר׳ אברהם ב״ר משה, שוחט אין שובאין, וועמען דער רב פון שובאין און דער מורה הוראה פון ראקישאק האבן געוואלט אסר׳ן, (אין דעם ספר סימן ד׳, יא). פון די רבנים, וועלכע זיינען מיר באוווסט, איז

א) הרב ר׳ אליהו שמואל בהרב ה״ג ר׳ מרדכי ליב יפה מזגע ה״ג

*) הרב ר׳ אברהם נאך זיין גרייסקייט נאך אין תורה און יחוס האט ער ניט געהאט קיין מזל, געלעבט א חיי צער, געווען א רב אין איליא, אליא, פיקעלן, פאקראי געשטארבן יאר תר״ס נאך געלאזן פיל חבורים פארטיק צו דרוקן.

בעל הלבושים.**) געווען רב אין שוואַן 43 יאָר. נאָך זיין טויט זיינען פאַר־
בליבן אף זיין שטול זיינע 2 איידעמס הרב ר' משה און

ב) הרב ר' משה בהרב הגאון ר' מרדכי ראַבינאָוויטש, רב אין פּאָס־
וועל. וויענדיק אין שוואַן רב 7 יאָר, איז ער אָנגעקומען אף זיין פאָטערס
שטעל פאַר א רב אין פּאָסוועל. געשטאָרבן תרפ"ד

ג) הרב ר' בנימן דייץ בהרב הגאון ר' דוב בער, רב אין שילעל. (זע
„נחלת אבות", אות ב), אן איידעם פון הגאון ר' משה מישל שאַפּיראָ, רב אין
ראַגאָווע, צוריקקערנדיק נאָך דער מלחמה געווען רב אין ריבינישאָק, און
יעצט רב אין לייוועהנאַף. ער איז אַ ברודער פון באַוואוסטן הרב הגאון ר'
אליהו עקיבא ראַבינאָוויטש, געווען רב אין פּאָטניצע, קנישין און פּאָלטאַווע,
דער אַרויסגעבער פון „הפלס" און וואָכנבלאַט „המודיע".

ד) הרב ר' יעקב בר' אליהו דוד עפּשטיין, אַ ברודערס זון פון באַ־
וואוסטן גאון ר' משה מרדכי עפּשטיין, רב און ר"מ אין סלאַבאָדקע, קאָוונאָ.

הרב ר' צבי הירש הערצקאָוויטש. אין ספר „מצב הישר" פון הרב ה"ג
ר' זלמן בער, רב אין דובענא און נאָכהער אין ווילנאַ, ווערט געבראַכט, אַז זיין
מוטערס פאָטער ר' צבי הירש הלוי הערצקאָוויטש איז געווען אַ שוחט און מורה
הוראה אין שוואַן.

## 26. שימבערג.

די קליינע שטעטל שטייט באַם גרענעץ פון קורלאַנד; אַ טייך איז
מפסיק צווישן איר און ליטע. פון יענער זייט טייך נעמאן געהערט שוין צו
ליטע. זי איז נאָענט פון בירז. פריער איז זי געווען באַוואוסט דורך אירע גרוי־
סע מערק, וועלכע זיינען געווען 9 מאָל אין יאָר, און אַפן גרויסן יריד, וועל־
כער קומט אוים אָנפאַנג אויגוסט, פלעגן צוזאַמענקומען רבנים פון די אַרומיקע
שטעט פון קורלאַנד און ליטע, און אַלע שווערע שאלות, וועלכע האָבן אַ
שייכות צום אידישן דת, פלעגט דאָרטן אויפגעקלערט ווערן, אין אַ קליינעם
פאָרמאַט איז שימבערג געווען ווי די יריד'ן אין די ד' ארצות—ליטע און פוילן.

### ר ב נ י ם.

א) הרב ר' מרדכי בר' יקותיאל זלמן הלוי, געבאָרן אין נײַ־זאַגער,
אן איידעם פון פרנס ר' יהודא צבי בר' אליעזר פון בירז, אַ שוואָגער פון
הרב ר' מרדכי, וועלכער איז באַוואוסט מיט זיינע הסידות. ר' יעקב, שוחט אין

---

**) זיין איידעם איז אויך הרב ה"ג ר' אליעזר צבי פינעס, רב אין טאַראַגין באַ
איטיאַן. (זע אין „נחלת אבות" אות א', סימן קנה).

שיימבערג, האָט אים אראָפּגעבראַכט פאַר א רב, זיינע שבירות איז געווען 10 גילדן אַ וואָך, וועלכע ער האָט אויך ניט באַקומען אויסגעצאָלט אינגאַנצן. דאָרטן האָט ער חתונה געמאַכט זיין טאָכטער פאַר ר׳ שניאור הללס.*) זייענדיק אין שיינבערג לערך 6 יאָר, איז ער אָנגעקומען פאַר א רב אין כלאָפּעניק, און ווען הגאון ר׳ שמעון זרחי, רב אין יאַקאָבשטאַט, איז אָנגעקומען אין טאווריק, האָט ר׳ מרדכי פאַרנומען זיין אָרט אין יאַקאָבשטאַט. נאָך אים איז אין שיינבערג ניט געווען קיין רב 3 יאָר, הר״ר יעקב שוחט און הר״ר העסל דער שוחט**) האָבן פאַרטרעטן די שטעלע אַלס מורה הוראה׳ס.

ב) הרב אליהו בר׳ צבי פון זופּראַן, צוגעשריבן צו מיטוי. געווען אין שיימבערג לערך 5 יאָר. פאָרנדיק זיך קורירן אין בויסק, איז ער דאָרטן געשטאָרבן 38 יאָר אַלט. אויף זיין קבר אין בויסק איז אויסגעבויט אַן אוהל.***)

ג) הרב ר׳ נפתלי הערץ בר׳ נתן קליאַצקין, (אַן אייניקל פון גרויסן גאון ר׳ יעקב רישער, רב אין מיץ, דער מחבר פון „חק יעקב“ און „שו״ת שבות יעקב“) געבאָרן אין דינאַבורג ראש השנה תקפ״ג. זייענדיק 9 יאָר אַלט איז ער אוועקגעפאָרן לערנען אין מינסק אין די ישיבה פון הגאון ר׳ משה צבי האַלפּערין, פון דאָרטן איז ער געקומען אין ווילנאַ אין די ישיבה פון זיין פריינט הגאון ר׳ מרדכי קליאַצקין. אין תקצ״ז איז ער געקומען אין פרעסבורג אין די ישיבה פון הגאון ר׳ משה סופר, וואו ער האָט געלערנט 2 יאָר. אין תרי״א איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר א רב אין אושפּאַל, קאָוונער גוב.

---

*) הרב ה״ג ר׳ שניאור הילל׳ס האָט געלעבט אין בירז און געווען זיין גאַנצן לעבן געווען א מלמד. געשטאָרבן תרס״ז. איך האָב געהערט, אז ער האָט נאָכגעלאָזן חדושים אין גפ״ת.

**) ר׳ העסל איז א זון פון הגאון ר׳ מרדכי ראַבינער, רב אין בויסק, און זיין זונס-זון איז געווען ר׳ העסל קרעצמער פון בירז, סוף יאָרן געלעבט אין ריגא און געווען א לערער, נאָכהער געפירט דעם עסק פון זיין איידעם, ר׳ יוסף פאַס. געשטאָרבן אין ריגא כ״ד אדר תרס״ה, נאָכגעלאָזן 3 חבורים אין לשון קודש צו לערנען אָן א לערער געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע. זיין טאָכטער די עסקנית אין וואוילטעטיקע פאַריינען און בפרט אין לינת הצדק אין פאַלקסקיך חנה פאַס איז געשטאָרבן אין ריגא כ׳ אב תרפ״ג, און זיין זון דאָקטאָר מרדכי קרעצמער געשטאָרבן צוריקקערנדיק פון דער קריג

***) ר׳ שמשון איזל קורמאַן פון שיינבערג, פון וועמענס בריוו איך האָב ארויסגענומען וועגן שיינבערג, האָט מיר געשריבן, אז הרב ר׳ אליהו איז געווען א גרויסער מענש, א וואונדערבאַרער שקדן, טאָג און נאַכט געלערנט.

וואו ער איז געווען 7 יאָר, און נאָכהער — פאַר א רב אין שיינבערג. וואו ער איז געווען 37 יאָר ביז זיין טויט ראש חדש שבט תרנ״ד. אין דער צייט, וואָס ער איז געווען רב אין שיינבערג, איז געגרינדעט געוואָרן אַ בית הקברות און אויך אַ פיינער בית המדרש מיט א דירה פאַרן רב. ער האָט נאָכגעלאָזן אייניגע ספרים כתבים, פון וועלכע אייניגע האָבן געלאָזט דרוקן זיינע קינדער. פון זיי: „שו״ת. אילה שלוחה״. ער דאָט נאָכגעלאָזן 7 קינדער גרויסע לומדים, פון זיי אויך באַוואוסטע גאונים: 1) הרב הגאון ר׳ איסר יעקב קליאַצקין, געווען אַסך יאָרן רב אין אַנעשיסעק און אין תרנ״ז אָנגעקומען פאַר אַ רב אין לייוועןהאָף. געשטאָרבן כ״ח חשון תרפ״ב. (זיין זון איז געווען הגאון ר׳ יהושע מרדכי קליאַצקין, רב אין ליבוי); 2) המופלג ר׳ דוד פיינבערג, געלעבט אין סקאָפּ־שאָק, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין תרס״ז; 3) דער באַוואוסטער גרויסער גאון ר׳ אליי קליאַצקין, די כשרונות פון דעם גאון נאָך פון זיין יוגנט איז ניט צו באַשרייבן: זייענדיק נאָך גאַנץ יונג, איז ער געווען קלאָר אין גאַנץ ש״ס מיט אַלע תוספות און אַנדערע ספרים. געווען א רב אין בריזין מאַריאַמפּאָל, סוו־באַלקער גוב. און פיל יאָרן געווען רב אין דער גרויסער איד. שטאָט — לובלין, מחבר געווען א סך ספרים: „אבן הראשה״, „אמרי שפר״, „אבן פנה״, „דבר הלכה״, „מלואים״, „מלואי אבן״ און אין תרפ״ז איז געדרוקט אין ירושלים זיין ספר „חבת הקדש״. יעצט איז דער גאון אין ירושלים ער איז אַ איידעם פון באַוואוסטן גאון ר׳ ברוך מרדכי ליבשיץ אַב״ד אין שעדלין; 4) ר׳ ראובן קליאַצקין אין לייוועןהאָף; 5) הרב הגאון ר׳ שנאור זלמן רב אין ראגאטשאָוו, אין זיין פאַמערס ספר איז פראַן פון א״ם א קונטרס תורה; 6) הרב הגאון ר׳ אברהם קלאַצקין רב אין לאָזני. פריער אין ראַמאַנאָוו און 7) הרב הג׳ ר׳ משה צבי, רב אין ראָמאַנאָוו.

ד) הרב ר׳ נפתלי אליעזר בוימאן געבאָרן אין ריגאַ, געווען 6 יאָר רב אין שיינבערג. נאָכהער רב אין אַסטראַכאַן, געשטאָרבן אין יאָר תרפ״ה.

ה) הרב ר׳ בנימין ביינעש בר׳ צבי הירש ראַבינער אַ אוראייניקל פון הגאון ר׳ מרדכי ראבינער רב אין בויסק.*) געשטאָרבן אין חאַרקוב כט׳ שבט יאָר תרע״ט.

ו) הרב ר׳ אברהם אפרים ראָזינג אַן אייניקל פון הגאון ר׳ אַברהם פיקע־לער. געווען אַ רב אין באַבראַוויצי אין יאָר תרפ״ח אָנגעקומען פאר א רב אין שימבערג.

---

*) זיינע זין זיינען ר׳ מרדכי ראבינער אין ריגע א וועלטענער יראת שמים און הר״ר ליב ראבינער אין ריגא געלערנט אין לידער ישיבה א מוסמך פון הגאון ר׳ יצחק יעקב ריינעס און פון אנדערע רבנים.

רב אין שײנבערג.

נולדתי*) בעיר מצער פלך ווילנא, בעיר מולדתי היו לערך שלשים משפחות, כמעט כולם אנשים פשוטים, גם מצבם החומרי היה רע. אבי ז"ל היה מופלג בתורה, כפי ששמעתי ממנו היה דור שביעי להגאון בעל סדר הדורות, לפעמים הורה גם שאלת או"ה, ידע לקרא ולכתוב רוסית, פולנית, וכמדומה לי גם אשכנזית (חזון בלתי נפרץ בימים ההם, ובפרט בעיר מצער בליטא), היה חכם מצוין ונעלה, זולת כל אלה, היה רך לב בטבעו, בעל רגש ונפש עדינה. לא התגאה בתורתו וחכמתו, כ"ע התהלך עם כל אחד מאנשי עירנו, אך מעט מהם ידעו להעריך ולהוקיר ערך אבי ז"ל נפטר י"א ניסן תר"ן בעיר שווענציאן.

אמי מרת רבקה מלכה בת ר' ירחמיאל ז"ל, אחי הגאון ר' יוסף אשכנזי בעל „אהל יוסף", היתה מצוינת בשכלה וצנועה במעשיה. כדרך הנשים הצנועות בעת ההיא: קמה בבוקר ואמרה תהלים, צמה כל ערב ר"ח, בה"ב, עשרת ימי תשובה ובחדש אלול גם שני וחמישי ועוד: נפטרה ז' תמוז תרמ"ו ומנוחתה בעיר שווענציאן.

אנכי הייתי בן זקונים, כל ימי היותי בבית אבותי, היה מצבם החומרי לא טוב. אמי היקרה ז"ל אהבני אהבה בלא מצרים. עברית להתפלל למדה אותי אמי ז"ל.

התחלתי ללמוד בחדר בהיותי בן שמנה שנה, ואחרי למדי שנה אחת אצל מלמד, התחלתי ללמוד גמרא אצל רבי משה אייזיק ליבשיץ, מביני דבר אמרו אז, כי יש לי כשרונות טובים ונעלים, ביותר היה נפלא כח זכרוני. בהיות בן עשר שנה, כבר נסעתי ללמוד בשווינצאן אצל אחי היקר והשלם הר' צבי הירש ז"ל, אשר למד אז שם; נפטר בן כ"ה שנה ז"ך אדר שנת תרמ"ז בעיר זענקוב פלך פאלטאווא, אח"כ למדתי שמה אצל רבי הישיש מופלג וחסיד ר' ליב אייזיק כ"ץ והוא התפאר בי, עוד אני זוכר, כי בשבת אחת הביאני אל הגאון רי"י ריינעס לבחון ולנסות אותי.

בשנת תר"ב התחלתי ללמוד בלא עזרת מורה, בשווינצאן למדתי עד שנת תרמ"ב, והייתי שמה בצער ובדוחק.

באמור, כהן פאר רבנות שמה אז, הגאון ר' יצחק יעקב ריינעס שליט"א. ביתו היה פתוח לחכמים וסופרים. בעת ההיא בא בשווינצאן הרב הגאון כליל השלמות ר' יהושע יוסף פרייל ז"ל. הוא היה אז לערך בן ט"ז

---

*) הבאתי את תולדתי, יען שבה נזכרים אנשים מצוינים ומפורסמים, גם אנשים מצוינים בלתי מפורסמים.

שנה, הרב ר״י ריינעס קרב ופיסס אותו.*) כן למד אז בשווינצאן הרב ה״ג הצדיק ר׳ נפתלי הערץ קראניין שהי׳ אח״כ רב בליגמיאן ובעיר סאלאק ועוד היו אז אברכים גדולי בתורה וחכמה**).

בקיץ שנת תרנ״ב באתי ללמוד בעיר סאלאק פ׳ קאוונא בתקותי למצוא שם עתיד יותר טוב ובהיר, אמנם תוחלתי לא נכזבה לפי ערך יושביה. מצאתי שמה אנ״ש נאורים מופלגים בתורה וחכמה ואחדים מהם מרבותי ומהם הרב החריף החכם ר׳ שאול פיינבלום ז״ל שמה למדתי עד סוף שנת תרמ״ד. ובפ״ה עשיתי חיל בלימודי, וכאשר לר׳ שאול הנ״ל הי׳ קרוב בליד״א, הוא הרב הג׳ הצדיק ר׳ ברוך רובינשטיין ז״ל, יעצוני לסע ללמוד בלידא. על ימים טובים באתי אל אבותי, עוד איזה ימים קודם נסיעתי לידאה, בכתה אמי ז״ל ואמרה שקשה לה פרידתי מאתה, כי עד העת ההיא הייתי רק בערים הקרובות לה, ואחרי יום טוב כאשר שמתי לדרך פעמי, נורא מאד היתה מצבי אז להתרחק מאבותי, ובפרט מאמי אשר אהבת עולם אהבתיה. כשלושה ווערסט לויתה לי אמי רגלי, ובכל הדרך בכתה בקול ואמרה שלבה אמר לה שעוד לא תראה אותי (אמנם נבואתה נתקיימה)׃ בשמעי דבריה רציתי לחזור ממחשבתי מנסוע לידאה. אך אמי ז״ל לא הסכימה לזה, בחשבה, כ לעשות חיל בלימודים אוכל רק במקום תורה. אמי שבה בלב נשבר ונדכא לביתה וכה נסעתי אני לידאה.

אחרי איזה לילות ימים נדודים, באתי ללידא, שמה קרבני הרב הגדול החסיד ר׳ ברוך רובינשטיין, אשר התפלל במנין החסידים, (נפטר בארה״ק שנת תרע״א). ומאתו היתה נסבה שגם אני למדתי כשנה אחת במנין החסידים אח״כ למדתי לערך שתי שנים בבית המדרש הגדול, שמה למדתי עם חברים מופלגים, ומהם גדולים בתורה.

---

*) הר״ר יהושע יוסף בהר״ר אלחנן ז״ל הוא יליד עירה בירז, היה עילוי נפלא; בשווינצאן לקח אשה את בת הנכבד ר׳ חיים שפירא בן אחי הגאון הגדול ר׳ ליב שפירא; בשווינצאן היה עד שנת תרמ״ה, וכאשר נתקבל הרב הגאון ר׳ מאיר ראבינזאן נ״י אבד״ק קראק בשווינצאן, נתקבל מר פרייל לאב״ד על מקומו בקראק, לבד גדלו בתורה, הי׳ גם שלם במדעים חכם וסופר נפלא. כידוע ממאמריו הרבים המחוכמים והנפלאים אשר כתב במכה״ע למרות, שהי׳ אז חולה מסוכן; נפטר בדמי עלומיו בשנת תרנ״ה, השאיר אחריו הרבה כת״י; אלמנתו ובניו הדפיסו חלק מהם בשם „אגלי טל״ מאמר ראשון ומאמר שני.

**) ראוי להזכיר איש אחד ירא וחרד עסקן במצות, אשר היה בעת ההיא בשווינצאן, המופלג וצדיק במעשיו הר״ר שמואל מינעס זצ״ל.

בשנת תרמ״ו, קבלתי כעין סמיכה מהגאון אבו״ק לידא. ובשנת תרמ״ז קודם נסיעתי לביתי, קבלתי סמיכה לדון ולהורות מהב״ד דלידא; מהם היו הרב הג׳ בקי נפלא ירא וחרד לדבר ד׳ ר׳ יוסף אליה והרב ה״ג החריף ר׳ דובבער נודע בשם הפרוזענער, (הגאב״ד היה אז בחו״ל) בנסיעי דרך ווילנא סרתי לבית הגאון הגדול מרן ר׳ שלמה הכהן זצ״ל דברתי עמו בגפית וקבלתי מאתו תעודה: רושם טוב עשה עלי הגאון הצדיק ר׳ ישראל איסר איסערלין זצ״ל מו״ץ שמה, גאון נפלא נחבא אל הכלים.

בחורף שנת תרמ״ט, באתי בעיר יאקאשטאט, שמה דר אחי אבי, הרב הג׳ ר׳ יוסף שו״ב, נפטר י״ט טבת, שמה למדתי כחצי שנה בבית הרב הגאון אוצרהמדות ר׳ נחמן אידל ז״צל. הוא קרבני מאד. גם הוא נתן לי סמיכה לדון ולהורות. מיאקאבשטאט, שבתי לשווינצאן.

בעת ההיא, כהן פאר הרבנות שמה אחד מיחידי סגולה הרב הגאון אוצר החכמה והמדע ר׳ פנחס ראזאווסקי, נולד בשנת תר״ג, נפטר בשנת תרס״ד (עיין באריכות בספרי „תולדות היהודים בקורלאנד״ הוצאה ראשונה).

בקיץ שנת תר״ן, יסדתי ישיבה; מהישיבה קבלתי ענג רוחני, מסבות שונות חדלה הישיבה בשנת תרנ״ג.

בשנת תרנ״ד, חברתי בזמן קצר ספרי „נחלת אבות״. עוד מימי ילדותי היתה לי תשוקה טבעית לספרים כאלה. וכד הוינא טליא אהבתי לעיין „בצמח דוד״ „בשם הגדולים וכדומה, והיה לי לזה כשרון מיוחד.

ע״י השתדלות ג״ל ידידי כאב לי מורי ורבי הגאון הצדיק ר׳ נחמ, אידל מרגליות זצ״ל קבלתי משרת רבנות בעיר אחת קטנה אלט-אויץ קורלאנדן ובראש חדש אדר ראשון שנת תרנ״ז באת לשכון בתוכה, ב״ה הייתי שם בשלום ושלוה.

בשנת תרס״ח, נדפס ספרי „תולדות היהודים בקורלאנד״ ובשנת תרע״ה נדפס הוצאה שניה, כא׳ אב תר״ע מתה עלי רעיתי אשת נעורי הישרה מרת טייבא בת ר׳ ראובן טיין.

בשנת תרע״ד נדפס ספרי „הדרת צבי״ „ודברי לוי״.

א׳ דשבועות תרע״ה ע״י הגזרה הנוראה הוכרחנו לעזוב את קורלאנד. אחרי היותנו שבועות אחדים בריגא, נסענו לעיר ווידז ששמה דרה אחותי הצנועה והחסידה חיי דבורה עם אישה ר׳ יואל - יוסף בר׳ יעקב האבערמאן, (שמה דרו כל ימי חייהם, תחלת שנת תרע״ו מפני מהומת המלחמה הוכרחו לברוח ובאו לטעלז ומתו שמה; אחותי א׳ בסלו שנת תרע״ט, ובעלה בחודש חשון תרפ״ג), בווידז כהן אז פאר הרבנות איש צעיר לימים רב גאון איש

חמודות ר׳ יוסף כהנמן, חתן הגאון הגדול ר׳ ליב רובין אבד״ק ווילקאמיר; נעים היה לי להיות בחברתו של הרב הגאון ר׳ יוסף שליט״א שמצאתי בו איש כלבבי, שמלבד גדלו בתורה במלא מובן המלא, ומרביץ תורה החזיק שם ישיבה שהיה מסור לה בכל לבבו, נפשו ומאדו, הוא גם בעל מדות טובות וכאח וכריע הוא לכל אדם (אחרי מות של הגאון הגדול מרן ר׳ יצחק ראַבינאָוויץ ז״ל אבד״ק פאָנעוועזש, נתקבל לרב אב״ד על מקומו, ומחזיק שם ישיבה גדולה.

בסוף הודש אלול תרע״ה באנו בעיר וויטעבסק, מצאתי שם מן הגולים אנשים מצוינים ביניהם הרב הגאון דרשן מצוין ר׳ מאיר אליה וויינער רב ביעדוואבנא ותחלה בעיר וויזון, תחלת שנת תרע״ו נתקבל לרב בעיר טאמבאוו וחי שם בכבוד; בסוף שנת תרע״ח, כאשר באו הרעניקים בטאמבאוו, בקשו מעדת ישראל סך כסף רב, וכאשר לא היה באפשרם לתן, לקחו הדעניקים לערב את הרב, ואחרי החזיקו אותו איזה ימים הוציאוהו לחפש על איזה ימים, כדי שיכול להשתדל להשיב את הסך המבוקש והתרו בו, שאם יברח, ינקמו מהקהלה, כפי ששמעתי, בקשה הקהלה מרבה האהוב לברח, ולבלי לדאג לגורלה, אבל מיראתו שלא ינקמו מהקהלה. לא שמע להמבקשים. ובא ליים המוגבל להדעניקים, וכאשר הוכרחו לעזוב את העיר לקחו אתם את הרב, ולא היה בכחו ובאפשרו לרוץ עמהם, וקשרו אותו לעגלה, וכשה רוצחים ראו שאפסו כוחתיו, הניחו אותו על הדרך; רעיתו הרבנית מרת שרה בת הגאון ר׳ מנחם מנדל זיוו אבד״ק טאווריג, אף שהדעניקים הניחה אותה חפשי, בכל זה לא הניחה את אישה ללך לבד רק הלכה עמו עם כל המחנה, וכאשר קרבה למקום וראתה את אישה מת, התעלפה מרוב צער, ומתה אצל אישה הרב. ינקום ד׳ נקמת דם עבדיו!

בן מצאתי שם הנכבדים האלה מריגא; הרב הגאון ר׳ חיים יעקב רשל אחד מיחידי סגולה שבו התאחדו, תורה ומעשים טובים, חסידות ועבודה אף שהיו לו עסקים גדולים, אבל העיקר אצלו היה תורה ועבודה, נשא ונתן בח״ת עם גאונים גדולים, קונטרס חדושי תורה מאתו נדפס בספר „שדי חמד״ מהגאון הת״מ הספרדי: ר׳ חיים יעקב נפטר כ״ט אדר שנת תרפ״א.

ובן המופלג ושלם יקר-לב וטהר-רוח ר׳ יצחק גינצבורג חתן הגאון אמתי מרן ר׳ זלמן פראדקין אבד״ק לובלין „בעל תורת חסד״ ובני של העסקן הצבורי ופרטי ר׳ שמעון גינצבורג נודע בשם „ר׳ שמעון שעפטעלס.

גם הייתי מבקר לפעמים את ידידי הרב הגאון המפורסם ר' שמריה ליב מעדאליע, בו מצאתי איש בעל נפש עדינה מוכתר במדות נעלות ורמות' אהוב ונחמד לבריות, עסקן כללי ופרטי.

בוויטעפסק הגדתי בעזר גפ"ת בהמנין הגדול הליבאוויטצי, בנין נאה ומפואר.*) (יצר לי מאוד, כי הנהלה והבית-מקדש מעט הזה, נהפך לזוים, ועתה שעירים מרקדים בו). קודם ר"ח אלול תרע"ח קבלתי טלגרמא מקהלת ישראל בעיר אראל, לבא לבחינה דבר משרת הרבנות שמה, דרשתי שם שלש פעמים, והגבאים ונבחרי הקהלה קבלו אותי לרב, אך מסבות שונות לא יכולתי לקבל את המשרה הזו, ברוך השם שלא נשארתי ברוסיא, ראש חודש חשון תרע"ט שבנו בריגא, והיינו שמה עד ר"ח תמוז תרע"ט, תודה וברכה לידידי מאז הגאון הגדול מרן ר' מנחם מנדל זק שליט"א רב ואבד"ק ריגא' שבהיותי בריגא, השתדל להקל מצבי החומרי, זכרה לי אלוקי לטובה!

ה"י סיון נתקבלתי לרב בעיר מיטוי בהעיר אשר עוד בשנת תרנ"ז, כשנסע הגאון הצדיק ר' נחמן אידל על זמן רב מביתו, קבלתי מכתב בבקשה לבא למיטוי ולמלאות מקומו בשאלות ובעניני הרבנות (אף שהיה בביתו חתנו היקר הרב הגדול ר' יעקב געלגאר, נפטר בהרקוב בשנת תרע"ז) צער ועגמת נפש לרב היה לי, דבר משפטי אשר ממש אין כח בעטי הדל' להאר גודל צערי ויסורי.

ואחרון הכביד הוא מיתת בני החריף ושלם יוסף יעקב יקירי בבת עיני. נולד בעיר אלט-אויין א' דר"ח תמוז שנת תרנ"ה, למד בזאגער אצל המופלג דרשן מפואר מצוין במדות ובמעשים טובים הר"ר בצלאל שמיד (הגלה עם הגולים מעיר זאגער בשנת תרע"ה, ונפטר בוויטעבסק שנת תרע"ט) ואצל הרב הג' המצוין ר' צבי בר' משה שהיה ר"מ בישיבת זאגער ואח"כ רב בעיר לייזעוויא, נפטר בעיר לייזעוויא בן מ"ב שנה כ"ב שבט תרפ"ב (היה חתן הרב הגאון ר' שלמה יעקב שיין אבד"ק לאצקאווע) ואצל הגאון הנודע ר' בן ציון פעלמאן נודע בשם „ר' בענצל ווילנער" (היה רב בעיר ווישענטא, ואח"כ אב"ד בזאגער-ישן ויסד שם ישיבה, נפטר בגולה במבחר ימיו) ואח"כ למד בני בהאמעל בקבוץ בחורים מופלגים ויחריפים, ובני עשה חיל בלמודו בחריפות ובקיאות, אבל לדאבוני דגדול נחלה, כשהוטב בריאתו, נסע לעיר יאלטא בקרים, ואח"כ בא בהארקאוו ששם היתה

*) תודה וברכה מרובה להמופלג אוצר של יראת-שמים וכו' הר"ר מרדכי רובין שליט"א שהוא במעט האחד שהשתדל בעדי בענין הזה, ופעל הרבה.

בתי רבקה מלכה שתחיה.*) נפטר שמה ט"ז בחודש טבת שנת תר"פ. ונקבר שמה על בית-הקברות החדש קווארטאל 1 שורה 29 נומער 11;

זה תשע שנים שאני שוכן פה מיטווי ב"ה בשלום ושלוה. ברוכים יהיו אנשי עדתי המחזיקים אותי בכבוד. ובפרט תודה וברכה לידידי הנכבד ר' קלמן ליב (לעפאלד) בר' שמעון ליבערמאן שמשתדל בעד מצבי החומרי.

---

*) יותר משתי שנים דאגה והשתדלה בעד בני ז"ל; גם רבות עבדה בעדי ובעד בני ביתי עוד מימי ילדותה, ובפרט אחרי מות רעיתי ז"ל שנשארו יתומים קטנים, ובני ישראל שמואל שיחי' נשאר בן שמונה חדשים. ואף שבתי תחי' היתה רכה וצעירה הנהגה את כלכלת ביתי וגדלה את ילדי כאם טובה, ישלם לה ד' בכל טוב ויאריך מיה ושנותיה עם אישה היקר חתני ר' אליה הוד בר' משה יוטער שו"ב פה מיטווי.

# אינהאלט.


לעטלאַנד 10
אידישע געמיינדעס. 60
די לאַגע פון רבנים 62
אין 1915 דער גרויש 64
ריגעיש. הילפס קאָמיטעט 65
אילוקסט. 67
אויטץ. 70
בויסק 72
באַראַויקע 81
גאָלדינגען 81
גראָבין 93
גריזע 94
דאָבלען 96
האַזנפּאָט 99
ווינדוי 111
טאַלסן 114
מאַרזיק 115
טוקום 116
יאַקאָבשטאָט 120
ליבוי 123
מיטוי 132
ניירי 168
סאַסמאַקן 170
פאלאנגען 171
פּילטן 174
פרויענבורג 184
קאַנדוי 185
שאַבילן 186
שובאַט 187
שימבערג. 188
אַבראַהאַמזאָן ד"ר 109
ר' אהרן רב אין ריגע 82
אַטלעס ר' מאיר 129
איזראעלסאָן ר' ישראל 139
איזראעלסאָן ר' מענדל 81
" ר, ברוך יעקב 159
אייזנשטאַט ר' בנימין 96
אייבעל פנחס 109
ר' אליהו קליקעלער 178
איליאָן ר' ראובן יצחק 94
אַפּענהיים ר' אברהם 79
אפראימזאָן ר' יעקב 115
אַפּר. ימזאָן ר' יקותיאל 79
אַרענאָוויין ר' יצחק 107
אַשכנזי ר' יוסף 122
אשכנזי ר' זעליג 182
בלאָך ר' חיים יצחק 78
באַסאָוו ר' יהושע 78
באַרקום קלמן 145
" שמשון 145
בלומענפעלד ר' יוסף 117
" ר' שמעון 146
" ר' משה 147
בלומבערג ר' מש' יחזקל. 80
בירשטיין ר' אברהם 122
בורשטיין ר' הירש 127
ר' ביינעש רב אילוקסט 69
בוימאַן ר' נפתלי אליעזר 69
בעניאַמינסאָן ר' ירחמיאל 94
בענהארד ד"ר 109
בערמאַן ר' הלל 109
בערנשטיין ר' יוסף 184
בערנשטיין ר' יהוד' טובי' 184
ברוידא ר' הירשעלע 84
ברלין זיסקינד 66
גינזבורג ר' לייב שאול 122
גרין ר' חיים מאיר 94
" ר' אלי' אהרן 94
גרשוני ר' שמואל 127
דאט ר' זלמן אהרן 79
דובער בהקדוש 144
דובין מרדכי בהקדוש 195,11
דוביצקי אברהם שמואל 93
דון יחייא ר' ברוך 104
" ר' מענקא 104
" ר' שבתי 105
" ר' אליעזר 105
" ר' חיים 106
" ר' בן ציון 105
דייטש ר' בנימין 188
דעמאַנט ר' בער 182
הורוויץ ר' אהרן 101
" ר' יהושע פאלק 114
" ר' שמעון " 149
" ר, יהודא ד"ר 145
הירשזאָן ר' יהודא 185
הירשאָוויץ ר' זלמן 92
" ר' אייזיק 115
" ר' אברהם 115
" ר' יהושע 172
הערצענבערג ר' אלי' 182
" ר' יוסף 128
הערצפעלד ר' אליקום 93
הערצקאָוויץ ר' הירש 188
הערץ פראָפעסער 147
היימענסאָן ר' יצחק 185
וואָנש ר' אלימלך 68
וואָלפערט ר' חיים 98
וואונדערבאַר ראובן 149
וואַסערמאַן ר' אלחנן 129
וואלף קאנסולאט 149
ווינער ר' אליה מאיר 194

ווייננבערג ר' ליפמאן 119
ז"ק ר' מענדל, 67 186, 195
זעליגמאן ר' דובער 95
" ר' מיכאל יעקב 95
" ר' חיים דוד 96
" ר' ישראל 96
זערדין ר' אברהם זלמן 80
זרחי ר' שמעון 120
חיימאוויץ ר' ישראל 140
טאביאם ר' שלום הירש 187
טאביאם ד"ר 109
יואלסאן ר' אליו 182
" ר' אברהם 182
יאקאבסאן ר' אלי' 130
" ר' משה 108
" ר' אפרים 142
ר' יוסף כלב 102
ר' יוסף שלמה 103
יפה ר' דוד 79
" ר' משה יונה 79
" ר' אליהו שמואל 187
ר' יעקב טריסקער 139
ר' יצחק האזנפאטער 76
ר' יצחק רב אין ליבוי 127
ר' יצחק בן יהודא 153
ר' ישראל אולער 122
כהנא ר' נחום מיכל 173
כהן ר' לייב 169
" ר' אלי' "
" ר' שמעון 143
כהנמן ר' יוסף 194
לאכמאן ד"ר 109
ליבשיץ ר' חיים 113
" ר' דובער "
" ר' הלל "
" ר' יחזקאל 76
" ר' יעקב 115
ליטווין ר' ישראל 184
ליכטענשטיין ר' מרדכי 117
" ר' ליפמאן 119
" ר' הירש 120
ליקנייצקי ר' יודל 142
" ר' הערץ "
ליפקין ר' וואלף 83
" ר' ישראל 86
" ר' ידידא 90
" ר' ארי' ליב 91
לעווינטאם ר' הירש 99
" ר זלמן "
לעווענבערג ר' אברהם 171
לעווינסאן ר' אלי' 120
" ר' יהושע 149
" ר' ראובן 184
לעווינשטיין יואל דוד 121
" ר' מרדכי 130
לערנבלאט ר' משה 171
לפידות ר' סנדר משה 75
מארקוזע ר' זלמן 115
" ר' בנימין 114
מארק ר' יהודא 170
" יעקב 171
מושקאט שלמה ד"ר 72
מיכעלאווין ר' ליב 71
ר' מיכל האזנפאטער 106
מינקין ר' ברוך וועלוויל 98
" ר' רפאל ראובן 98
ר' מרדכי רב שימבורג 188
מרגלית ר' אלי' 69
" ר' נהמן אידל 140
ר' משה איצל 91
ר' משה ישראל 97
ר' משה אברהם 69
ר' משה חיים 80
ר' משה יהושע 93
נחומאויכקי ר' בער 93
נוראק ר' הירש 141
" מרדכי 141
" דובער ד"ר 130
" ר' אהרן 130
סאמינאיו מרדכי אורי 111
" ר' אפרים 114
סגל ר' יחזקאל 156
סגל יוסף ראבינער 186
סטול ר' משה שלום 185
סירקין ר' יחזקאל 121
ערליך אבא ד"ר 148
עלישבערג ר' מרדכי 75
" ר' יונתן 76
עפשטיין ר' בער 188
" ר' חיים פישל 129
פוטערמאן ר' בנימין 69
פוכער רבינער 143
פורת ר' קלמן צבי 81
פלעקסער ר' יעקב 122
פרייל ר' יהושע 192
פרידבערג ליב 94
פרידמאן ר' ליפמאן 168
" ר' יהיאל 169
" ר' אלי 169
" ר' ישראל 138
פרידנטאל ד"ר 109
ציוני ר' נפתלי 96
ציוני ר' יצחק 97
קאנטאר ליב 130
קאצענעלזסאן ניסן 130
קארב ר' חיים יצחק 170
קאליף דניאל 108
קוק ר' אברהם יצהק 76

1372/33

קלאצקין ר' הערץ 180
קלאצקין ר' יהושע 129
קראן יהודא 147
ראבינאָוויץ ר' אלי' דוד 78
ראבינאוויץ ר' אבא 71
רבינער ר' מרדכי 73
" ר' בײנעש 190
רבינביין ר' יוסף 108
ראבינסאָן ר' וואלף 94
ראווינסאָן ר' יוסף 170
ראווינסאָן ר' גרשון 170
ראזענטאל ר, מרדכי 120
ראלבע ר' הירש 186
ראם ר' שלמה מענדל 80
ראצקער ר' ליב 170
ראשקעס ר' ליב 121
ריבלין ר' אביגדור 168
" ר' יעקב אלי' 168
רעגענשבורג ר' דוד 114
" ר' מנחם דוב 114
רעגענשבורג ר' בצלאל 169
רעוויעל ר' נחום שרגא 92
" דובער ד"ר 92
רישל ר' חיים יעקב 194
שאפער ר אבא שבתיד"ר 79
שטערן ר' יוסף זכריה 79
שטערן ר' מרדכי 185
שיינפעלד מ' ד"ר 150
שיק ר' אלי' לידער 125
שלאָסבערג ר' אברהם 70
ר' שלום יאנישקער 92
שעוועלאָוויץ ר' יעקב 71
שערהיי ד"ר 152
ר' שמעון מנשה 182
שאפירא ר שואל 178
שפיין ר' לוי צבי 198
תאומים ר' שמואל 134

# תיקון טעות

| גערדוקט | — דארף זיין | זייט |
|---|---|---|
| פרנעויעז | פאנייעז | 178 |
| ד"ר מ. נוראָק | ד"ר א. נוראָק | 16 |
| א מחלקה | מחלקה | 19 |
| וואנדעפאר | וואנדערבאר | 24 |
| ישגרש | ישגרם | 48 |
| גרסםר | גרעסער | 51 |
| פאלאצק | פלאצק | 76 |
| ברירמאָןר'שלמ' | מענדל, ראם | 79 |
| תרל"י | תרל"ו | 105 |
| יעקב מאיר | יעקב מאיר | 122 |
| לח"ך | לח"ק | 139 |
| אלע ספרים | אלע מספרים | 96 |
| הגאון ר' זעליג געשטאָרבן תרנ"ז | געשטאָרבן תרל"ז | 96 |
| 63 יאָר | אלט 93 שורה 15 | 105 |

| גערדוקט | — דארף | זיין זייט |
|---|---|---|
| שורה 29 פעלט געשטאָרבן יאָר תרפ"ז | | 105 |
| זבד טוב | זבד טוב | 137 |
| שמואל בר' אלחנה שמואל בר' אלקנה | | 134 |
| נאָך מיין מיינונג איז דער מקום | | |
| שמואל געקימען אף פסח איבעריק | | 135 |
| כבלו | כסלו | 136 |
| אזא אמן | א נאמן | 136 |
| ערליך | עלריך | 144 |
| געקומען אין ריגע 1883 | 1890 | 152 |
| תקע"ט | תק"ט | 159 |
| 1826 | 1856 | 161 |
| פלוים | פלום | 178 |
| איצט איז דער פרעזים הרמן בהן | | |
| דארף זיין דער וויצע פרעזים | | 162 |